ITSIK MANGER

Jechiel Hofer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

יחיאל הופר — איציק מאנגר

מסות

יחיאל האָפּער — איציק מאַנגער

עסייען

HOFER, YEHIEL

יחיאל האָפּער

ITSIK MANGER

איציק מאַנגער

עסייען

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

1979

יחיאל הופר

איציק מאנגר

מסות

תירגם מיידיש: חנוך קלעי

הוצאת י.ל. פרץ ישראל

1979

ליום השנה העשירי למות

איציק מאנגר

וליום השנה השביעי למות

יחיאל הופר

ספר הערצה ואהבה

לוועד הנכבד על שם איציק מאנגר

תודתי

חנה הופר

צו דער צענטער יארצייט פון

איציק מאנגער

און דער זיבעטער פון

יחיאל האפער

דאָס בוך פון פארערונג און ליבשאַפט

דעם חשובן איציק מאנגער קאמיטעט

מיין דאנק

חנה האָפער

תוכן:

תמונות:

צילומים:

אינהאַלט:

פּאָרטרעטן:

פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען:

כ'האָב איינגעשפּאַנט דעם „באַפליגלטן לאַשעק" פאַר עטווע
צוואַנציק יאָרן,
פונקט ווי מײַן זיידע האָט געשפּאַנט זײַנע קאַשטאַנס אין
סטאָפּטשעס
און רײַטנדיק גאַלאָפּ בין איך פאַרפאָרן העט, העט, העט,
וואו די שײַנקייט ווישט די טרערן אָפּ פון אַלע צער'ן.

איציק מאנגר

כאשר סגנון-החיים היהודי המונומנטלי, אף כי עדיין לא טהור בכולו, המשובץ במסגרת הממלכתיות היהודית, נתמוטט עקב חוצפתה של בבל ולימים שוב עקב עקשנותה של רומי — קמה המיניאטורה של העם, המשפחה היהודית הסגורה ומסוגרת הרמטית והעבירה אל עצמה ואף נשאה בתוכה, במשך אלפי שנות גלות, את כל עושרו של אורח-החיים היהודי האדיר. בתפילות תחת קרבנות, בשולחנות ערוכים תחת מזבחות, בסמלים תחת מעשים, בשיר תחת פועל, בגדרים וסייגים, במאבק עם אחרים, קיימה והעשירה המיניאטורה של העם, המשפחה היהודית, את סגנון־החיים היהודי עד היום הזה.

כאשר הסגנון המונומנטלי של תקופת-הרנסאנס עמד לשקוע, בא בנוונוטו צ׳ליני ובמיניאטורה שלו, באיזמל ומשוף של גלף גאון, הנציח בתבנית מקוצרת, סגר בקו מכונס את עושרה של תקופה, שכבר מחמת עושרה בלבד ניטל עליה להסתיים, שכבר מחמת המונומנטליות שלה בלבד לא יכלה למצוא לה עוד מקום בעולם.

כמו שהותקנה תיבת-נוח, שהיתה מיניאטורה של עולם החי בתוך ים של אבדן, כך המיניאטורה מותקנת מראש בחוקי סגנון מיוחדים, כדי לאפשר את העמידה בסופה בזמן של שואות המתחוללות בהיסטוריה ובתולדות־התרבות.

כאשר סגנון־החיים של יהודי פולין, העשיר עד כדי בזבוז, נידון לכליה יחד עמהם, ובסוד — אף לפניהם, הגיע קודם מרומניה אל פולין



אַרטור קאָלניק. אייל בילד פון איציק מאַנגער. אַ מתנה פאַר י. האָפּערן.
אַרתור קולניק. תמונת שמן של איציק מאנגר. מתנה לי. הופר.

איציק מאַנגער

ווען דער נישט גאַנץ ריינער, אָבער מאָנומענטאַלער יידישער סטיל, איינגעפּאַסט אין דער ראַם פון יידישער מלוכהשקייט, איז געשטירצט געוואָרן פון בבלישער חוצפּה און שפּעטער פון רוימישער פאַרביסנקייט — איז געקומען די מיניאַטור פון פאָלק, די הערמעטיש פאַרמאַכטע יידישע משפּחה און איבערגעטראָגן אויף זיך און אין זיך, אין משך פון טויזנטער יאָרן גלות, דאָס גאַנצע רייכטום פון מעכטיקן יידישקייט. מיט תּפילות אַנשטאָט קרבנות, מיט געגרייטע טישן אַנשטאָט מזבחות, מיט סימבאָלן אַנשטאָט מעשׂים, מיט ליד אַנשטאָט טאַט, מיט גדרים און סייגים, מיט קאַמף מיט זיך אַנשטאָט מיט יענעם, האָט די מיניאַטור פון פאָלק — די יידישע משפּחה, אויפגעהאַלטן און באַרייכערט דעם יידישן סטיל ביז היינט צו טאָג.

ווען דער מאָנומענטאַלער סטיל פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, איז געקומען בענווענוטאָ טשעליני און אין דער מיניאַטור זיינער, מיטן שפּיזל און פיילעכל פון אַ געניאַלן ציזעליאַטאָר, פאַראייביקט אין אַ פאַרקירצטער פאָרעם, פאַרמאַכט אין אַ קאָנדענסירטער ליניע די רייכקייט פון דער עפּאָכע, וואָס שוין צוליב איר רייכקייט אַליין האָט זי זיך געמוזט אויסלאָזן, וואָס שוין צוליב איר מאָנומענטאַלישקייט אַליין, האָט זי זיך קיין אָרט אין דער וועלט נישט געקאָנט געפינען.

די מיניאַטור ווערט, דורך ספּעציעלע געזעצן פון סטיל, פאָרויס צוגעגרייט, ווי נח׳ס תּיבה, וואָס איז געווען אַ מיניאַטור פון אַ לעבעדיקער וועלט אין ים פון פאַרניכטונג, בכדי מעגלעך צו מאַכן אַדורכצוטראָגן דעם שטורעם בעת געשיכטלעכע און קולטור־געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס.

אין דער צייט ווען דער פאַרשווענדעריש רייכער סטיל פון פּוילישן יידנטום איז צוזאַמען מיט אים, און בסוד פאַר אים, פאַרמשפּט געוואָרן

איציק מאנגר ותפס בחטף במיניאטורות הכתובות שלו, את העצב והתוגה, ואת מעט השמחה של הקבצן העשיר, שזרה זהב-פרווים, אף כי אך לעתים רחוקות היה לו מה להכין לשבת. דורי-דורות של הווי עשיר כלא הוא, איציק מאנגר, בטוריו הקצרים, כלל אותם לעד.

המיניאטורות היהודיות, המשפחות של העם המפוזר, בנדודיהן הקשים בדרכי-גלות, נתעייפו לא אחת מנשיאת העול של סגנון־החיים היהודי, שהעשיר והלך ובו-בזמן הכביד והלך. לעתים לא-רחוקות ישבו לנוח על ספי נכרים ולפעמים אף נשארו שם לעד. קצתם השליכו מעל עצמם בכעס, באמצע הדרך, לא בהזדמנות הראשונה ולא בהזדמנות הטובה ביותר, את העול של אורח-החיים היהודי וקיבלו עליהם את השליחות להילחם בכל מה שהיה אצלם עוד אתמול קדוש ויקר ולהשמיצו. אבל רוב המשפחות הוסיפו לשאת את ירושת־הדורות הגדולה עד הסוף.

ואולי עתה העת, שהמיניאטורה תחזיר לעם את הפיקדון, שהפקידו אצלה לפני דורות כה רבים, בשעה של שואה היסטורית, ואשר היא, המשפחה, שמרה עליו בנאמנות.

האסכולה ההולאנדית בציור, הרומאנטיזם והאימפרסיוניזם הגדול, ועוד קודם־לכן הבארוק הספרדי, הם שפטרו את המיניאטורה של הרנסאנס מן השמירה על המורשה, שנראתה בשעתה כגילוי הגדול ביותר וכאחת כגילוי האחרון שבכל גילויי-האמנות הגאוניים.

אבל אין לו לאיציק מאנגר למי למסור את המורשה, אין מי שישחרר את המיניאטורה. מה שכלא הוא במיניאטורה, מה שכישף לתוכה. כפי שהיה הוא אומר — כבר יישאר סגור ומסוגר לעולם. הוא יודע מראש, כי ממיידאנק הגדי הצחור לא ישוב, הוא יודע, כי טווס-הזהב הועף עם עשן המשרפות לעדי-עד.

אויף אונטערגאַנג, איז פון פּאַרויס געקומען פון רומעניע קיין פּוילן איציק מאַנגער און אונטערגעכאַפּט אין זיינע געשריבענע מיניאַטורן, דעם קלאַנג און די פאַרב, דעם חלום און וויניק די וואָר, דעם טרויער און אומעט; און וויניק די פרייד פון דעם רייכן קבצן, וואָס האָט געוואָרפן מיט גינגאָלד און זעלטן געהאַט אויף שבת. יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער פון רייכן שטייגער האָט ער, איציק מאַנגער, אין זיינע שמאָלע פּערזן אויף אייביק פאַרמאַכט.

ס׳זענען די יידישע מיניאַטורן — די משפחות פון צעזייטן פאָלק, אין שווערן וואָלגער אויף גלות־וועגן, נישט איין מאָל מיד געוואָרן פון טראָגן אויף זיך דעם עול פון יידישן סטיל, וואָס איז כּסדר רייכער און איינציייטיק שווערער געוואָרן. זיי האָבן זיך, נישט זעלטן, אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף פרעמדע שוועלן און טייל מאָל אויף אייביק דאָרטן פאַרבליבן. ס׳האָבן טייל פון זיי מיט כּעס אין מיטן וועג, נישט ביי דער ערשטער און נישט ביי דער בעסטער געלעגנהייט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון יידישן סטיל און גענומען אויף זיך די מיסיע פון באַקעמפן און באַשמוצן דאָס, וואָס איז נאָך נעכטן ביי זיי אַליין געווען הייליק און טייער. אָבער די גרויסע צאָל פון משפחות האָבן די גרויסע ירושה פון דורות געטראָגן ביזן סוף.

און איצט איז אפשר די צייט, ווען די מיניאַטור וועט צוריק אַוועקגעבן דעם פאָלק דעם פּקדון, וואָס מ׳האָט איר מיט אַזוי פיל דורות צוריק, אין דער שעה פון היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע, אָנפאַרטרויט, און וואָס זי, די משפחה, האָט געענוג ערלעך אויסגעהיט.

ס׳האָט די האָלענדישע שול אין דער מאָלעריי, דער ראָמאַנטיזם און דער גרויסער אימפּרעסיאָניזם, און נאָך פריִער דער שפּאַנישער באַראָק, באַפרייט די רענעסאַנס־מיניאַטור פון אָפּהיטן די ירושה, וואָס האָט זיך בשעתה אויסגעוויזן צו זיין די גרעסטע און צוגלייך די לעצטע גאונישע קונסט־אַנטפּלעקונג.

נאָר איציק מאַנגער האָט נישט וועמען די ירושה איבערצוגעבן, די מיניאַטור אויפצולעזן. דאָס, וואָס ער האָט אין דער מיניאַטור פאַרמאַכט, פאַרכּישופט, ווי ער וואָלט געזאָגט — וועט שוין בלייבן אויף אייביק פאַר־שלאָסן. ער ווייסט פאָרויס, אַז דאָס ווייסע ציגעלע וועט פון מיידאַנעק נישט קומען צוריק. ער ווייסט, אַז די גאָלדענע פּאַווע איז אויף אייביק פאַרפלויגן מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס.

ולפי שיצירתו של מאנגר נובעת ממקור העם, ולפי שתפיסתו הפייטנית היא תרבותית־היסטורית, לפיכך הפייטן מהלך ובלבו הפחד המבוסס, שמא יפול מה שהושמד ונהפך לאבק ויישמט מתוך הרציפות. או־אז תישאר אמנותו לעדי-עד בתוך התבנית, שבה כלא אותה. בינתיים הוא מוסיף לזמר את שיריו בפי אחיו נטע מאנגר, צוער־החייט, ועל ראשו המפייט „מרטט כתר הצער".

הכיצד, באילו אמצעים מגיע איציק מאנגר לדקות אמנותית במיניאטורות שלו ? (בינתיים נדבר על שירי־התנ"ך שלו). מאנגר אינו משנה את הקו הרישומי, הציורי ; בעיקר הוא משנה את הקו ההיסטורי. הוא מחבר שתי תקופות היסטוריות (או יותר), שלפעמים הן מרוחקות זו מזו מרחק-זמן גדול. הוא מלביש ומקשט תקופה אחת בהווי של חברתה. ולא רק בהווי החיצוני הוא מקשט תקופות. הוא מערבב יחד השקפות־עולם שונות, תפיסות-עולם אתיות ואסתיטיות שונות, אופנים שונים של תגובה על מאורעות וקבלתם. בחכמה וביומנה מטפל הוא בפרטים הנבדלים ביותר ; כיוון שהוא אמן הבלדה, כיוון שהוא יודע כי העיקר בבלדה הוא טוהר הגורם הציורי או הרעיוני (דבר זה מצוי גם באמנות) — יודע הוא גם את חכמת המיניאטורה ואת סודה, יכול הוא להכניס בהתאמה הרגשות של דורות בטור צר אחד ולצפותו בפאטינה, שבלעדיה אין ערובה להתמד קיומה של שום הבעה אמנותית.

מאנגר משתמש באלמנטים ריאליסטיים ומגיע לתמונות פאנטאסטיות ביותר. כמו כל אמן ישר, הרוצה והאנוס להילחם בחוקי הפיסיקה (צבע וצליל), שומר גם מאנגר בהקפדה על חוק הפסיכולוגיה המאשר כי הדמיון הוא חתך בתוך אלמנטים ריאליסטיים נבדלים וחיבור שלהם.

און ווייל מאַנגערס שאַפן שטאַמט פון פאָלקס מקור, ווייל זיין דיכטערישע קאָנצעפּציע איז אַ קולטור־היסטאָרישע, דערפאַר גייט דער דיכטער אַרום מיט אַ באַגרינדעטער מורא, אַז דאָס, וואָס איז פאַרניכטעט און צעשטויבט געוואָרן, זאָל אַ מאָל נישט אַרויספאַלן פון דער ליניע פון קאָנטינויִטעט. דאַן בלייבט דער דיכטער אַ נישט פאַרשטאַנענער פאַר די צוקונפטיקע דורות, דאַן בלייבט זיין קונסט שוין אויף אייביק אין דער פאָרעם, אין וועלכער ער האָט זי פאַרשלאָסן. דערווייל זינגט ער ווייטער זיינע לידער דורכן מויל פון זיין ברודער נאָטע מאַנגער, דעם שניידער־געזעלן, און אויף זיין דיכטערישן קאָפּ „ציטערט די קרוין פון צער״.

ווי אַזוי, מיט וואָס פאַראַ מיטלען דערגרייט איציק מאַנגער צו קינסטלערישער פּינעזיע אין זיינע מיניאַטורן? (לאָמיר דערווייל רעדן וועגן די תנ״ך־לידער). מאַנגער דעפאָרמירט נישט די געצייכנטע, די מאָלערישע ליניע, ער דעפאָרמירט דער עיקר די געשיכטלעכע ליניע. ער באַהעפט צוויי (אָדער מער) געשיכטלעכע עפּאָכעס, וואָס ליגן איינע פון דער צווייטער טייל מאָל אין אַ גרויסן צייט־מרחק, ער טוט אָן און באַפּוצט איין עפּאָכע מיטן שטייגער פון דער צווייטער, און נישט נאָר מיט אויסערלעכן שטייגער באַפּוצט ער עפּאָכעס. ער מישט אויך צונויף פאַרשידענע וועלט־אָנשויונגען, פאַרשידענע עטישע און עסטעטישע וועלטבאַנעמען, פאַרשידענע אופנים פון רעאַגירן און אויפנעמען געשעענישן. ער אָפּערירט קלוג און געשיקט מיט די פאַרשידנסטע דעטאַלן, ווייל ער איז דער מייסטער פון דער באַלאַדע, ווייל ער ווייסט, אַז דער עיקר אין אַ באַלאַדע איז די ריינקייט פון דעם מאָלערישן אָדער אידעיִשן (אַזוינס איז אויך אין קונסט פאַראַן) פאַקטאָר — קאָן ער אויך די חכמה און דעם סוד פון דער מיניאַטור, פון אַריינפּאַסן די פּילונגען פון דורות אין איין שמאָלן פּערז און באַדעקן אים מיט פּאַטין, אָן וועלכער קיין שום קינסטלערישע אויסערונג האָט נישט די גאַראַנטיע פאַר איר דויער.

מאַנגער באַנוצט זיך מיט רעאַליסטישע עלעמענטן דערגרייכנדיק די סאַמע פאַנטאַסטישסטע בילדער. ווי יעדער ערלעכער קינסטלער, וואָס וויל און מוז באַקעמפן די געזעצן פון פיזיק (פאַרב און קלאַנג), היט אויך מאַנגער שטרענג אָפּ דאָס געזעץ פון פּסיכאָלאָגיע וואָס באַשטעטיקט, אַז די פאַנטאַזיע איז אַ דורכשניט און אַ באַהעפטיקונג פון פאַרשידענע רעאַליסטישע עלעמענטן.

איציק מאנגר אינו בעל־דימויים, כפי שנדמה להם לאנשים אחדים. כשהוא שם בתוך כיסו של העני את סהר-הכסף, אין הוא עושה כן לשם המטפורה הנמתחת, אלא סתם מתוך טוב־לב פאנטאסטי. הוא עשיר, מפני שיש לו דמיון. ואם כך, מדוע באמת לא יזכה את הבחור העני בעטרה של זהב-פרויים? ומדוע באמת לא יצוץ ויעלה, אפילו מתוך קבר האם, חתן בשביל היתומה שהגיעה לפרקה?

מאנגר אינו זורק ומטיל אידיאות. אין הוא מחשיב אידיאות, שאי־אפשר לשימן במהרה לתוך ידו של אחר, שאי-אפשר לקלוע בהן מיד לתוך לבו של אחר. במתות־האמנות שלו רוצה הוא לאלתר ובמישרין לחון את האדם הכמה והעורג להן. הוא גם מורה מיד על המען הנכון, היכן ואצל מי לרוות את הערגה. לא לחינם תפגשו בשיריו פניות כגון אלו: „מצאו־נא מי עשה את השיר?" ותארו לעצמכם: „צוער־חייט עשה אותו!" הוא רוצה שתדעו כי מקור המתנות הוא בפייטן גופו. במקום אידיאה נותן הוא חומר אמנותי, והמבין בדבר יידע כיצד להעריך את זה וכיצד ליהנות מזה.

המניע ביצירת איציק מאנגר, כמו המניע שבכל יצירה גדולה ואמיתית, הרי הם הגעגועים. אבל הגעגועים של האמן אינם געגועים סתם אל „משהו", אלא געגועים הנוטפים מתוך שמחה, מתוך בעלות, מתוך החזקה בקניין, ומתוך עצבות, מתוך כמיהה ורצייה, מתוך התביעה „יותר". הרי אלו געגועים אל „יותר", הנובעים מהעדר־השובע של אחוז-הבולמוס. אין זו הקינה על מה שעבר וחלף, אלא זו הקינה על מה שעבר וחלף קודם זמנו, קודם שבשל.

שאיפתו של מאנגר לשלימות, למלאות, נעצרת היטב ובחכמה על־ידי מנגנונו המדויק, האמנותי. רעבונו אל ה„יותר" אינו מביא אותו לידי הפרזה, לידי גיוון-יתר. לשם העושר שלו, השלמות שלו, אין מאנגר נוטל יותר ממה שבהחלט דרוש לו. צבעיו הראשיים אינם אלא שניים-שלושה: כחול, זהב (זהב־פרוים), ולאחרונה גם כסף. אלו הם הצבעים המלאים, שאתם רואים על כל צעד ושעל, המתנצנצים בעיניכם בלי הרף,

איציק מאַנגער איז נישט קיין אימאַזשיניסט ווי טײל קאָן זיך אויס־דאַכטן. אויב ער׳לייגט אַריין דעם אָרעמאַן די זילבערנע לבנה אין קעשענע, איז עס נישט לשם אַנגעצויגענעם מעטאַפאָר, נאָר פשוט פון פאַנטאַסטי־שער גוטסקייט. ער איז רייך, ווייל, ער האָט פאַנטאַזיע. און אויב אַזוי טאָ פאַר וואָס זאָל ער טאַקע נישט באַגליקן דעם אָרעמען בחור מיט אַ גינ־גאָלדענער קרוין? און פאַר וואָס זאָל טאַקע, אַפילו פון דער מאַמעס קבר, נישט אַרויסוואַקסן אַ חתן פאַר דער פאַרזעסענער יתומה?

מאַנגער וואַרפט נישט קיין אידייען, ער האַלט נישט פון קיין אידייען, וואָס מ׳קאָן זיי נישט יענעם באַלד אַריינלייגן אין האַנט, מיט וועלכע מ׳קאָן נישט באַלד טרעפן יענעם אין האַרץ. ער וויל מיט זיינע קינסטלערישע מתנות באַלד און דירעקט באַשענקען דעם מענטש, וואָס גאַרט און בענקט נאָך זיי. ער ווייזט אויך באַלד אָן דעם ריכטיקן אַדרעס, ווו און ביי וועמען די בענקשאַפט צו שטילן. נישט בחינם טרעפט איר אין זיינע לידער אַזעלכע אָדער ענלעכע ווענדונגען: „טרעפט ווער ס׳האָט דאָס ליד געמאַכט?" און שטעלט זיך פאָר: „אַ שניידער־יונג האָט עס געמאַכט!" ער וויל איר זאָלט וויסן, אַז פון אַ פאָעט שטאַמען די מתנות, ער גיט אָנשטאָט אידייע, קינסט־לערישע מאַטעריע און ווער ס׳קאָן זיך דערוויף, דער ווייסט, ווי אַזוי עס צו שאַצן און ווי אַזוי דערפון צו געניסן.

דער מאָטאָר פון איציק מאַנגערס שאַפן, ווי דער מאָטאָר פון יעדן גרויסן און עכטן שאַפן, איז די בענקשאַפט. די בענקשאַפט פון קינסטלער איז אָבער נישט קיין בענקשאַפט סתם אַזוי — נאָך „עפּעס", נאָר ס׳איז אַ בענקשאַפט, וואָס טריפט פון פרייד, פון האָבן, פון באַזיצן און פון אומעט, פון גאַרן און פון וועלן, פון פאָדערן „מער". ס׳איז די בענקשאַפט נאָך „מער", וואָס קומט פון דער נישט געזעטיקטקייט פון באַזעסענעם. ס׳איז נישט דאָס באַוויינען דאָס, וואָס איז אַוועק, נאָר דאָס באַוויינען דאָס, וואָס איז אַזוי פרי און אַזוי נישט רייף אַוועק.

מאַנגערס שטרעבן צו שלימות, צו פולקייט, ווערט גוט און קלוג גע־העמט פון זיין פרעציזן, קינסטלערישן מעכאַניזם. זיין הונגער נאָך דעם „מער" דערפירט אים נישט צו קיין איבערגעטריבנקייט, צו קיין בונטקייט. מאַנגער נעמט צו זיין רייכקייט, צו זיין שלימותדיקייט נישט מער, ווי דאָס, וואָס איז אים אומבאַדינגט נויטיק. זיינע עיקרדיקע פאַרבן זענען נישט מער ווי צוויי, דריי: בלוי, גאָלד (גינגאָלד) און לעצטנס אויך זילבער. דאָס זענען די פולע פאַרבן, וואָס איר זעט זיי אויף יעדן טריט, וואָס גלאַנצן

ועם זאת הם צבעים מופשטים — צבעים שכל אחד מהם הוא כבר כמעט השקפת־עולם.

כשהיצירה העממית הפרימיטיבית, ואפילו מקורה בלבד, נפגשים ומתלכדים עם אמנות מעודנת, כשהאמצעים השונים של היצירה העממית נופלים לתוך ידיו של אמן המיטיב לדעת את מטרתו, עולה לפנינו התופעה של ההינתקות הבשלה מן הזמן, עולה לפנינו התופעה של שירה טהורה היכולה כבר בתורת שירה נצחית לנדוד ולעבור את הדורות.

זה היסוד של החירות האמנותית: להינתק כדי להיארס לנצח. זו היא היכולת להסתובב על כנף של טחנת-רוח, היכולת לעוף אחרי „טווס-הזהב". אבל לא בלי דאגה, לא בלי כיסופים, לא בהפקרות ולא בלי עמל קשה על כל אחד מטורי־השיר.

חירות, חירות אמנותית, משמעה שירות, אבל שירות למען מלוא־השכלול בלבד; הרי זה הרצון להשיג שלמות. השירות למען דבר שאינו משוכלל — משמעו השתעבדות.

אפשר לדמות, כי איציק מאנגר מאוהב בנדודיהם של „זמרי ברוד", כי חביבים עליו נדודי-הפקר. הסבורים כך, אינם רואים כי מאנגר היה אומלל, אילו לא החזיק בידו את הרסן העוצר את תאוותו לבזבוז; אילו לא לחש לו כשרונו היכן להיעצר בדרכו המאובקת כדי להרים אבן-חן שכוסתה בעפר לגובה ולעומק.

„אדע, באשר תתנדנד עריסה בעולם,
העמיד אלהים ברוך הוא
מלאך עצוב על המשמר".

(„ענני מעל לגג")

מפני מה תוגה, מפני מה מלאך עצוב? מפני מה התוגה תופסת מקום גדול כל־כך ביצירתו של מאנגר, ואגב-אורח — ביצירתם של כל המשוררים הגדולים?

מפני שכל משורר אמיתי יושב ליד המאזניים הגדולים שבהם נשקלים מעשים קטנים, אנושיים, רגשות דקים, אישיים, עצמיים, שאינם

כסדר אין אייערע אויגן, אָבער וואָס זענען איינצייטיק אַבסטראַקטע פאַרבן — פאַרבן, וואָס יעדע פון זיי איז שוין כמעט אַ וועלט-אַנשויונג.

ווען פרימיטיוו פאָלקסשאַפן, ווען אַפילו בלויז איר מקור, טרעפט זיך צונויף מיט ראַפינירטער קונסט, ווען די פאַרשידענע מיטלען פון פאָלקס־שאַפונג פאַלן אַריין אין די הענט פון אַ ציל־באַוווסטזיניקן קינסטלער, באַקומט זיך די דערשיינונג פון רייפן אָפּשניידן זיך פון דער צייט, עס באַקומט זיך די דערשיינונג פון ריינער דיכטונג, וואָס קאָן שוין אָן אייביקע וואַנדערן דורך דורות.

דאָס איז דער יסוד פון קינסטלערישער פרייהייט: אָפּרייסן זיך בכדי אויף אייביק זיך פאַרקנסן, דאָס איז דאָס קאָנען זיך דרייען אויף אַ פליגל פון אַ ווינטמיל, דאָס קאָנען נאָכפליִען די „גאָלדענע פאַווע". אָבער נישט אָן זאָרג, נישט אָן בענקשאַפט, נישט הפקרדיק און נישט אָן שווערער אַרבעט איבער יעדן פערז.

פרייהייט, דיכטערישע פרייהייט, הייסט דינען, אָבער נאָר דינען דער פולקאָמהייט, לכל־הפחות האָבן דעם ווילן צו גאַנצקייט. דינען אַ נישט פול־קאָמער זאַך — הייסט זיך פאַרשקלאַפן.

מ׳קאָן מיינען, אַז איציק מאַנגער איז פאַרליבט אין וואָגל פון די „בראָדער זינגער", אַז עס איז אים ליב דער וואַנדער דורך הפקר. די וואָס מיינען אַזוי, זענען נישט אַז מאַנגער וואָלט געווען אומגליקלעך, ווען ער וואָלט נישט געהאַלטן אין זיין האַנט די צוים, וואָס העמט זיין ווילן צו פאַרשווענדערישקייט. ווען זיין טאַלאַנט וואָלט אים נישט אונטערגעזאָגט, ווו זיך אָפּצושטעלן בכדי אויפצוהויבן אַן איידלשטיין, וואָס איז הויך און טיף פאַרשיט געוואָרן אויף זיין שטויביקן וועג.

איך וויים, ווו ס׳וויגט אַ וויג זיך אין דער וועלט,
האָט גאָט ברוך הוא אָוועקגעשטעלט
אַ טרויעריקן מלאך אויף דער וואַך.

(„וואָלקנס איבערן דאַך")

פאַר וואָס אומעט, פאַר וואָס אַ טרויעריקן מלאך? פאַר וואָס פאַרנעמט דער אומעט אַזאַ גרויס אָרט אין מאַנגערס שאַפן און אַגב אין שאַפן פון אַלע גרויסע דיכטער?

ווייל יעדער אמתער דיכטער זיצט ביי דער גרויסער וואָגשאָל, אויף וועלכער ס׳וועגן זיך קליינע, מענטשלעכע מעשים, פערזענלעכע, אייגענע,

דוקרים אותך אלא דקירה חדה בלבד, אבל אצל המשורר הם נצמחים ונעשים רגשות אדירים ולאחר-זמן (או במהרה) הם נהפכים לבעיה עולמית.

כששקע ד"ר פאוסט בהרהורים על בעיית־הגורל, על החיים והמוות, על הנעורים והזיקנה — הרי קודם-כול חשב על עצמו, בראשונה היתה זאת שאלתו האישית, והואיל והבעיות הן בדבר גורל־היחיד, הרי הן ממילא בעיות בדבר גורל-העולם, ולהפך.

אין זו שאלה של גורל כזה או אחר, אלא של הקיום בכלל, אין זו שאלה של אדם כזה או אחר, אלא של האדם בכלל, והואיל ובסופו של כל גורל אנושי „מקונן הינשוף של החיים" — אתה נעשה עצוב ועייף.

מאנגר מעדה את העוני בעדיים. אין לו עניין בעשיר, שטעמו הושחת מרוב שובע ובטחה. לפיכך הקיסר פראנץ־יוזף מפסיד בהתערבות עם טווס־הזהב („צוער־החייט נטע מאנגר שר על טווס־הזהב). אצל מאנגר אין עוני של מחסור, של דלות, אלא עוני, שיש בו תמיד מקום לאיכסון ורצון לקבל פנים ולקלוט. הקבצן אצלו אינו סתם קבצן, אלא אליהו הנביא בכבודו ובעצמו („אליהו הנביא פודה את שמלת־הקטיפה של אמא מבית־העבוט"). האם אינה סתם אם עניה, אלא „המלכה הבלתי־מוכתרת של עוניינו".

הכמיהה אל השלמות, העוני שהוא רצון לקלוט את הצבע הכחול של הרקיע האינסופי ואת הזהב של שקיעת-השמש לעת ערב — יצרו את הלחן הגדול, את הניגון של התוגה המתחיל ליד העריסה ואולי אינו מסתיים לעולם. אין זה ניגון של יאוש, של דכדוך־הנפש, אלא ניגון של תוגה, היכולה להיות עריבה, כמו שהשמחה עריבה.

התוגה יכולה גם לנבוע מתוך תחושת־ראייה, אם אפשר להתבטא כך. טול את התוגה של מראה-נוף (למשל, אצל ליברמן). יש בה בתוגה מונומנטאליות של עולם-רגשות, שבו הכול עודנו מתרחש בלי חשבון. התוגה יכולה להיות מדרגה גבוהה ביותר של רוח שלא עוצבה צורתה או של רגש שלא בא לכלל מבע.

דינע געפילן, וואָס טוען דיר נאָר אַ שאַרפן שטאָך, אָבער וואָס וואַקסן אויס ביים דיכטער צו מאָנומענטאַלע געפילן און ווערן שפּעטער (אָדער באַלד) אַ וועלט־פּראָבלעם.

ווען ד״ר פאַוסט האָט זיך פאַרטראַכט וועגן גורל־פּראָבלעם, וועגן לעבן און טויט, וועגן יונג און אַלטקייט — האָט ער קודם־כּל וועגן זיך געטראַכט, איז דאָס צוערשט געווען זיין פּערזענלעכע פראַגע און וויל די פּראָבלעמען זענען וועגן גורל פון יחיד, זענען זיי במילא פּראָבלעמען וועגן גורל פון דער וועלט, און פאַרקערט.

ס׳איז נישט קיין פראַגע פון אַזאַ אָדער אַנדער עקזיסטענץ, נאָר פון עקזיסטענץ בכלל, ס׳איז נישט קיין פראַגע פון אַזאַ אָדער אַנדערן מענטש — נאָר פון מענטש בכלל און וויל אין סוף פון יעדן מענטשלעכן גורל „קלאָגט די סאָווע פון לעבן״ — ווערט מען אומעטיק און מיד.

מאַנגער באַצירט די אָרעמקייט. ער האָט נישט קיין אינטערעס פאַרן רייכן, וואָס האָט אַ פאַרדאַרבענעם געשמאַק פון זאַטקייט און זיכערקייט. דער קיסר פראַנץ־יאָזעף פאַרשפּילט דעריבער צו דער גאָלדענער פאַווע דעם געווועט — („דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט פון דער גאָל־דענער פאַווע״). ביי מאַנגערן איז נישטאָ קיין אָרעמקייט פון פעלן, פון דלות, נאָר אָרעמקייט, וואָס האָט שטענדיק אָרט און ווילן אויפצונעמען. דער בעטלער ביי אים איז נישט קיין בעטלער, נאָר טאַקע אליהו הנביא אַליין („אליהו הנביא לייזט אויס דער מאַמעס סאַמעטענע קלייד פון לאָמ־באַרד״). די מאַמע איז נישט גלאַט קיין אָרעמע מאַמע, נאָר „די נישט גע־קרוינטע מלכּה פון אונדזער אָרעמקייט״.

די בענקשאַפט צו גאַנצקייט, די אָרעמקייט, וואָס איז ווילן אויפצונעמען די בלויע פאַרב פון אומענדלעכן הימל און דאָס גאָלד פון פאַרנאַכטיקן זון־אונטערגאַנג — האָט געשאַפן די גרויסע מעלאָדיע, דעם טיפן ניגון פון אומעט, וואָס הייבט זיך אָן ביי דער וויג און ענדיקט זיך אפשר קיין מאָל נישט. אַ ניגון נישט פון יאוש, נישט פון פאַרצווייפלונג, נאָר פון אומעט, וואָס קאָן זיין אַזוי זיס, ווי ס׳איז זיס די פרייד.

אומעט קאָן זיך אויך נעמען פון אַ זעונגס-געפיל, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. נעמט דעם אומעט פון אַ פּייזאַזש (למשל ביי לעוויטאַנען), פון בהמות (למשל ביי ליבערמאַנען). דער אומעט האָט אין זיך די מאָנו־מענטאַלישקייט פון אַ געפילס־וועלט, ווו אַלץ קומט נאָך פאַר אָן אַ חשבון. אומעט קאָן זיין גאָר אַ הויכע מדרגה פון אַ נישט געפאַרעמטן גייסט אָדער פון אַ נישט אַרטיקולירט געפיל.

כאשר מאנגר מעוות את הקו ההיסטורי עם שהוא מחבר תקופות שונות — הריהו מוחה לפעמים, שלא לרצונו, את הפאטינה של שכבת־הווי קדומה. כמובן, אילולא היה מאנגר אמן בעל שיעור־קומה, היה נראה במקומה של הפאטינה כתם לא-נעים. אפשר שהיה מתגלה שם הקו העקלקל של הגרוטסקה, ולא הקו המגובש של המיניאטורה האמנותית. מאנגר מציל אז את הרגש החם של ההווי העז הממלא את השיר ומיישר את האיזון המופרע של משקל ומידה אמנותיים.

קחו למשל, שיר כגון „דינה בת יעקב הולכת לראיון". שם נמחתה כליל הפאטינה, נתלשה ההבחנה של קדמות, דומה כי עוד מעט קט תהיה זו גרוטסקה, אבל התאווה העזה והנצחית לאהבה, המפעמת בתוך השיר, עושה שלום בין שתי תקופות רחוקות, שהאחת כמעט הכתה את חברתה.

מאנגר המוליך, הפייטן הטהור, הוא מגמתי ביותר. מגמתו: לקבוע גורלו של שיר. מה הוא בעצם תפקידו של שיר, כשהוא בא לעולם? לשם מה, לאיזו מטרה הוא נולד? אין הוא שואל בשביל מי הוא השיר, מפני שדבר זה ברור לו. בשביל מי? בשביל כל מי שיש לו אוזן והוא רוצה לשמוע. אבל הוא שואל: לשם מה? למה השמים נבקעים בשעה ששיר בא לעולם?

מאנגר משיב: כדי למצוא את „שיר השירים", את הלך-הרוח שלמעלה מהלכי־רוח, אז:

כאשר הארץ תמצא את שיר הערש,
אשר יערסל את אלהים עצמו,
תיגאל התוגה
והכול ייעשה יפה —

(„עננים מעל הגג")

באפס הלך-רוח אין עולם, ממש כמו שבאפס פריחה אין פירות.

ביים דעפאָרמירן די געשיכטלעכע ליניע, בעתן באַהעפטן פאַרשידענע עפּאָכעס — ווישט טייל מאָל מאַנגער, נישט ווילנדיק, אָפּ דעם פּאַטין פון אַן אַלטער שטייגערישער שיכט. פאַרשטייט זיך, וואָלט מאַנגער נישט געווען קיין קינסטלער פון אַ גרויסער מאָס, וואָלט אויפן אָרט פון דעם פּאַטין זיך באַוויזן אַ נישט אַנגענעמער פלעק. אפשר וואָלט זיך דאָרט דעמאָלט אַנטפּלעקט די קרומע ליניע פון גראָטעסק, אַנשטאָט די קאָנדענסירטע ליניע פון קינסטלערישער מיניאַטור. מאַנגער ראַטעוועט דעמאָלט דאָס הייסע געשטייגערישע געפיל, וואָס פילט אָן דאָס ליד און גלייכט אויס דעם געשטערטן באַלאַנס פון קינסטלערישער וואָג און מאָס.

נעמט למשל אַזאַ ליד ווי „דינה בת יעקב גייט אויף אַ ראַנדעוווּ". ס'איז דאָרט אין גאַנצן אָפּגעווישט דער פּאַטין, אַרונטערגעריסן די דיסטינקציע פון עלטער, ס'דאַכט זיך, אַז אָט־אָט ווערט עס גראָטעסק, אָבער די שטאַרקע אייביקע ליבעס־ליידנשאַפט, וואָס שלאָגט פון דעם ליד, מאַכט שלום צווישן צוויי ווייטע עפּאָכעס, וואָס איינע האָט שיר נישט געשלאָגן די צווייטע.

מאַנגער דער פּירער, דער ריינער דיכטער, איז שטאַרק טענדענציעז. זיין טענדענץ איז: באַשטימען דעם גורל פון אַ ליד. וואָס דאַרף אייגנטלעך אַ ליד טאָן, ווען ס'קומט אויף דער וועלט? צו וואָס, צו וואָס פאַר אַ ציל ווערט עס געבוירן? ער פרעגט נישט פאַר וועמען איז דאָס ליד, ווייל דאָס איז פאַר אים קלאָר. פאַר וועמען? פאַר יעדן וואָס האָט אַן אויער און וויל הערן. ער פרעגט אָבער צו וואָס? נאָך וואָס שפּאַלט זיך דער הימל ווען אַ ליד קומט אויף דער וועלט?

מאַנגער ענטפערט: בכדי צו געפינען דעם „שיר השירים", די שטימונג איבער שטימונגען, דעמאָלט:

> ווען די ערד וועט געפינען דאָס שלאָפע ליד
> וואָס זאָל פאַרוויגן גאָט אַליין,
> וועט אויסגעלייזט ווערן דער טרויער
> און אַלץ וועט ווערן שיין.
>
> („חאַלקנס איבערן דאָך")

אַן שטימונג איז נישטאָ קיין וועלט, פונקט ווי אַן בליִעכץ איז נישטאָ קיין פּירות.

באפס הלך-רוח אין גיבוי־לב ואין שירה. מה שאינו מתנבא מראש, אינו מבשר הולדת רגש חדש.

זו אשלייתו הגדולה של מאנגר הפייטן: ליצור עולם של רגשות, ואפילו למרות העולם, ואפילו כנגד העולם; לפי שהוא חש מה גורלו, לפי שהוא ממלא שליחות, לפיכך הוא גועז ומאמין.

כלום אשם אני, שעל־פי טעות
„יפה" מתחרז עם „בכה".
והערגה, הערגה האמיתית
נודדת תמיד לבדה?

(„אחלוץ נעלי")

אך הערגה אינה נודדת לבדה, יחד עמה — מאנגר, ויחד עם מאנגר כל אלו שחשים שירה, שיודעים את ערכה, אף־על-פי שאינה רשומה בשום בורסה.

עתה אין היא בודדת — הערגה האמתית, אין היא נודדת עתה לבדה. יחד עמה העצב והצער האמתיים של עקידת־היהודים, הקרויה: חורבן פולין.

כשהיה איציק מאנגר בווארשה בחגיגות לזכר הגטו, כשצעד בתהלוכה החגיגית על העפר והאפר של וארשה היהודית, היו מונחות בכיסו ההגהות של ספר־שיריו האחרון אז: „צוער־החייט נטע מאנגר שר".

כלום רצה אז אך לתקן את שגיאות־הדפוס בספר, שהיה צריך עוד מעט להופיע? כלום רצה בכלל להגיה הכול? שמא רצה להכניס בתוך ספרו כל מה שכבר נחסר בחיי היהודים לנצח?

בינתיים, דומה, תיקן את שגיאות־הדפוס בלבד. כלום יהיה בכוחו, כלום ירצה, כלום יוכל לשיר עד תום את הניגון הנישא מן האבנים

אָן שטימונג איז נישטאָ קיין פאָרויסאַגונג, קיין נביאות און ס׳איז נישטאָ קיין פּאָעזיע. דאָס, וואָס אַנט נישט פאָרויס, זאָגט נישט אָן דעם געבורט פון אַ ניי געפיל.

דאָס איז די גרויסע אילוזיע פון מאַנגערן דעם דיכטער: שאַפן אַ וועלט פון געפילן, ווען אַפילו טראָץ דער וועלט, ווען אַפילו קעגן דער וועלט, ווייל ער פילט זיין גורל, ווייל ער פירט אויס אַ שליחות, איז ער דרייסט און גלויביק.

צו בין איך דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט זיך
על־פּי טעות „שיין" מיט „געוויין".
און די בענקשאַפט, די אמתע בענקשאַפט
וואָגלט כסדר אַליין?

(„כ׳וועל אויסטאָן די שיך")

זי וואָגלט נישט אַליין, מיט איר איז מאַנגער און מיט מאַנגערן זענען אַלע, וואָס פילן פּאָעזיע, וואָס ווייסן איר ווערט, כאָטש זי ווערט נישט נאָטירט אויף קיין שום בערזע.

זי איז איצט נישט איינזאַם די אמתע בענקשאַפט, זי וואָגלט איצט נישט אַליין, מיט איר איז דער אומעט, דער אמתער אומעט און טרויער פון דער יידישער יקידה, וואָס הייסט: חורבן פּוילן.

ווען איציק מאַנגער איז געווען אין וואַרשע אויף די געטאָ־פייערונגען, ווען ער איז געגאַנגען אין פייערלעכן צוג, צום שטויב פון יידישן וואַרשע, זענען אין דער קעשענע ביי אים געלעגן די קאָרעקטעס פון זיין דעמאָלט לעצט בוך לידער „דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט".

צי האָט ער דעמאָלט נאָר געוואָלט אויסבעסערן די דרוקפעלערן אין בוך, וואָס האָט אָט־וואָס געזאָלט דערשיינען? צי האָט ער בכלל אַלץ געוואָלט קאָרעגירן? אפשר האָט ער אין זיין בוך געוואָלט אַריינשטעלן אַלץ דאָס, וואָס אין יידישן לעבן האָט אויף אייביק שיין פאַרפעלט?

דערווייל, זעט זיך אויס, האָט ער בלויז פאַרראָכטן די דרוקפעלערן. צי וועט ער אויך זיין בכוח, צי וועט ער וועלן, צי וועט ער קאָנען אויסזינגען דעם ניגון, וואָס טראָגט זיך פון די טויטע שטיינער און פאַרברענטע

המתות והלבינים השרופות, מן הריקנות של כל מקום פנוי מיהודי, המלא עתה נביבות צועקת?

מאנגר אינו ליריקן, הוא אינו רוצה בהתהרהרות הלירית. לא רק הוא צריך לחשוב. כל דבר וכל יצור חושבים אצלו. הוא אינו מחבר אלגיות, שכן בתוך כל צבע שצבע, בתוך כל דמות שהעלה, ממילא יש אלגיה. מאנגר הוא הזמר של הרגש החי.

אצל מאנגר העיקר הוא לא המחשבה האינטלקטואלית, אלא המחשבה הביולוגית. אם אפשר לומר כך. החשיבה היא אצלו לא תהליך מופשט. הכול חושב, הפרח חושב, הארנבת חושבת, הערב חושב, ואפילו הרוח חושבת. הוא, מאנגר, מבין את מחשבותיהם. הוא יודע את לשונם ומגלה לפעמים את סודותיהם.

על גילוי-סוד זה מאנגר, ככל משורר, אינו נענש. אדרבה, על גילוי-סוד זה מזכים אותו בעוד סודות.

לא רק הוא, מאנגר לבדו — חש. הכול סביבו חש. הוא מגשש, הוא חש מראש — הייתי אומר — את רגשותיהם ומספר עליהם.

על גילוי־סוד זה הוא נענש בעול כבד של משורר־עם.

אנו מבינים את מאנגר, אנו מרגישים אותו, אנו גם רוצים מאוד בשליחותו הדווקנית. ובקול קוראים אנו בחרדה — כדברי המשורר:

קבצן שביעי, אתה מנמנם, אתה שותק,
והעננים הולכים וכבדים —
אנחנו מחכים, ספר, שמא יעבור המועד,
מי יהיו השומעים?

(אל „הקבצן השביעי" של הבראסלאבי)

ציגל, און פון דער לערקייט פון יעדן לײדיקן, נאָך אַ ייד, אַרט, וואָס אי׳ איצט פול מיט שרײענדיקער פוסטקייט?

מאַנגער איז נישט קיין ליריקער. ער וויל נישט האָבן די לירישע פאַרטראַכטקייט. נישט בלויז ער דאַרף טראַכטן. עס טראַכטן ביי אים יעדע זאַך און יעדע באַשעפעניש. ער איז נישט קיין עלעגיע־שרייבער, ווייל — אין עצם פון זיין יעדער געמאָלענער פאַרב, אין עצם פון זיין יעדער געוויזענער געשטאַלט, איז במילא דאָ עלעגיע. מאַנגער איז דער זינגער פון לעבעדיקן געפיל.

ס׳איז נישט דער עיקר ביי מאַנגערן דאָס אינטעלעקטועלע טראַכטן, נאָר דאָס ביאָלאָגישע — וואָלט איך געזאָגט. טראַכטן איז ביי אים נישט קיין אַבסטראַקטער פּראָצעס. אַלץ טראַכט, ס׳טראַכט די בלום, ס׳טראַכט דער האָז. ס׳טראַכט דער פאַרנאַכט און ס׳טראַכט אַפילו דער ווינט. ער, מאַנגער, פאַרשטייט זייער טראַכטן. ער קאָן זייער לשון און פאַרראַט, טייל מאָל זייערע סודות.

פאַר דעם פאַרראַט ווערט מאַנגער, ווי יעדער דיכטער, נישט באַ־שטראָפט, פאַרקערט, פאַר דעם פאַרראַט ווערט ער באַלוינט מיט נאָך.

נישט בלויז ער, מאַנגער אַליין — פילט. עס פילט אַלץ אַרום אים. ער פילט אויס, ער פילט פאַרויס, וואָלט איך געזאָגט, זייערע געפילן און דערציילט וועגן זיי.

פאַר דעם פאַרראַט ווערט ער באַשטראָפט מיט שווערן עול פון אַ פאָלקס־דיכטער.

מיר פאַרשטייען מאַנגערן, מיר פילן אים, מיר ווילן אויך זייער זיין אין זיין קאַפּריזנער שליחות. און מיר רופן מיט אַנגסט — מיט דעם דיכ־טערס ווערטער:

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שווייַגסט,
און די וואָלקנס ווערן שווערער —
מיר וואַרטן. דערצייל, טאַמער ווערט צו שפּעט
ווער וועלן זיין די הערער?

(צום בראַצלאַווערס „זיבעטן בעטלער״)

„קיום״

ייחודו הפיוטי של איציק מאנגר

למלאות חמישים שנה למשורר

ניגון משל עצמו

כשהתחלתי חושב על חיבור על-אודות איציק מאנגר, לכבוד יום-הולדתו החמישים, חזרתי ונטלתי לידי מחדש את ספרי שיריו. ספרים אלו, שהובלתי עמי בכל מיני ארצות, ועכשיו הבאתים לארץ, שבה תמה דרך־נדודי הארוכה. במקרה פתחתי את הספרון „צוער־החייט נטע מאנגר שר", ועם דפדוף ראשון בדפים נפגשתי בשיר „אהבה". הנה הבית הראשון:

באיליולו ואיליולו
אפשר לערסל ילד,
אך מי שבאמת אוהב
מוצא ניגון משל עצמו.

בית זה היה בשבילי כמין „מקל תקוע בתוך קן-הנמלים" של מחשבותי על-אודות מאנגר. שכן מיום שהכרתי מקרוב את חינות שירתו של מאנגר, מלווני הרעיון, מגרה אותי בלי הרף השאלה: כיצד קובעים וכיצד מתארים את ייחודה, את מקוריותה של שירת איציק מאנגר? תכופות משתוקק אני להציץ בעד חור־המנעול שבדלת מעבדתו של אלכימאי־השירה ולראות בסתר: כיצד הוא „עושה" זאת? וכשפוקעת סבלנותי, משתוקק אני להבקיע בכוח את יצירותיו, לפרק, להוציא את

איציק מאַנגערס פּאָעטישע אייגנאַרטיקייט

צום פופציקסטן געבוירן-טאָג פון איציק מאַנגער

אַן אייגענער ניגון

ווען כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן אַן אַרבעט וועגן איציק מאַנגער, לכּבוד זיין פופציקיאָריקן געבוירן־טאָג, האָב איך ווידער און אויף דאָס ניי גענומען אין די הענט אַריין זיינע לידערביכער. די ביכער, וואָס איך פיר מיט זיך דורך פאַרשידענע לענדער און איצט האָב איך זיי געבראַכט אין דעם לאַנד אַריין, וווּ ס׳איז דער סוף פון מיין לאַנגן וואַנדערוועג. כ׳האָב גראָד געעפנט דאָס ביכל דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט און אָנגעטראָפן, ביים ערשטן מיש טאָן די בלעטער, אויפן ליד ליבשאַפט (זייט 26). אָט איז די ערשטע סטראָפע:

מיט איילױלו און איילױלו
קען מען אַ קינד פאַרוויגן,
נאָר ווער ס׳האָט באמת ליב
געפינט אַן אייגענעם ניגון.

דער דאָזיקער ציטאַט איז געווען פאַר מיר ווי „אַן אַריינגעשטעקטער שטעקן אין דער מוראַשקע נעסט" פון מיינע מחשבות וועגן מאַנגערן. ווייל זינט איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט די שיינקייטן פון מאַנגערס פּאָעזיע, גייט מיר נאָך דער געדאַנק, רייצט מיך פאַרעקשנט די פראַגע: ווי אַזוי באַשטימט מען און ווי אַזוי באַשרייבט מען די אייגנאַרטיקייט, די אָריגינעלקייט פון איציק מאַנגערס פּאָעזיע? מיר ווילט זיך אָפּט אַריינקוקן דורכן שליסללאָך אין דער טיר פון דער לאַבאָראַטאָריע פון דעם פּאָעטישן אַלכעמיקער און אונטערקוקן און זען ווי אַזוי „מאַכט" ער דאָס? און ווען סע סטייעט נישט קיין געדולד, ווילט זיך מיר בגוואַלד אַריינרייסן אין

כל הברגים של מנגנונו האמנותי ולהפקיע מתוכם את סוד ביאתם לעולם.
אילו היה איציק מאנגר תחת לשאול עצמו:

גלו־נא מי עשה השיר,
היידל, דידל, דם —

ולהשיב:

צוער־חייט עשה אותו
להכעיס את רבינו תם.

אילו היה תחת זאת שואל: גלו־נא כיצד עשיתי את השיר, ומגיד לנו משהו מסוד שירתו, לא היה נגרע מסוד שירתו מאומה, ממילא לא היה יכול שום איש לחקות את שיריו, אבל הוא היה מרגיע את סקרנותם של הללו, ששירתו מעוררת אצלם הרבה יותר מסקרנות. אבל איציק מאנגר עושה לא רק להכעיס את רבינו תם בלבד, ושמא אינו עושה כלל להכעיס? שמא אינו צריך כלל להגיד ולגלות? ובאמת, הבה נסכים עמו: אין הוא צריך לגלות, דיינו שמאנגר אומר לנו:

אך מי שבאמת אוהב
מוצא ניגון משל עצמו.

ואיציק מאנגר אוהב שירה, והואיל והוא אוהב אותה אהבת-נפש — מצא ניגון משל עצמו. והוא אוהב לא רק ליצור, אלא גם לפרש, ולא רק לפרש בדרך הפיוט את שיריו שלו, אלא אף שירת אחרים (ראה „עמים שרים", „ולוול זבארז'ר כותב מכתבים"), ולא רק לפרש, אלא לחזור ולשנן את המוטיב, את הקצב, את הצליל ובמקום שאפשר — גם את הזמר.

כאשר איציק מאנגר אומר: „גלו־נא מי עשה השיר", כשהוא מדבר על עצמו כעל „החרזן היהודי", הרי זה נראה לרבים כשארז',

זיינע שאַפונגען, פונאַנדערנעמען, פונאַנדערשרויפן זייער קינסטלערישן מעכאַניזם און אַרויסרייסן ביי זיי דעם סוד פון זייער קומען אויף דער וועלט.

וואָלט איציק מאַנגער אַנשטאָט זיך צו פרעגן:

טרעפט ווער ס׳האָט דאָס ליד געמאַכט,
היידל, דידל, דאָס — —

און ענטפערן:

אַ שניידער-יונג האָט עס געמאַכט
צו להכעיס דעם רבינו תּם.

וואָלט ער אַנשטאָט דעם געפרעגט: טרעפט ווי אַזוי כ׳האָב דאָס ליד געמאַכט, און אונדז עפּעס אויסגעזאָגט פון זיין פּאָעטישן סוד, וואָלט פון זיין פּאָעטישן סוד גאָרנישט אָפּגעקומען, זיינע לידער נאָכמאַכן וואָלט אים סיי־ווי־סיי קיינער נישט געקאָנט, און ער וואָלט געשטילט דעם נייגער ביי די, וואָס זיין פּאָעזיע וועקט ביי זיי מער ווי נייגער. אָבער איציק מאַנגער טוט צו להכעיס נישט נאָר דעם רבינו תּם, און אפשר טוט ער גאָרנישט צו להכעיס? אפשר דאַרף ער גאָר ער נישט אויסזאָגן? און לאָמיר טאָקע שוין מיט אים מסכּים זיין: ער דאַרף נישט אויסזאָגן.

ס׳איז גענוג ווען מאַנגער זאָגט אונדז:

נאָר ווער ס׳האָט באמת ליב
געפינט אַן אייגענעם ניגון.

און איציק מאַנגער האָט ליב פּאָעזיע, און ווייל ער האָט זי ליב אהבת־נפש — האָט ער געפונען אַן אייגענעם ניגון. ער האָט ליב נישט בלויז צו שאַפן, נאָר אויך צו אינטערפּרעטירן, און נישט בלויז פּאָעטיש אינטערפּרעטירן זיינע אייגענע דיכטונגען, נאָר אַפילו יענעמס פּאָעזיע (זע פעלקער זינגען, וועלוועל זבאַרזשער שרייבט בריוו), נישט נאָר אינטערפּרעטירן, נאָר טאָקע איינחזרן דעם מאָטיוו, דעם ריטעם, דעם קלאַנג, און ווו מ׳קאָן — אויך דעם געזאַנג.

ווען איציק מאַנגער זאָגט: „טרעפט ווער ס׳האָט דאָס ליד געמאַכט״, ווען ער רעדט וועגן זיך, ווי וועגן דעם יידישן „גראַמען־מאַכער״, קוקט

כלגלוג, ולמי שאין לו חוש־הומור — כחילול־הקודש. מי הוא זה העושה שירים? עשיית שירים הריהי הדרגה הספרותית הנמוכה ביותר; שיר שנעשה הרי זה הפסול החריף ביותר למשורר. אבל העם, הרגש של העם שאינו מכזב לעולם, האינסטינקט הספרותי של העם מרהיב עוז לומר בגלוי: לארוג שירים במחשבה, לחבר שירים, לעשות שירים. דווקא היצירה העממית, שהיא כה מקורית, צריכה „להיעשות" ואין היא יכולה לחכות עד ש„מאליה" תיעשה. כל מעשי־בראשית „נעשו", מפני שזאת היתה הבריאה הראשונה, וממילא המקורית ביותר (אף־על־פי שלדעת אפלטון כבר היתה קודם האידיאה). כיום, זמן רב לאחר בראשית, שומה עלינו לחכות עד שמשהו צומח ועולה, עד שמשהו מושג, כי עתה אנו יכולים רק לסייע ליצירה, ולאמתו של דבר: במקרה הטוב ביותר אנו יכולים ליצור, אך לא לברוא.

איציק מאנגר הוא עממי, מפכה ממקורות, ולפיכך הוא בורא. הוא מקורי מפני שהוא בורא (והואיל והוא בורא הוא מקורי); ולפיכך הוא יכול לומר על עצמו בגלוי ובעוז, שהוא עושה שירים. בתפיסה זו נעוץ כל הפרדוכס (ואולי הדיאלקטיקה הפשוטה) של מושגים באמנות, כגון ספונטאניות, מקוריות, השראה וכיוצא באלו.

כשאנו מדברים על מקוריות, ראוי בוודאי לשם הדיוק לנסות ולתת הגדרה של המושג הנפוץ הזה (והנבדק אך לעתים רחוקות). המקוריות טמונה, כביכול, בהרכב של היצירה ולא ביסודותיה. אמן מקורי הרי זה מי שמביא לעולם סוג חדש של יצירה, אם בספרות ואם בתחום אחר של אמנות עמו. אם משורר, למשל, מכניס לתוך שיריו תמונות חדשות, הרי התמונות הן מקוריות, ואולם לפי סוג יצירתו אפשר שיימנה המשורר עם האֶפיגונים (אף־על־פי שאין הכרח בדבר). גם הכּנות אין לזהותה עם ייחוד. הכּנות קובעת את זיקת היצירה לעולמו הפנימי של האמן, לסובייקט, ואילו המקוריות קובעת את שייכותה של היצירה לעולם החיצוני של האמן, לעולם האמנות, לאובייקט של האמן. אגב כך יש לציין שאנו מדברים על מקוריות אכסקלוסיבית (על מקוריות מוחלטת אי־אפשר

עס ביי אַ סך אויס ווי שאַרזש, ווי חוזק און ביי די וואָס האָבן נישט קיין חוש פאַר הומאָר — ווי פּראָפּאַנאַציע. ווער מאַכט דאָס לידער? מאַכן לידער דאָס איז די נידעריקסטע ליטעראַרישע מדריגה; אַ געמאַכט ליד, דאָס איז די שאַרפסטע דיכטערישע דיסקוואַליפיקאַציע. אָבער דאָס פאָלק, דאָס פאָלקסגעפיל, וואָס זאָגט קיין מאָל נישט קיין ליגן, דער ליטעראַרישער אינסטינקט פון פאָלק רעדט אָפן און דרייסט וועגן פאַרטראַכטן, מחבר זיין און וועגן מאַכן לידער. דווקא דאָס פאָלקסשאַפן, וואָס איז אַזוי מקורות־דיק, מוז „געמאַכט ווערן" און קאָן נישט וואַרטן ביז ס'וועט זיך „פון זיך אַליין", מאַכן. די גאַנצע מעשה־בראשית איז געוואָרן „געמאַכט", ווייל דאָס איז געווען די ערשטע שאַפונג און במילא די אָריגינעלסטע (כאָטש לויט פּלאַטאָנען איז שוין פריִער געווען די אידייע). היינט, לאַנג נאָך בראשית, מוזן מיר וואַרטן ביז עפּעס וואַקסט אויס, ביז עפּעס שאַפט זיך, ווייל מיר קאָנען שוין היינט נאָר צוהעלפן דעם שאַפן, ריכטיקער געזאָגט: מיר קאָנען אין בעסטן פאַל שאַפן, אָבער שוין נישט באַשאַפן.

איציק מאַנגער איז פאָלקסטימלעך, מקורותדיק און דערפאַר באַשאַפט ער. ער איז אָריגינעל ווייל ער באַשאַפט (און ווייל ער באַשאַפט איז ער אָריגינעל); און דערפאַר קאָן ער אַזוי אָפן און דרייסט זאָגן וועגן זיך, אַז ער מאַכט לידער. אין דער דאָזיקער קאָנצעפּציע ליגט דער גאַנצער פּאַראַדאָקס (און אפשר די פשוטע דיאַלעקטיק) פון אַזעלכע באַגריפן אין דער קונסט, ווי: ספּאָנטאַנקייט, אָריגינעלקייט, אינספּיראַציע א"אַנד.

ווען מיר רעדן וועגן אָריגינעלקייט וואָלט זיכער כדאי געווען, לשם עקזאַקטקייט, צו פּרווון געבן אַ דעפיניציע פון דעם פאַרשפּרייטן (און אַזוי זעלטן קאָנטראָלירטן) באַגריף. אָריגינעלקייט ליגט, אַזוי צו זאָגן, אין דער קאָנסטיטוציע פון ווערק און נישט אין זיינע עלעמענטן. אַן אָריגינעלער קינסטלער איז דער, וואָס ברענגט אויף דינר וועלט אַ נייעם טיפּ שאַפונג אין דער ליטעראַטור צי אין אַן אַנדער געביט פון קונסט פון זיין פאָלק. אויב אַ דיכטער, למשל, פירט אַריין אין זיינע לידער נייע בילדער, זענען די בילדער אָריגינעל, אָבער לויטן טיפּ פון זיין שאַפונג קאָן דער דיכטער געהערן צו די עפּיגאָנען (כאָטש ער מוז דאָס נישט זיין). אויך עכטקייט איז נישט דאָס זעלביקע וואָס אייגנאַרטיקייט. עכטקייט באַשטימט די באַציִונג פון ווערק צום קינסטלערס פּנימיותדיקער וועלט, צום סוביעקט, אין דער צייט ווען אָריגינעלקייט באַשטימט די שייכות פון ווערק צום קינסטלערס דרויסנדיקער וועלט, צו דער וועלט פון קונסט, צום קינסטלערס אָביעקט. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז מיר רעדן וועגן עקסקלוזיווער

לדבר כל־עיקר). דרגות קטנות יותר של מקוריות אכן תלויות במידת החידוש של היסודות שהוכנסו לתוך היצירה. כבר הערנו בהזדמנות אחרת שתהליך היצירה דומה לתהליך כימי. הכנסתו של כל יסוד חדש ביצירת אמנות משנה לא רק את איכותה של היצירה, אלא גם את היחס האיכותי שבין כל יסוד לחברו. אנו רשאים אפוא לומר, שכל יצירה אמנותית באמת היא בעצם מבנה אמנותי חדש. אבל המבנה אינו הרכב, ההרכב תלוי במקוריותה האכסקלוסיבית של היצירה.

איציק מאנגר בא אל שירת יידיש בבלדות ובשירים שלו. כבודו ומעמדו בשירת יידיש באו לו קודם-כל בזכות הבלדות. בהן החייה את הניאו-רומאנטיזם בשירת יידיש. **בשביל מאנגר הרומאנטיזם הוא לא תיאוריה פיוטית אלא תפיסת־עולם, ועלינו להוסיף: תפיסת־עולם יהודית.** ברומאנטיזם זה ליקט מאנגר כל מה שנשאר, למרות המציאות היהודית הקשה, חופשי, ססגוני, מלא תנופה ודמיון. יתר על כן, מתוך המציאות היהודית גופה אף ברא פירות של דמיון. בשביל מאנגר הרומאנטיזם איננו בריחה אל נפלאות העבר, אלא הבאת העבר אל עצמו, עשיית מחזה־דמיון מכל זוטה פיוטית. מאנגר עצמו ודאי סבור כי הבלדות שלו הן מיצירותיו הבשלות, המקוריות ורבות-הערך ביותר, ושירי החומש והמגילה אינם אלא תוספת או אינטרמצו לבלדות שלו. ובוודאי, במידה שמדובר באיכות פיוטית הדין עם מאנגר. ואף־על־פי-כן לגבינו, ובייחוד עכשיו, צורת הבלדה זרה היא, ואילו צורת שירי החומש והמגילה, באופן ראיית הגיבורים והמאורעות וקביעתם בתמונה, כפי שזה נעשה בטייטש־חומש וב„צאינה וראינה", וכפי שתיארו אותם המגידים הנודדים, הריהי כל-כולה יהודית, וזו כוונתנו כשאנו אומרים שהם **ייחודיים בהרכבם.** ואילו אם יוּעמם פעם החזון הבלדי הגדול ורעננותו תיבול,

אָריגינעלקייט (וועגן אַבסאָלוטער קאָן בכלל קיין רייד נישט זיין). קלענערע שטאַפּלען פון אָריגינעלקייט זענען יאָ אָפּהענגיק פון דער נייקייט פון די עלעמענטן, וואָס זענען אַריינגעפּירט געוואָרן אין ווערק. מיר האָבן שוין ביי אַ צווייטער געלעגנהייט באַמערקט, אַז דער קינסטלערישער פּראָצעס איז אַזוי ווי דער כעמישער. דאָס אַריינפירן יעדן נייעם עלעמענט אין אַ קונסטווערק ענדערט נישט נאָר די קוואַליטעט גופא פון ווערק, נאָר אויך די קוואַליטאַטיווע באַציִונג פון איין עלעמענט צום צווייטן. אַזוי אַרום קאָן מען זאָגן, אַז איטלעך באמת קינסטלעריש ווערק איז אייגנטלעך אַ נייע קינסטלערישע קאָנסטרוקציע פאַר זיך. אָבער קאָנסטרוקציע איז נישט קאָנסטיטוציע, דאָס לעצטע איז אָפּהענגיק פון דער עקסקלוזיווער אָריגינעלקייט פון ווערק.

איציק מאַנגער איז געקומען אין דער יידישער פּאָעזיע מיט זיינע באַלאַדן און לידער. זיין אָנזען און פּאָזיציע אין דער יידישער פּאָעזיע האָט ער צו פאַרדאַנקען קודם־כל די באַלאַדן. מיט זיי האָט ער ווידער אויפגעלעבט דעם נעאָ־ראָמאַנטיזם אין דער יידישער פּאָעזיע. ראָמאַנטיזם איז פאַר מאַנגערן נישט קיין פּאָעטישע טעאָריע, נאָר אַ וועלטבאַנעם, און לאָמיר צוגעבן: אַ יידישער וועלטבאַנעם. אין דעם ראָמאַנטיזם האָט מאַנגער צונויפגעזאַמלט אַלץ, וואָס איז טראָץ דער שווערער יידישערווירקלעכקייט פאַרבליבן פריי, פילפאַרביק, פול מיט שווונג און פאַנטאַזיע. נאָך מער. ער האָט פון דער יידישער ווירקלעכקייט גופא באַשאַפן פאַנטאַזיע. ראָמאַנטיזם איז ביי מאַנגערן נישט — אַנטלויפן אין אויסטערלישקייטן אין דעם עבר, נאָר ברענגען דעם עבר צו זיך, מאַכן פון יעדער פּאָעטישער קלייניקייט אַ פאַנטאַזיע־שפּיל. מאַנגער אַליין האַלט זיכער זיינע באַלאַדן פאַר דאָס סאַמע צייטיקסטע, אָריגינעלסטע און ווערטיקסטע וואָס ער האָט געשאַפן, און די חומש־ און מגילה־לידער בלויז פאַר אַ צוגאָב, צי אַן אינטערמעצאָ צו זיינע באַלאַדן. זיכער איז, אַז וואָס שייך פּאָעטישע קוואַליטעטן איז מאַנגער גערעכט. אָבער דאָך איז פאַר אונדז, און בפרט איצט, די פאַרעם פון דער באַלאַדע אַ פרעמדע, אין דער צייט ווען די פאַרעם פון די חומש־ און מגילה־לידער, מיט דעם אופן פון זען און פאַרפיקסירן די העלדן און די געשעענישן, אַזוי ווי דאָס איז געטאָן אין טייטש־חומש, אין צאינה וראינה, אַזוי ווי זיי זענען געשילדערט געוואָרן דורך די וואַנדערנדיקע מגידים, — אַ דורך און דורך יידישע, און דאָס מיינען מיר טאַקע, אַז זיי זענען קאָנסטיטוציאָנעל אייגנאַרטיק. און ווען אַפילו די גרויסע באַלאַדישע וויזיע זאָל ווערן אַ מאָל פאַרנעפּלט, און ווען די

הרי דווקא דבר זה שנראה למאנגר כמעשה־שובבות בלבד, כהדום למשהו גדול, דווקא זה יישאר לעד. חיבורנו המכונה: ייחודו הפיוטי של איציק מאנגר — יעסוק הפעם בשירי האינטרמצו הבלדי של מאנגר.

הולדת שירי־החומש

דומה שהדבר היה בשנת 1935. אז בא התיאטרון הארץ-ישראלי „אוהל" לסיור-הופעות בפולין. בתוך מחזותיו של „אוהל" היה כלול גם המחזה המקראי: יעקב ורחל, בבימויו של הלוי. בהצגת המחזה השתדל הבימאי לשמור בקפידה על הסגנון המקראי.

אחרי הצגת־הבכורה של „יעקב ורחל" בווארשה נערך באגודת הסופרים היהודים ברחוב טלומאצקה דיון על ההצגה. הבימאי, כמובן, נימק את נקודת־מבטו והגן עליה. עכשיו קשה למסור את תוכנו של הוויכוח דאז. לגבי חיבורנו זה חשוב לציין כי מאנגר יצא כנגד תפיסת-הבימוי של „אוהל".

זכורני כי מאנגר עירער על תכליתיותו האמנותית של מתן תמונה היסטורית-אתנוגרפית מדויקת של התקופה המתוארת. הוא היה סבור, כי הרבה יותר חשובות ואף „ממשיות" הן הדמויות, כפי שנצטיירו — הן ותקופתן — בדמיון העם ובאגדתו.

כהמשך לאותו ויכוח הופיעו שירי־החומש הראשונים. אפשר, שעוד לפני אותן ההצגות של „אוהל" כתב (או התחיל לכתוב) מאנגר את שירי־החומש שלו. אבל כסגנון-קבע של יצירת-שירים, כתפיסה של המסורת היהודית, עלו באותו הזמן.

הבה ננסה לקבוע על סמך שירי־החומש, מה היא שיטתו האמנותית של מאנגר, שהקנתה לו מעמד מיוחד בשירתנו?

פּרישקייט אירע זאָל אַפּילו אָפּוויאַנען, וועט דווקא דאָס וואָס האָט זיך מאַנגערן אויסגעוויזן צו זיין בלויז אַ שטיפעריי, אַ פוסבענקעלע צו עפּעס גרויס, דאָס דווקא וועט בלייבן אייביק. אונדזער אַרבעט, וועלכע הייסט: איציק מאַנגערס פּאָעטישע אייגנאַרטיקייט — וועט זיך דאָס מאָל פאַרנעמען מיט די לידער פון מאַנגערס באַלאַדישן אינטערמעצאָ.

די גענעזע פון די חומש-לידער

געווען איז דאָס, דאַכט זיך, אין יאָר 1935. דעמאָלט איז דאָס ארץ־ישׂראל טעאַטער „אוהל" געקומען אויף גאַסטשפּילן קיין פּוילן. אין רעפּער־טואַר האָט דער „אוהל" צווישן אַנדערע געהאַט דאָס ביבלישע טעאַטער־שטיק: יעקב און רחל, צוגעגרייט און אויסגעשטעלט דורכן רעזשיסער הלוי. די רעזשי האָט זיך באַמיט ביים אויסשטעלן דאָס טעאַטער־שטיק צו האַלטן זיך שטרענג אין ביבלישן סטיל.

נאָך דער ערשטער פאַרשטעלונג פון יעקב און רחל אין וואַרשע איז אין יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע, פאַרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגן דער פאַרשטעלונג. די רעזשי האָט, פאַרשטייט זיך, באַגרינדעט און פאַרטיידיקט איר שטאַנדפּונקט. ס'איז שווער איצט איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דער דעמאָלטיקער דיסקוסיע. פאַר אונדזער אַרבעט איז וויכטיק דאָס, אַז מאַנגער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעזשיסערישער קאָנצעפּציע פון „אוהל".

כ'געדענק אַז מאַנגער האָט אָפּגעפּרעגט די קינסטלערישע צוועק־מעסיקייט פון געבן אַ גענוי היסטאָריש־עטנאָגראַפיש בילד פון דער געשילדערטער עפּאָכע. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'זענען אַ סך וויכטיקער און „רעאַלער" די געשטאַלטן, וואָס די געשילדערטע עפּאָכע האָט באַקומען אין דער פאַנטאַזיע און אין דער לעגענדע פון פאָלק.

ווי אַ המשך פון דער אויבן דערמאָנטער דיסקוסיע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע חומש־לידער. קאָן זיין, אַז מאַנגער האָט נאָך פאַר די פאַר־שטעלונגען פון „אוהל" געשריבן (אָדער אָנגעהויבן שרייבן) זיינע חומש־לידער. אָבער ווי אַ באַשטימטער סטיל פון לידער־שאַפונג, ווי אַ קאָנצעפּציע פון דער יידישער מסורה — זענען זיי געקומען אין דער דאָזיקער צייט.

לאָמיר אויפן סמך פון די חומש־לידער פּרווון פעסטשטעלן, וועלכע איז דאָס די קינסטלערישע שיטה פון מאַנגערן, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַן אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין אונדזער פּאָעזיע?

הרינו רשאים להניח, כי מאנגר הגיע לידי המסקנה, שהמבקש לתאר מאורע, דמות או משחק יצרים בקרב קבוצה של אנשים, מתקופה השייכת לעבר הרחוק — אינו צריך להיות נאמן בכל הפרטים לתקופה המתוארת. הרוצה, למשל, לצייר אחד מן האבות שלנו, אינו צריך, לדעת מאנגר, להטיל עבייה על כתפיו וכפייה על ראשו, אלא דווקא ז׳ופיצה ושטריימל. שכן, אם נהיה נאמנים בכל פרט ופרט לתקופה המתוארת (מבחינת הנוף, אופן העמידה והדיבור, המלבושים וכיוצא באלו), נהיה עשויים להבין את התקופה המתוארת, או את הנפש מן העבר הרחוק, או את המאורע מן הימים הרחוקים ההם, אך לא להרגישם, ואפילו אם נרגיש, לא ייווצר בנו שיתוף־רגשות, והעם רוצה להשתתף במשחק, להיות שותף להרגשות, שותף לפעולות, ואפילו אם להבין — הרי להבין מתוך שיתוף. העם, איש העם, אינו רוצה לעמוד (בהרגשותיו) מרחוק למה שאירע בימים משכבר, בימים מקדם, בשעה שמתארים אותם לפניו, או שמספרים לו עליהם, אלא הוא רוצה לעמוד בתוך המאורעות. כדי שנבין מה שהיה בעבר, די שנעביר עצמנו אל הימים ההם, אבל כדי שנרגיש מה שהיה בעבר — צריך שנוכל להעביר את מה שהיה מכבר אלינו.

במידת־מה ידע זאת, הבין זאת, הרגיש או אף הרגיש־מראש בזאת המחבר של „צאינה וראינה״. ואין המדובר רק בלשון, בעברי־טייטש, אלא בכל אופן התיאור של ההתרחשות שבחומש, בהאנשת המאורעות והחוקים של התורה וקירובם לתפיסת־העולם של ההמונים. משימתו של איציק מאנגר היתה אחרת. מאנגר הוא משורר, וזכותו לבחור לו נושאים. הוא כותב שירים על נושאים מן החומש.

השיטה

איך מגיע מאנגר אל מטרתו האמנותית? מה הם האמצעים שהוא משתמש בהם, כדי לעורר את הלך־הרוח, כדי ליצור את האווירה שבה הגיבור משכבר מתקרב אל היום הזה, ואף־על־פי־כן אינו מוצא מתוך הכבר שלו?

מיר קאָנען אָננעמען, אַז מאַנגער איז געקומען צו דער מסקנה, אַז בכדי צו שילדערן אַ געשעעניש, אַ געשטאַלט, אַ שפּיל פון ליידנשאַפטן צווישן אַ גרופּע מענטשן פון אַן עפּאָכע וואָס געהערט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — דאַרף מען נישט אין אַלע פּרטים זיין געטריי דער געשילדערטער עפּאָכע. אויב מ׳וויל מאָלן, למשל, עמעצן פון אונדזערע אבות דאַרף מען אים נישט, לויט מאַנגערן, אָנטאָן אַן אַבייע אויף די אַקסלען און אַ קעפּיע אויפן קאָפּ, נאָר דווקא אַ זשופּיצע מיט אַ שטריימל. ווייל, אויב מיר וועלן זיין געטריי אין אַלע פּרטים דער געשילדערטער עפּאָכע (אין פּייזאַזש, האַלטונג, אופן פון רעדן, קליידונג אאַז״וו), וועלן מיר די געשילדערטע עפּאָכע, צי דעם מענטש פון דער ווייטער עפּאָכע, צי אַ געשעעניש פון די ווייטע צייטן — פאַרשטיין אָבער נישט פילן, און אויב אַפילו פילן, איז נישט מיטפילן. און דאָס פאָלק וויל מיטשפּילן, מיטפילן, מיטווירקן און אויב אַפילו פאַרשטיין — איז מיטפאַרשטיין. דאָס פאָלק, דער פאָלקסמענטש, וויל נישט שטיין (געפילמעסיק) פון דער ווייטנס פון דעם פאַרגעקומענעם אין די אַלטע צי אין די אוראַלטע צייטן, ווען מ׳שילדערט זיי אים, צי מ׳דערציילט אים וועגן זיי, נאָר ער וויל שטיין אין מיטן פון די געשעענישן. בכדי צו פאַרשטיין דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען, איז גענוג זיך איבערצוטראָגן אין דער פאַרגאַנגענער צייט, אָבער בכדי צו פילן דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען — דאַרף מען קאָנען דאָס געוועזענע אַריבערטראָגן צו זיך.

דאָס האָט צום טייל געוווּסט, פאַרשטאַנען, געפילט צי גאָר פאַר־אויסגעפילט דער מחבר פון צאינה וראינה. עס גייט נישט בלויז אין דער שפּראַך, אין עברי־טייטש, נאָר אין גאַנצן אופן פון שילדערן דעם חומש־פאַרלויף, אין דעם פאַרמענטשלעכן, אין דערנענטערן צום וועלטבאַנעם פון די מאַסן די געשעענישן און די געזעצן פון דער תורה. איציק מאַנגער האָט געהאַט אַן אַנדער אויפגאַבע. מאַנגער איז אַ דיכטער און אים דינט דאָס רעכט צו מאַכן אַן אויסקלייב. ער שרייבט לידער אויף חומש־טעמעס.

מעטאָדע

ווי אַזוי דערגרייכט מאַנגער זיין קינסטלערישן ציל? מיט וואָס פאַר אַ מיטלען באַנוצט ער זיך, בכדי אַרויסצורופן די שטימונג, בכדי צו שאַפן די אַטמאָספער, אין וועלכער זיין העלד פון אַמאָל דערנענטערט זיך צום היינט, און ווערט דאָך נישט אָוועקגענומען פון זיין אַמאָל?

מאנגר מפרק את גיבורו ליסודותיו. הוא מסלק ממנו את כל הטפלות שטפלו ותלו עליו ושנתנו לו מתת. הוא מסתלק יחד עם גיבורו מכל הצורות משכבר, והוא בורא אותו מחדש. הוא הופך את גיבורו לטיפוס חדש. מאנגר פושט מגיבורי-החומש שלו כל מה שהיו לבושים בו עד כה. הוא נוטל מהם את האופן שבו נעו, פעלו, התבטאו עד כה. הוא מצייר אותם מחדש. והוא עושה זאת באמצעים החביבים עליו והמדברים אל דמיונו ואל דמיון העם, שמאנגר הוא המבין אותו. הוא משתמש ביסודות, העשויים להעיר ולעורר, להלהיט ולהבליט את הרגשות את הלך־הנפש, הנחוצים לו כדי להרגיש את העבר.

הבה נעמיד לפנינו, למשל, את אברהם אבינו, כפי שמאנגר מצייר אותו (המובאות נטולות משירי־החומש):

אברהם אבינו מחייך ושותק
ומוצץ ממקטרתו עשן;
מנגב במטפחתו את משקפיו הישנים.
(„שלושת המלאכים באים אל אברהם אבינו").

הנה עומד הוא בכיפת־המשי,
ר' אברהם היהודי האדוק,
היחוש לפחות, אם נאמנת,
את רוחי המרה, המדוכדכת?

(„אברהם ושרה")

והגר מעידה עליה
את השמים ואת הארץ;
כך נוהגים האבות
בעלי הזקנים הארוכים והחסודים.
(„הגר עוזבת את בית אברהם").

רוטט זקנו האפור

(„אברהם אבינו משחיז את המאכלת").

מאַנגער צענעמט זיין העלד אויף עלעמענטן. ער נעמט ביי אים אַוועק אַלע אַקסעסואַרן, מיט וועלכע דער העלד איז ביז איצט באַשאַנקען און באַהאָנגען געוואָרן. ער גייט אַוועק מיט זיין העלד פון אַלע אַמאָליקע פאָרמען און ער באַשאַפט אים פון דאָס ניי. ער מאַכט פון זיין העלד אַ נייעם טיפּ. מאַנגער טוט אויס זיינע חומש־העלדן פון דעם אַלעם אין וואָס זיי זענען געווען ביז איצט אַנגעטאָן. ער נעמט ביי זיי אַוועק זייער ביז איצטיקן אופן באַוועגן זיך, פון האַנדלען, פון אויסדריקן זיך. ער מאָלט זיי פון דאָס ניי. ער טוט דאָס מיט די מיטלען וועלכע געפעלן אים, און רעדן צו זיין פאַנטאַזיע און צו דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, וועמענס פאָרשטייער מאַנגער איז. ער באַנוצט די עלעמענטן, וואָס זענען עלול אָנצוּוואַרעמען און בולט אַרויסצוהייבן די געפילן, דעם געפיל־צושטאַנד, וועלכע זענען אים נייטיק בכדי צו פילן דעם אַמאָל.

לאָמיר לשם משל אָוועקשטעלן פאַר זיך אברהם אבינו, אַזוי ווי מאַנגער מאָלט אים אונדז (די ציטאַטן זענען גענומען פון די חומש־לידער).

אברהם אבינו שמייכלט און שווייגט
און פּיפּקעט פון זיין ליולקע רויך;
ער ווישט מיטן טיכל די אַלטע ברילן

(די דריי מלאכים קומען צו אברהם אָבינו)

אָט שטייט ער אין זיידענעם קאַפּל
רב אברהם דער פרומער ייד, —
צי פילט ער כאָטש, מאַמע געטרייע,
מיין ביטער דערשלאָגן געמיט?

(אברהם און שרה)

און הגר נעמט פאַר אַן עדות
דעם הימל און די ערד:
אָט אַזוי פירן זיך די אבות
מיט די לאַנגע פרומע בערד.

(הגר פאַרלאָזט אברהמס הויז)

ס׳ציטערט אים די גראָע באָרד.

(אברהם אָבינו שאַרפט דאָס מעסער)

הוא חש את המאכלת הצורבת
תחת הז׳ופיצה את גופו.
(„אברהם אבינו נוסע עם יצחק לעקידה״)

בסיכום כל הפרטים שהדגשנו, הרי לפנינו תמונה זו: יהודי בעל זקן ארוך ואפור, הלבוש ז׳ופיצה, על ראשו כיפת-משי, על אפו משקפיים, בפיו מקטרת המעלה עשן, ושמו של יהודי זה: אברהם תרחזון (היינו: אברהם בן־תרח);

ועכשיו הבה נשמע כיצד אברהם אבינו מדבר אצל מאנגר:

בטחון, אשתי, ברצות אל עליון
אפילו מטאטא יורה. („אברהם ושרה״).

הסי, בהמה, הפסיקי כבר!
אך היא רק בוכה ובוכה,
היא כבר מן־הסתם שוב
קראה בצאינה־וראינה.

ערב טוב, אורחים, היכנסו־נא!
שרה שלי הכינה
אורז בחלב ולחם־כמון,
מן־הסתם באתם מרחוק.
(„שלושת המלאכים באים אל אברהם אבינו״).

קליפה, — — —
תסתלקי או לא?
(„לילה האחרון של הגר בבית אברהם״)

התרצה לעולל לי תעלול, אלהים? — — —
מילא, אני מוכן. („אברהם משחיז את המאכלת״).

אליעזר, עבדי הזקן, הנאמן,
קח את מטך ביד,

ער פילט ווי דאָס מעסער בריט
אונטער דער זשופּיצע דאָס לייב.

(אברהם אָבינו פאָרט מיט יצחקן צו דער עקידה)

סומירנדיק די אַלע פּרטים, האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ בילד: אַ ייד מיט אַ לאַנגער, גראָער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ זשופּיצע, אויפן קאָפּ אַ זיידן קאַפּל, אויף דער נאָז אַ פּאָר ברילן, אין מויל אַ ליולקע וואָס רייכערט זיך, און הייסן הייסט דער ייד: אברהם תּרחזאָהן;
און איצט לאָמיר זיך צוהערן ווי אַזוי רעדט אברהם אבינו ביי מאַנגערן:

בטחון, מײַן ווײַב, אַז דער אייבישטער וויל
שיסט אַפילו אַ בעזים אויך.

(„אברהם און שרה")

בהמה, שאַ! נו הער שוין אויף.
נאָר רק זי ווײנט און ווײנט,
זי האָט שוין מסתּמא ווידער אַ מאָל
די צאינה וראינה געלייענט.

גוטן אָוונט, אורחים, קומט אַריין
מיין שׂרה האָט אָנגעגרייט
רייז מיט מילך און קימלברויט,
איר קומט מסתּמא פון ווייט.

(די דריי מלאכים קומען צו אברהם אָבינו)

קליפּה, — — — —
דו טרעטסט מיך אָפּ, צי ניין?

(הגרס לעצטע נאַכט ביי אברהמען)

ווילסט מיר טאָן אַ סביטקע, גאָט?... — — — — —
איז מילא, איך בין גרייט.

(אברהם שאַרפט דאָס מעסער)

אליעזר, מיין אַלטער, געטרייער קנעכט,
נעם דעם שטעקן אין דער האַנט,

רתום רגליך הזקנות, הנאמנות
וצא על־פני הארץ!

חפש ומצא ליצחק׳ל שלי אשה
שתהיה אחת בעולם,
שתהיה יפה כשמש ביום,
ומטמון של כסף יהיה לה!
כי יצחק הוא אישון עיני,

בבכי ייחלתי לו,
הן תדע זאת בעצמך, עבדי הנאמן,
כי קראת זאת בחומש.

(„אברהם שולח את אליעזר לחפש אשה ליצחק״)

לא אחת כינה מאנגר עצמו את שירי־החומש שלו: „מיין טייטש־חומשל״, היינו חומש-טייטש שלי. הוא הרגיש והבין, כי בשעה שהאיש העממי היהודי יטול לידיו את ספרוני שיריו וייווכח כיצד אברהם אבינו הקדמון נראה; בשעה שישמע כיצד אבי אבות העם הישראלי הקדמון, זה האיש שהכיר לראשונה את האל האחד והיחיד, מדבר — ירגיש הוא, איש-העם הפשוט, כי הוא מקורב אליו. וכשאדם של ימינו יראה את אברהם אבינו לבוש כיהודי פולני אדוק, ואפילו כבעל־עגלה גאליצאי בשבת — ירגיש בקרבתו אליו, קירבה ביתית של אחווה. פגישותיו של אברהם עם אלוהים כמו ביר״ד לאשקבה, דיבורו עם אלוהים בלשון פשוטה של יום-חולין, כל זה שהוא הצד השני של מטבע-הזהב הקרוי שירה, יהיו חביבים ויקרים לו. נכונותו של אברהם להקריב קרבן־עולם את היקר והקרוב לו ביותר — תיעשה פשוטה ומובנת. הכול ירגישו, כי אלה הן גדולות, העשויות למצוא קן גם בלבותיהם של קטנטנים, מפני שהכול (בשירים) מוקף במסגרת של פיוט, כמו שמוקפות במסגרת המלים:

נוגות ויפות, אומר הפייטן,
הן דרכי התנ״ך.

שפּאַן איין דיינע אַלטע געטרייע פיס
און לאָז זיך איבערן לאַנד!

זוך אויס פאַר מיין יצחקלען אַ ווייב,
זי זאָל זיין איינע אין דער וועלט,
שיין זאָל זי זיין, ווי די זון ביי טאָג
און זי זאָל האָבן אַ קניפּל מיט געלט!

ווייל יצחק איז מיין אויג אין קאָפּ,
איך האָב אים קוים אויסגעוויינט,
דו ווייסט עס אַליין, מיין געטרייער קנעכט,
ווייל דו האָסט עס אין חומש געליינט.

(אברהם שיקט אליעזרן זוכן פאַר יצחקן אַ ווייב)

מאַנגער אַליין האָט נישט איין מאָל אָנגערופן זיינע חומש־לידער: „מיין טייטש חומשל". ער האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז ווען דער יידישער פאָלקסמענטש וועט נעמען זיינע ביכלעך לידער אין האַנט אַריין און דערזען ווי אַזוי דער פּאַטריאַרך אברהם זעט אויס; ווען ער וועט הערן, ווי אַזוי דער עלטער־זיידע פון אַלטן פאָלק ישׂראל, דער וואָס האָט דער ערשטער דערקענט דעם איינציקן גאָט, — רעדט, וועט ער, דער פּשוטער פאָלקסמענטש, זיך דערפילן צו אים דערנענטערט. ווען דער מענטש, דער היינטיקער, וועט דערזען אברהם אָבינו אַנגעטאָן ווי אַ פּוילישער גוטער־ייד, צי אַפילו ווי אַ גאַליציאַנער בעל־עגלה שבת — וועט ער זיך דערפילן מיט אים היימיש, „זאַ פּאַן־בראַט". אברהמס טרעפונגען מיט גאָט ווי אויפן לאַשקעווער יריד, זיין רעדן מיט גאָט אויף דער שפּראַך פון אַ פּראָסטן מיטוואָך, דאָס אַלץ וואָס איז די צווייטע זייט פון דער גאָלדענער מטבע, וואָס הייסט: פּאָעזיע, וועט אים ווערן ליב און טייער. אברהמס גרייטקייט מקריב צו זיין דאָס טייערסטע און נאָענטסטע פאַר אַ קרבן — וועט ווערן פּשוט און פאַרשטענדלעך. אַלע וועלן דערפילן, אַז דאָס זענען גרויסקייטן, וואָס קאָנען הויזן אויך ביי קליינטשיקע אין האַרץ, ווייל אַלץ (אין די לידער) איז אַרומגענומען אין קלאַמערן פון פּאָעזיע, ווי אין קלאַמערן זענען אַרומגענומען די ווערטער:

טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט,
זענען די וועגן פון תּנך.

כשאנו אומרים: איש־העם הפשוט — אין אנו מתכוונים לזה כפשוטו, בפועל-ממש. לדאבון הלב, אין השירה מגעת אל אנשי-העם, אף־על־פי שמאנגר אולי יוצא מן הכלל הזה. כשאנו אומרים: איש־העם — למעשה הרינו מתכוונים לפשטות המועטת המצויה בכל אדם, ושאליה כל אדם — ואולי דווקא האדם המעודן — מתגעגע. צורת־הגרוטסקה של מאנגר מתגנבת בכוח הלהטוט של הגרוטסקה אל לבם של הקוראים המעודנים, ושם הגרוטסקה מתמוגגת ומשאירה אחריה את ריחה וטעמה של שירת-מישרין אמיתית.

יש להודות, כי כמין ארציות לא־יהודית עולה מגיבורי־המקרא של מאנגר, תאות-חיים כמעט אלילית בוקעת מדמויות המקרא והמגילה, ואף־על־פי־כן מאנגר מוצא להן לבסוף צליל יהודי, ואפילו מוטיב־באקחוס אצל לוט משתנה ונעשה „יום-טוב (יהודי) באמצע ימי־החול". אבל יטעה מי שיחשוב, שכל גיבורי־המקרא מתוארים אצל מאנגר באותו האופן. אברהם אבינו, מניח היסוד לעם היהודי, הראשון לאומה חדשה, מתואר אצל מאנגר כבעל-גוף וכבעל־הון; הוא מצויר בעוז-ביטחה ובנחישות־החלטה, בעיניים של חקרן נבון, מתוך ראייה-מראש ופיכחון; אבל יצחק, שאביו העשיר הבטיחו בקיום ללא־דאגה, כבר מצויר אצל מאנגר בסובטיליות, בדקות, עם ריטוטים של פרוש. הקשיבו־נא לכמה בתי-שיר:

יצחק אבינו מטייל בשדה,
שוקט, רציני וחסוד,
ורואה איך פרפר מזדווג
עם דגנית כחולה.

רגע... שניים... ואיננו עוד,
הוא חש הרחק, הט, הט —
האם, לפחות, יתן השרלטן
לדגנית המסכנה גט?

ווען מיר זאָגן: פּשוטער פאָלקסמענטש — מיינען מיר דאָס נישט ווערטלעך, בפועל ממש. צו די פאָלקסמענטשן דערגרייכט ליידער נישט די פּאָעזיע, כאָטש מאַנגער איז אפשר אין דעם פאַל אַן אויסנאַם. ווען מיר זאָגן: פאָלקסמענטש — מיינען מיר פּאַקטיש דאָס ביסעלע פּשטות, וואָס איז אין יעדן מענטשן פאַראַן און נאָך וועלכער דער מענטש — און אפשר דווקא דער ראַפינירטער — בענקט. מאַנגערס גראָטעסק־פאָרעם גנבעט זיך אַריין מיטן כּוח פון גראָטעסק־טריק צו די ראַפינירטע לייענערס, ווו די גראָטעסק לייזט זיך אויף, איבערלאָזנדיק דעם ריח און טעם פון אוממיטלבאַרער און אמתער פּאָעזיע.

מען מוז מודה זיין, אַז עפּעס אַ נישט־יידישע ערדישקייט גייט אויף פון מאַנגערס ביבלישע העלדן, אַ כּמעט היידנישער לעבנסלוסט שלאָגט פון זיינע חומש־ און מגילה־געשטאַלטן. פון דעסטוועגן געפינט פאַר זיי מאַנגער סוף־כּל־סוף אַ יידישן אַקאָרד און אַפילו דער באַקכוס־מאָטיוו, ביי לוטן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן „יום־טוב אין דער וואָכן״, ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אַלע ביבלישע העלדן ווערן ביי מאַנגערן געשילדערט אויפן זעלביקן אופן. אברהם אבינו, דעם גרונט־לייגער פון יידישן פאָלק, דעם ערשטן פון אַ נייער אומה, האָט מאַנגער געשילדערט ווי אַ בעל־גוף, אַ געלטזאַק, ער איז געמאָלן פעסט און זיכער, האַרט און אַנטשלאָסן, מיט אויגן פון אַ קלוגן חקרן, פאַרויסזעעוודיק און ניכטער; אָבער יצחק, ווועמען דער רייכער טאַטע האָט פאַרזיכערט אַ זאָרגלאָזע עקסיסטענץ, ער איז שוין דורך מאַנגערן געמאָלן סובטעל, דין מיט ציטערנישן פון אַ פּרוש. הערט עטלעכע סטראָפן:

> יצחק אבינו שפּאַצירט אין פעלד
> געלאַסן ערנסט און פרום
> און זעט ווי ס׳פּאָרט זיך אַ שמעטערלינג
> מיט אַ בלאָער קאָרנבלום.
>
> אַ רגע... צוויי... און נישטאָ אים מער,
> ער איז שוין העט, העט, העט —
> צי וועט כאָטש געבן דער שאַרלאַטאַן
> דער אָרעמער בלום אַ גט?

בעיני יצחק נוצצת דמעה:
מלא חטאים העולם!
ובצעדים איטיים הוא הולך
אלי אוהל אביו.

יש אצל מאנגר עוד משהו שעוזר לו, שמדגיש את ייחודו; הרי זה כפל התמונויות אשר אצלו. כאשר אברהם אומר, כי שרה בוכה מפני שמן־הסתם כבר קראה שוב **בצאינה־וראינה**, הרי כאן תמונה כפולה. מצד אחד, אנו זוכרים (כלומר, אנו רואים) את שרה מתוך **צאינה־וראינה**, ומצד שני אנו רואים את שרה זו, שמאנגר מתאר לפנינו, והיא עצמה קוראת **בצאינה-וראינה**. והוא הדבר, כאשר אברהם מוציא מתוך הז׳ופיצה את חומשו הקטן וקורא בקול פרשת חיי-שרה. והוא הדבר, כאשר אברהם אומר לאליעזר עבדו, כי מן הסתם הוא (אליעזר) יודע בעצמו מי זה יצחק, מפני שקרא זאת בחומש. תמונות כפולות כאלה מרובות הן. אפילו שירים שלמים כתב מאנגר באופן הזה. זהו יסוד הגרוטסקה המאנגרית. ואפילו אם יש מי שסבורים כי זה „להטוט" ספרותי, הרי זה (אם אמנם כך הוא) כל־כך טווי סביב־סביב שירה, עד שהלהטוט, כביכול, הוא בעצמו חטיבה של שירה. ואין שום איש משתוקק לדעת, אם „הומצא" בלב או במוח. (אגב, אין אנו גורסים כלל אנטומיה ספרותית זו).

כאמור, כפל-תמונויותו של מאנגר היא יסוד הגרוטסקה שלו. אך עדיין אין זה הכול. אפשר להוכיח, בהסתמך על הפסיכולוגיה התבניתית, כי חיבור נושא החומש (או המגילה) עם יסודות-תפאורה של ימינו אינו מזיק כל־עיקר לשלמותן של שתי התמונות (הן התמונה המקראית והן העכשווית). יש להתחשב במה שהוכיחו בדרך־הניסוי הפסיכולוגים של התבנית, שלאדם (ולא רק לאדם) ניתן קודם-כול אופן הראייה (והחישה) של תבניות שלמות (לפי אריסטו, השלם קדם לחלקיו). נמצא שאנו רואים (וחשים), בזכות הטכניקה של מאנגר, בבת אחת שתי תמונות

אין יצחקס אויגן פינקלט אַ טרער:
ס׳איז פול מיט זינד די וועלט!
און ער גייט מיט פּאַמעלעכע טריט
צו זיין טאַטנס געצעלט.

ס׳איז פאַראַן ביי מאַנגערן נאָך עפּעס, וואָס העלפט אים, וואָס שטרייכט אונטער זיין באַזונדערקייט; דאָס איז זיין טאָפּלטבילדערישקייט. ווען אברהם זאָגט, אַז דערפאַר ווײנט שׂרה, ווייל זי האָט מסתּמא שוין ווידער געלייענט די צאינה וראינה, איז עס אַ טאָפּלטבילד. פון איין זייט דערמאָנען מיר זיך (און דאָס הייסט, אַז מיר זעען), שׂרהן פון דער צאינה וראינה, און פון דער צווייטער זייט זעען מיר די שׂרה, וועלכע מאַנגער שילדערט אונדז און וועלכע לייענט אַליין די צאינה וראינה. דאָס זעלביקע איז, ווען אברהם נעמט פון דער זשופּיצע אַרויס דאָס חומשל און לייענט די סדרה: „חיי שׂרה" אויפן קול. דאָס זעלביקע איז ווען אברהם זאָגט צו זיין קנעכט אליעזר, אַז דער לעצטער וויס מסתּמא אַליין ווער יצחק איז, ווייל ער (אליעזר) האָט עס געלייענט אין חומש. אַזעלכע טאָפּלטבילדער זענען דאָ אַ סך. אַפילו גאַנצע לידער זענען ביי מאַנגערן אויף דעם אופן געשריבן. דאָס איז דער יסוד פון דער מאַנגערישער גראָטעסק. און זאָלן עס טייל האַלטן פאַר אַ ליטעראַרישן „טריק", איז ער (ווען דאָס זאָל אַפילו אמת זיין) אַזוי אַרומגעשפּונען מיט פּאָעזיע, אַז דער מכּלומרשטער טריק איז אַליין אַ שטיק פּאָעזיע, און קיינעם ווילט זיך נישט וויסן צי ער איז „צוגעטראַכט" פון האַרץ צי פון מוח. (אַגב, זענען מיר די דאָזיקע ליטעראַרישע אַנאַטאָמיע בכלל נישט גורס).

ווי געזאָגט, איז מאַנגערס טאָפּלטבילדערישקייט דער יסוד פון זיין גראָטעסק. דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מ׳קאָן באַווייזן, שטיצנדיק זיך אויף דער „געשטאַלט-פּסיכאָלאָגיע", אַז דאָס באַהעפטן דעם סוזשעט פון חומש (צי פון דער מגילה) מיט דעקאָראַטיווע עלעמענטן פון היינט, שאַדט לגמרי נישט דער גאַנצקייט פוןביידע בילדער (דעם ביבלישן און דעם היינט-צייטיקן). מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט דאָס, וואָס איז דורך די סטרוקטור- און געשטאַלט-פּסיכאָלאָגן באַוויזן געוואָרן עקספּערימענטאַל, אַז דעם מענטש (און נישט בלויז דעם מענטש) איז קודם-כּל געגעבן געוואָרן דער אופן פון זען (און פילן) גאַנצע סטרוקטורן (לויט אַריסטאָטעלעסן איז די גאַנצקייט געווען פאַר אירע טיילן). אַזוי אַרום זעען מיר (און מיר פילן) אין דעם פאַל, אַ דאַנק דער מאַנגערישער טעכניק, צוויי גאַנצע בילדער

שלמות, הקשורות זו בזו קשר הדוק. זה כבר יותר מגרוטסקה. זו היא צורה נעלה יותר של דמיון. זה מה שמכנה מאנגר בהקדמתו לשירי-החומש: „מין אינטרמצו בדרך לחזון הבלדי המעוצב״.

אינטרפרטציה פיוטית

השירים שבספרונו של איציק מאנגר: „ולוול זבארז׳ר כותב מכתבים למלכה׳לה היפה״ הם פשר פיוטי לרגש המהלך דורי־דורות על־פני העולם. הרי זה הרגש והאידיאה של דון קיחוט, של דון ז׳ואן ושל כל הקאזאנובאים שבעולם. זהו זמר פיוטי על „גברת הלב״, שכולם רצו לחפשה, אבל אך יחידים, נבחרים, אכן חיפשו ומצאו אותה. זו היא העתקת זמרה פיוטית של דור משוררים-נוודים, של טרובאדורים ומייסטר־זינגרים יהודיים. השירים הם בת־קול והד-קול של תקופה פיוטית שכבר חלפה. זה הוא חלום פיוטי גדול, רצון שירי להתנשא. הקשיבו:

אילו הייתי כוכב,
לא הייתי חושב ארוכות
וברעד שקט הייתי
נופל עלי גגך.

ואילו הייתי חייט,
הייתי עף אליך
ובאצבעוני מזהב
דופק עלי דלתך.

(„אמרי, מלכה׳לה היפה״).

במכתבי ולוול זבארז׳ר מאת איציק מאנגר יש כמה מובאות משירי ולוול זבארז׳ר. והם כמו מסרגות-זהב, שעליהן מאנגר טווה את מטווהו הפיוטי. כל שנים-עשר השירים שבספרון הקטן הם בלדה אחת גדולה, לא דמיונית אלא מציאותית, מציאותית־חיה וכאחת

מיט אַ מאָל, וואָס זענען צווישן זיך ענג פאַרבונדן. דאָס איז שוין ־מער ווי גראָטעסק. דאָס איז אַ העכערע פאָרעם פון פאַנטאַזיע, דאָס איז, וואָס מאַנגער רופט אין זיין הקדמה צו די חומש־לידער: „אַן אינטערמעצאָ ־יאַ אויפן וועג צו דער געשטייגערטער באַלאַדעסקער וויזיע".

פּאָעטישע אינטערפּרעטאַציע

די לידער פון איציק מאַנגערס ביכעלע: וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער זענען אַ פּאָעטישע אינטערפּרעטאַציע פון אַ געפיל, וואָס גייט זינט דורות איבער דער וועלט. דאָס איז דאָס געפיל און די אידייע פון דאָן קיכאָט, פון דאָן זשואַן און פון אַלע קאַסאַנאָוואָס אין דער וועלט. דאָס איז אַ פּאָעטיש געזאַנג וועגן דער „דאַמע פון האַרץ", וואָס אַלע האָבן זי געוואָלט זוכן, אָבער נאָר יחידים, אויסדערוויילטע האָבן דאָס געטאָן. דאָס איז אַ פּאָעטישער איבערגעזאַנג פון אַ דור פּאָעטן־וואַגאַבונדן, פון יידישע טרובאַדורן און מייסטער־זינגערס. די לידער זענען אַ ווידער־קול און אַן איבער־קול פון אַ פּאָעטישער עפּאָכע, וואָס איז שוין געהאַט אַוועק. ס'איז אַ גרויסער פּאָעטישער טרוים, אַ דיכטערישער ווילן, אַ רייסן זיך אַרויף. הערט:

וואָלט איך געווען אַ שטערן,
וואָלט איך נישט לאַנג געטראַכט
און וואָלט מיט אַ שטילן ציטער
געפאַלן אויף דיין דאַך.

און וואָלט איך געווען אַ שניידער,
וואָלט איך געפלויגן צו דיר
און מיט מיין גילדענעם פינגערהוט
אָנגעקלאַפּט אין דיין טיר.

(זאָג, מלכהלע די שיינע)

ס'איז פאַראַן אין איציק מאַנגערס וועלוול זבאַרזשער עטלעכע ציטאַטן פון וועלוול זבאַרזשערס לידער. זיי זענען ווי די גאָלדענע שפּינדלעך אויף וועלכע מאַנגער וועבט זיין פּאָעטיש געוועב. אַלע צוועלף לידער פון דעם קליינעם ביכעלע זענען איין גרויסע באַלאַדע, נישט קיין פאַנטאַסטישע

דמיונית־פיוטית. תפיסת־העולם הפיוטית של מאנגר היא אופטימיסטית. כאשר ולוול זבארז׳ר אומר או שואל בעצב: „מוטב להיות קוץ ולא פרח הפורח?" חוזר על זה מאנגר אחרת, בנימה אופטימיסטית, בנימה חיובית, מאשרת. הקשיבו-נא:

אבל אינני כוכב
ואפילו לא חייט,
לכן מוטב לי להיות קוץ,
ולא פרח הפורח.

מוטב לו להיות קוץ ולא פרח. וכאשר מאנגר אומר, כי מוטב לו כך, מאמינים לו. מן־הסתם יש לו „חשבון" פיוטי על כך. נימתו הפיוטית של מאנגר היא אופטימיסטית, וכך הוא אומר:

אלא אדרבה, ערגתי
מאמינה עוד תמיד ומחכה,
היא שרה: האהבה האמיתית
עדיין לא רימתה איש.

היא שרה: הערגה, האהבה
הן זיווג מאלוהים —
לערגה יש עיני־זהב
ולאהבה שערות־זהב.

(„היום קבצן").

מלבד כל זה ניחנה שירתו של מאנגר בחן מיוחד. לפעמים חן שובבני, כמו בשירי-החומש, ולפעמים חן רציני, כמו ב„מלכה׳לה היפה". קשה להגדיר את החן הפיוטי של מאנגר (כמו שקשה להגדיר חן פיוטי בכלל), אבל אנו רשאים לומר, כי יש כאן הרכב מוצלח של פרטים פיוטיים, שביחדותם הם מפיקים חן. בבלדות של מאנגר, למשל, אין דמויות מופלאות, אבל הרבה מאוד כוח־המצאה. איזה פרט

נאָר אַ רעאַלע, אַ רעאַל לעבעדיקע און אַ פאַנטאַסטיש־פּאָעטישע. מאַנגערס־פּאָעטישער וועלטבאַנעם איז אַן אָפּטימיסטישער. ווען וועלוול זבאַרזשער זאָגט אָדער פרעגט מיט טרויער: „ס'איז בעסער צו זיין אַ דאָרן איידער אַ בלום וואָס בליט?" — זאָגט עס מאַנגער איבער אַנדערש, מיט אַן אָפּטימיסטישער נאָטע, מיט אַן אַפירמאַטיווער, באַשטעטנדיקער נאָטע, אַט הערט:

בין איך אָבער נישט קיין שטערן
און אַפילו קיין שניידער ניט,
איז מיר בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט.

אים איז בעסער צו זיין אַ דאָרן איידער אַ בלום. און אויב מאַנגער זאָגט, אַז אַזוי איז אים בעסער, גלייבט מען אים, ער האָט זיך שוין מסתמא דערויף זיין פּאָעטישן „חשבון". מאַנגערס פּאָעטישע נאָטע איז אַן אָפּטי־מיסטישע, ער זאָגט עס אַזוי:

נאָר אַדרבא, מיין בענקשאַפט
גלייבט נאָך כסדר און וואַרט,
זי זינגט: די אמתע ליבע
האָט נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

זי זינגט: די בענקשאַפט, די ליבע
זיי זענען פון גאָט אַ פּאָר —
די בענקשאַפט האָט גאָלדענע אויגן
און די ליבע האָט גאָלדענע האָר.

(אַ בעטלער האָט היינט)

מאַנגערס פּאָעזיע איז אַחוץ אַלעם באַשאָנקן מיט אַ ספּעציעלן חן. אַ מאָל איז ער אַ שטיפערישער, ווי אין די חומש־לידער און אַ מאָל אַן ערנסטער, ווי אין מלכּהלע דער שיינער. ס'איז שווער צו דעפינירן מאַנגערס פּאָעטישן חן (ווי פּאָעטישן חן בכלל), דאָך קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז אַ גליקלעכער צוזאַמענשטעל פון פּאָעטישע דעטאַלן, וואָס צוזאַמען גיבן זיי אַרויס פון זיך חן. אין מאַנגערס באַלאַדן, למשל, זענען נישטאָ קיין אויס־טערלישקייטן, נאָר זייער אַ סך אינוווענץ. עפּעס אַ פּאָעטישער דעטאַל,

פיוטי, איזו זוטה, מוצבים כך, שהם מלאים חן, עוצרים נשימה, מקסימים.

הומור לירי הוא בשירי מאנגר אחד היסודות החשובים ביותר, המגביר את חנם המיוחד. בשירי החומש והמגילה נהפך ההומור הלירי תכופות לליגלוג, לליצנות; בבלדות הוא נהפך תכופות לעצב, לתוגה רכה. „מלכה׳לה היפה" היא בפרט זה כמו הבלדות. בשירים עולה עצבות ורודה, ובכל עצבות ורודה יש שמחה, שכן:

אראה את הערגה פותחת
את החלונות של כל בית
וצופה בעיני־אומן
אל כל הדרכים.

(„ערב־הקיץ מדמדם").

* * *

בתוך הטשטוש שבאפס־ההיסטוריות שלנו, בתוך הבלבול המשונה של צורות וסגנונות אשר אצלנו, בתוך הערבוביה של ארחות־חיים נבדלים, בתוך ההילחצות של דורות — איציק מאנגר הוא איש־הקשר הפיוטי, שהשתלט על התוהו-ובוהו ויצר מכל זה שלמות פיוטית חדשה. האנאכרוניזמים של מאנגר הוא משחק גדול לגופו. ההרחקה של היום הזה אל העבר, היינו הקירוב של העבר אל התמונות של היום, כל המשחק המוזר הזה של קירוב וריחוק יוצר ויברציה משונה, שבה המשורר מצליח לתפוס ולנעול בשבעה בריחים חטיבה של נצח. היום הזה, אשר מאנגר מרחיקו אל העבר, אינו עוד היום של ימינו אלא היום של שנות־ילדותו של מאנגר, היום של סטופצ׳אֶט, קוסאֶב ולאקשוב, היום של הילדות שבה נשאר מאנגר לעד.

מחזור חג־הפורים ומחזות-החומש־והמגילה של מאנגר, הדומים למחזות הפאסיון ול„יסלקות" של הפולנים, יזכירו תמיד את התמונה

אַ קלייניקייט איז אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז ס׳איז מלא חן, ס׳פּאַרכאַפּט, ס׳באַצויבערט.

לירישער הומאָר איז איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אין מאַנגערס לידער, וואָס פאַרשאַרפן זייער ספּעציפישן חן. אין די חומש־ און מגילה־לידער ווערט פון לירישן הומאָר אָפּט מאָל חוזק, ליצנות; אין די באַלאַדן — אָפּט אומעט, ווייכער טרויער. אין מלכּהלע דער שיינער איז אין דעם פּרט אַזוי ווי אין די באַלאַדן. ס׳גייט אויף אין די לידער אַ ראָזער אומעט און אין יעדן ראָזן אומעט איז דאָ פרייד, ווייל;

איך זע די בענקשאַפט עפנט
די פענצטער פון יעדן הויז
און קוקט מיט געטרייע אויגן
צו אַלע וועגן אַרויס.

(דער זומער-אָוונט דעמערט)

*

אין דער מטושטשער אַ־היסטאָרישקייט אונדזערער, אין אונדזער משונהדיקער מבולבלקייט פון פאָרמען און סטילן, אין געמיש פון פאַר־שידענע לעבן־שטייגערס, אין דער געפּרעסטקייט פון דורות, — איז איציק מאַנגער דער פּאָעטישער פאַרבינדונגס־מאַן, וואָס האָט באַהערשט דעם תוהו ובוהו און געשאַפן פון דעם אַלעם אַ נייע פּאָעטישע גאַנצקייט. די מאַנגערישע אַנאַכראָניזמען זענען אַ גרויסע שפּיל פאַר זיך גופא. דאָס דערוווייטערן דעם היינט צו דעם אַמאָל, אָדער דאָס דערנענטערן דעם אַמאָל צו די בילדער פון היינט, די גאַנצע מאָדנע שפּיל פון דערנענטערן און דערוווייטערן — שאַפט אַ משונהדיקע וויבראַציע, אין וועלכער דעם פּאָעט געראָט אויפצוכאַפּן און צו פאַרשליסן אויף זיבן שלעסער אַ שטיק אייביקייט. דער היינט וואָס ווערט ביי מאַנגערן דערוווייטערט צום אַמאָל, איז נישט דער היינטיקער היינט, נאָר דער היינט פון מאַנגערס קינדער־יאָרן, דער היינט פון סטאָפּטשעט, פון קאָסעוו און פון לאָקשעוו, פון דער קינדהייט וואָס מאַנגער איז אין איר אויף אייביק פאַרבליבן.

די פּורים־שפּיל און מאַנגערס חומש־ און מגילה־שפּיל, וואָס זענען ענלעך צו די „פּאַסיאָנס־שפּילן״, צו די פּוילישע „יאָסעלקעס״, וועלן אייביק דערמאָנען דאָס גרויסע פילפאַרביקע און פילפלאַכיקע בילד, ווע־

רבת־הצבעים ורבת-המשטחים, אשר צופיה והשותפים לשחקניה היו המון־עם יהודי גדול ורב-פנים שאיננו עוד. הטרובאדור היהודי האחרון, איציק מאנגר, העמיד להמון־העם הזה מצבה מכונפת.

„די גאָלדענע קייט", מס' 8

מענס צושויער און מיטשפּילער ס׳איז געווען אַ גרויסע און פאַרשידנ־אַרטיקע יידישע פאָלקסמאַסע, וואָס זי איז שוין מער נישטאָ. דער לעצטער יידישער טרובאַדור, איציק מאַנגער, האָט איר אַ באַפליגלטע מצבה געשטעלט.

„די גאָלדענע קייט״, נר׳ 8

הנקודה השירית

(דאס פינטעלע ליד)

ליום־הולדתו השישים של איציק מאנגר

סוד


לפעמים נדמה לך, כי סוד שירתו של מאנגר מונח לפניך קרוב עד מאוד. סוד שירו מהלך אחרי שירו כצל והוא מעורר את רצונך לצודו ושלא להרפות ממנו עד שייחשף לפניך במלואו.

אבל ככל שתתקרב לצל־סוד אשר לשירו של מאנגר, כן ימהר לחמוק מפניך, ואתה תישאר פנים בפנים עם השיר, ועל הסוד לא ייוודע לך מאומה. הסוד נשאר סוד.

הרצון, החשק, ההשתוקקות להגיע עד חקר הסודות הפיוטיים הרי היא יגיעה מרובה. רק מועטים, נדירים, הם המתייגעים. השאר משיאים את נפשם בהשאה אווילית, שהם כבר יודעים, שהם כבר מבינים, וכיוון שאין להם עונג היגיעה על סוד השירה, יש להם לפחות עונג מעצמם...

היגיעה על חקר הסודות הפיוטיים היא יגיעה עריבה. וביותר עריבה היא היגיעה על פיענוח סודו של השיר המאנגרי. אף־על-פי שלא ייוודע לך מאומה, לא יתפענח לך מאומה — מכל־מקום תזכה לשכר-טרחה, בדרך אל הסוד תזכה לראות את כל הקסמים והחינות של שירתו.

יש בעולם כת מיוחדת, נבחרת, של מבקשי-סודות. הם מבקשים לדעת את סוד בריאת־העולם, את סודות הטבע, את סודה ומשמעותה של הווייתנו בעולם, אבל אך מועטים מבקשים לדעת את סוד השיר, את סוד השירה.



סילוויאַ אַרי. מאַנגער פּאָרטרעט.
סילביה ארי. תמונת מאנגר.

דאָס פּינטעלע ליד

צום זעכציקסטן געבוירן־טאָג פון איציק מאַנגער

סוד

טייל מאָל דאַכט זיך אויס, אַז דער סוד פון מאַנגערס פּאָעזיע ליגט פאַר דיר זייער, זייער נאָענט. דער סוד פון זיין ליד גייט נאָך זיין ליד ווי אַ שאָטן, און רייצט דיך דו זאָלסט אים וועלן פאַנגען און נישט אָפּלאָזן ביז וואַנען ער וועט זיך פאַר דיר נישט אַנטפּלעקן.

אָבער וואָס מער דו דערנענטערסט זיך צום שאָטן־סוד פון מאַנגערס ליד, אַלץ גיכער פאַרשווינדט ער פון דיר, און דו בלייבסט אויג אויף אויג מיטן ליד, און וועגן דעם סוד זיינעם ווערסטו גאָרנישט געוואָר. סוד בלייבט סוד.

דער ווילן, דער חשק, די תשוקה צו וועלן דערגיין פּאָעטישע סודות איז אַ גרויס מאַטערניש. נאָר זעלטענע, געציילטע מאַטערן זיך. די רעשט רעדט זיך איין, מיט אַ נאַריש איינרעדעניש, אַז זיי ווייסן שוין, אַז זיי פאַרשטייען שוין. און ווייל זיי האָבן נישט דאָס פאַרגעניגן פון מאַטערן זיך איבערן סוד פון פּאָעזיע, האָבן זיי לפּחות פאַרגעניגן פון זיך אַליין...

דאָס מאַטערן זיך איבער פּאָעטישע סודות איז אַ זיס מאַטערניש. און גאָר זיס איז עס ווען דו מאַטערסט זיך צו דערגיין דעם סוד פון מאַנגערס ליד. כאָטש דו ווערסט גאָרנישט געוואָר, דו דערגייסט גאָרנישט — ווערסטו אָבער באַלוינט מיט שׂכר־טירחה, דו ווערסט אויפן וועג צום סוד באַלוינט מיט אַלע צויבערן און חנען פון זיין פּאָעזיע.

פאַראַן אויף דער וועלט אַ ספּעציעלע, אויסדערוויילטע קאַסטע פון סודות־זוכער. זיי זוכן דעם סוד פון דעם וועלטשבאַשאַף, זיי זוכן די סודות פון דער נאַטור, זיי זוכן דעם סוד און זינען פון אונדזער זיין אויף דער וועלט, אָבער גאָר זעלטענע זוכן דעם סוד פון ליד, דעם סוד פון פּאָעזיע.

כשמישהו מגלה, למשל, יסוד כימי חדש, יכולים להשתנות הרבה דברים בעולם, יכול אפילו להשתנות לפעמים סדר העולם. אבל אילו הצליח מישהו לגלות את סוד השירה, היתה משמעות הדבר: יצירת העולם מחדש.

לאחרונה מרבים לדבר על כך, שבימינו נחלש כוחה של השירה. אין זאת אמת. השירה היא כוח מוחלט שאי-אפשר שייחלש. רק כוח הנטילה והקליטה של השירה בקרב הקוראים הוא שנחלש. מדורנו נשדדו הרבה חירויות אישיות בכל מיני אופנים, וזה עיקר את הכוח להיות מושפע משירה, שכל-כולה חירות.

כדי לזכות שוב בהשפעה על הקורא, כדי לחזק את כוח-הקליטה של הקורא, או סתם כדי לעשות רושם עליו, התחילו המשוררים המודרניים ליצור להם אמצעים חדשים לשירתם. אמצעים של תוכן, ובעיקר של צורה. אבל אני מפקפק מאוד, אם אמנות יכולה להיווצר לחלוטין באמצעים אמנותיים. אינני בטוח, שאמצעים, ואפילו אמנותיים, הם האמצעי הטוב ביותר בשביל האמנות. אפשר שיש נשמה כזאת, המצויה בהכרח בכל שיר, שהוא בגדר שירה אמתית.

שיריו של איציק מאנגר הם בעלי נשמה כזאת, ולא בלבד מתוך כתיבתו עולה הנשמתיות הפיוטית הזאת, אלא אף מתוך הרגשתו וחשיבתו.

הוא אינו מסבך את השיר, כדי שייראה מסובך ומורכב. התוכן והצורה של שירו פשוטים בתכלית הפשטות. אבל מאנגר אינו מפשט, כדי שייראה שירו פשוט. הוא אינו מעמיד בדרך שירו שום מכשולים, לא של מורכבות מלאכותית ולא של פשטות מלאכותית. אדרבה, הוא מסלק כל הפרעה ומכשול מדרך הכּנוּת של שירו.

הוא מגיש את השיר באותה הצורה, שבה בא לעולם. מי שנגלה לו טפח מן הטכניקה של מאנגר בכתיבת שירים, על-כל-פנים מן הטכניקה שלו לשעבר, יבין על-נקלה מה אני אומר.

ווען עמעצער אַנטדעקט, למשל, אַ נייעם כעמישן עלעמענט, קאָן זיך אַ סך ענדערן אין דער וועלט, ס׳קאָן זיך אַפילו אַ מאָל בייטן דער סדר פון דער וועלט. אָבער ווען עמעצן וואָלט זיך איינגעגעבן צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון פּאָעזיע, וואָלט עס באַדייט: די באַשאַפונג פון דער וועלט פון דאָס ניי.

מען רעדט לעצטנס אַ סך וועגן דעם, אַז דער כּוח פון פּאָעזיע איז אין אונדזערע צייטן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָס איז נישט אמת. פּאָעזיע איז אַן אַבסאָלוטער כּוח און קאָן נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. דאָס איז נאָר דער אָפּנעם־און אויפנעם־כּוח פון פּאָעזיע ביי די לייענער שוואַכער געוואָרן. אונדזער דור איז באַרויבט געוואָרן פון אַ סך פּערזענלעכע פרייהייטן, אויף די פאַרשידנסטע אופנים, און דאָס האָט פאַרדאָרבן דעם כּוח מושפּע צו ווערן פון פּאָעזיע, וועלכע איז כּולו פרייהייט.

בכדי צוריק צו געווינען די השפּעה אויפן לייענער, בכדי צו שטאַרקן דעם אויפנעם־כּוח ביים לייענער, אָדער בכדי פּשוט צו פאַראימפּאָנירן אים, אָדער גאָר פאַרטשמעליען, האָבן זיך די מאָדערניסטישע פּאָעטן גענומען איינשאַפן נייע מיטלען פאַר זייער פּאָעזיע. מיטלען אינהאַלטלעכע, און דער עיקר פאָרמעלע. איך בין אָבער שטאַרק מסופּק, צי קונסט ווערט דורכויס באַשאַפן פון קינסטלערישע מיטלען. כ׳בין נישט זיכער, אַז מיטלען, אַפילו קינסטלערישע, זענען דאָס בעסטע מיטל פאַר קונסט. ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז פאַראַן אַ נשמה אַזאַ, וואָס יעדעס ליד מוז זי באַזיצן, אויב דאָס ליד דאַרף זיין אמתע פּאָעזיע.

איציק מאַנגערס לידער האָבן, פאַרמאָגן די דאָזיקע נשמה. נישט נאָר פון זיין שרייבן, נאָר פון זיין פילן און טראַכטן גייט אויף אַזאַ פּאָעטישע נשמהדיקייט.

ער קאָמפּליצירט נישט זיין ליד עס זאָל אויסזען קאָמפּליצירט. דער אינהאַלט און די פאָרעם פון זיין ליד זענען פּשוט בתכלית הפּשטות. אָבער מאַנגער פּשוטיזירט נישט, אַז זיין ליד זאָל אויסזען פּשוט. ער שטעלט נישט אויפן וועג צו זיין ליד קיין שום מיכשולים, נישט פון געמאַכטער קאָמפּליצירטקייט און נישט פון געמאַכטער פּשטות. פאַרקערט, ער נעמט אַוועק אַלע שטערונגען אויפן וועג צו זיין לידס עכטקייט.

ער דערלאַנגט זיין ליד אַזוי, אין דער פאָרעם, אין וועלכער עס איז געקומען אויף דער וועלט. ווער ס׳ווייס עפּעס וועגן מאַנגערס טעכניק פון שרייבן לידער, יעדן פאַלס פון זיין אַמאָליקער טעכניק, דער ווייסט דאָס וואָס איך זאָג לייכט פאַרשטיין.

דרכו של מאנגר שהרה והגה תחילה כל שיר שלו בלבו ומוחו, עד שהשיר הבשיל בתוכו לגמרי. כל השיר, מן המלה הראשונה עד המלה האחרונה. רק כשכבר היה גמור ומושלם, העלהו על הכתב. מי מכל אלה שהיתה להם שייכות וזיקה אל ספרות, אינו זוכר את איציק מאנגר, בשבתו על המרפסת הגדולה של אגודת הסופרים היהודים בווארשה ברחוב טלומאצקה שלוש-עשרה ובהעלותו על הכתב באותיות גדולות על גליון-נייר גדול ורחב את השיר שכבר נולד אצלו.

אבל טעות תהיה להשוב כי מאנגר שר „כמו שהציפור שרה". הוא משורר מעודן ביותר, ואינו אך חוזר ושר מה שמלאך־השירה שם בפיו. אין שום ספק, כי מאנגר הוא המשורר המלומד ביותר אצלנו. בשירת העולם, כמו בספרות־העולם בכלל, הוא יותר מבן-בית. אבל העידון אינו אמצעי אצלו, אלא הוא נולד בקרבו יחד עם המקור של שירו, הייתי אומר, עם האידיאה של שירו.

טפח מסודותיו הפיוטיים מנסה מאנגר עצמו לגלות. לא לנו, לקוראיו, אלא למלכה׳לה היפה (בסדרת-שיריו: ולוול זבארז׳ר כותב מכתבים אל מלכה׳לה היפה). ולוול זבארז׳ר, היינו איציק סטופצ׳טר, אינו מודיע למלכה׳לה רק על אהבתו אליה, אלא הוא אף מוסר לה סודות פיוטיים, הסוד להיות לא רק משורר מאוהב ונאהב אלא גם אהוב על הרבים.

משורר־אמת, מלכה׳לה,
צריך שיוכל לתת עצמו מתת.

לאור, לאהבה וללילה,
לגשם ולדרך,
לחלום שסינוור אותו,
לכוכבים שעל הגג.

לערבה ולעץ־התפוח,
לציפור הקטנה המתעופפת,

מאַנגער פּלעגט יעדעס ליד זיינס פריער אויסטראָגן אין האַרץ און אין מוח ב־יז דאָס ליד איז געוואָרן אין אים אין גאַנצן רייף. אין גאַנצן, פון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. ערשט ווען ס'איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק, האָט ער עס איבערגעטראָגן אויפן פּאַפּיר. ווער פון די וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו ליטעראַטור, געדענקט נישט איציק מאַנגערן, ווי ער פלעגט זיצן אויפן גרויסן באַלקאָן פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע דרייצן און אויף אַ גרויס און ברייט פּאַפּיר מיט גרויסע אותיות פאַרשרייבן דאָס ליד, וואָס ער האָט שוין געהאַט באַשאַפן.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מאַנגער זינגט „ווי דער פֿאָגעל זינגט". ער איז אַ צו ראַפינירטער פּאָעט, אַז ער זאָל בלויז נאָכזינגען וואָס דער מלאך הפּאָעזיע האָט אים אַריינגעלייגט אין קעל אַריין. מאַנגער איז אָן שום ספק דער געבילדעטסטער פּאָעט ביי אונדז. ער איז אין דער וועלט-פּאָעזיע, ווי אין דער וועלט־ליטעראַטור בכלל, מער ווי ביי זיך אין דער היים. אָבער ראַפינירטקייט איז נישט ביי אים קיין מיטל; נאָר עס ווערט ביי אים געבוירן צוזאַמען מיטן מקור פון זיין ליד, כ'וואָלט געזאָגט, מיט דער אידייע פון זיין ליד.

עפּעס פון זיינע פּאָעטישע סודות פּרווט מאַנגער דאָך אויסזאָגן. נישט אונדז, זיינע לייענער, נאָר מלכּהלען דער שיינער (אין זיין „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכּהלע דער שיינער"). וועלוול זבאַרזשער — איציק סטאָפּטשעטער, זאָגן נישט נאָר אויס מלכּהלען וועגן זייער ליבע צו איר, נייערט זיי גיבן איר אויך איבער פּאָעטישע סודות. דעם סוד פון זיין נישט נאָר אַ פאַרליבטער, אַ געליבטער, נאָר אויך אַ באַליבטער פּאָעט.

אײן וואָהרער דיכטער, מלכּהלע,
מוז קענען זיך פאַרשענקען.

דעם ליכט, דער ליבע און דער נאַכט,
דעם רעגן און דעם שליאַך,
דעם טרוים, וואָס האָט אים בלינד געמאַכט,
די שטערנע אויפן דאַך.

דער ווערבע און דעם עפּלבוים,
דעם פייגלכען, וואָס פליט

ורק בזכות הנתינה הזאת, מלכה׳לה,
שירו מבשיל.

(„יאַסי, ערב, שעה שבע״)

משורר־אמת צריך שיוכל לתת עצמו במתנה כליל, בלי חשבון ובלי הרהור מראש. משורר־אמת יודע כי בתוך כיעורו של העולם עליו להכניס את מתת היופי שלו. כל משורר־אמת חייב לדעת ולהאמין, כי יבוא יום שבו יופיה של השירה ינצח את הכיעור, מתיקותה של השירה תגרש את המרירות, עושרה של השירה יסלק את העוני. וכל משורר, כל משורר-אמת, חייב להאמין באמונה שלמה, כי דווקא בגורלו שלו יעלה, שמתת־אופיו תנצח את הכיעור, מתיקותה תכריע את המרירות, עושרה יגרש את העוני.

אילו ידעתי בוודאות, כי כל זה יעלה בגורלו של איציק מאנגר, הייתי שמח עד בלי די והייתי אומר לו מקרב לב, כדרך שאני אומר לו בין כך ובין כך: — איציק מאנגר, ברוך אתה בזמרך!

אבל לא רק בזה טמון כל הסוד של השירה. לא רק שיוכל לתת עצמו מתת צריך משורר, אלא קודם-כול צריך שההשגחה השירית גופה תחון אותו במתותיה.

יש משוררים שקיבצו את כשרונם בנדבות, קצתם באופן מכובד וקצתם באופן פחות מכובד. קצתם השיגו את כשרונם לאחר בכייה במשך הרבה לילות־נדודים וקצתם אפילו פשטו יד לקבלו. ואולם יש משוררים נדירים, מחוננים, שקיבלו את כשרונם במתנה.

ואף-על־פי שהמלים נדבה ומתנה יש להם בעצם אותה משמעות: שי, מכל-מקום נדבה היא שי, שלפי דעת הבריות צריך לתת, ואילו מתנה היא שי שרוצים לתת.

עם המשוררים הנדירים והמחוננים שקיבלו את כשרונם במתנה נמנה איציק מאנגר. אלוהי השירה פשט את ידיו ואמר: — הא לך, איציקל, קח כאוות נפשך. ואכן, איציק לא התרשל ולקח מלוא חפניים.

און דורך דעם שענקען, מלכּהלע,
ווערט צייטיק ערשט דאָס ליד.

(יאַסי, אַבענד, זיבן אוהר)

אַן אמתער דיכטער מוז קענען זיך פאַרשענקען, אַוועקגעבן, אַוועק־שענקען אין גאַנצן, אָן רעכענונג, און אַוודאי אָן אויסרעכענונג, אָן חשבון, ולא בחשבניא!

אַן אמתער פּאָעט ווייס, אַז אין דער מיאוסקייט פון דער וועלט דאַרף ער אַריינטאָן זיין שאָנקייט. יעדער אמתער דיכטער מוז וויסן און גלייבן, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען די שיינקייט פון פּאָעזיע וועט מנצח זיין די מיאוסקייט, ווען איר זיסקייט וועט פאַרטרייבן די ביטערקייט, איר רייכקייט וועט פאַריאָגן די אָרעמקייט. און יעדער פּאָעט, יעדער אמתער פּאָעט, מוז גלייבן באמונה שלמה, אַז דאָס איז טאַקע אים באַשערט, אַז זיין שאָנקייט זאָל מנצח זיין די מיאוסקייט, זיין זיסקייט זאָל מכריע זיין איבער דער ביטערקייט, זיין רייכקייט וועט פאַרטרייבן די אָרעמקייט.

ווען איך זאָל וויסן אויף זיכער, אַז איציק מאַנגערן איז דאָס אַלץ באַשערט, וואָלט איך זיך זייער געפרייט און צו אים געזאָגט פון גאַנצן האַרץ, ווייל איך זאָג דאָס צו אים סיי־ווי־סיי: — איציק מאַנגער, ברוך אתה בזמרך!

אָבער נישט בלויז אין דעם ליגט דער גאַנצער סוד פון פּאָעזיע. אַ דיכטער מוז זיך נישט נאָר קענען אַוועקשענקען, נאָר ער מוז קודם־כּל פון דער דיכטערישער השגחה אַליין באַשאָנקען ווערן.

פאַראַן דיכטער וואָס האָבן באַקומען זייער טאַלאַנט בנדבה. טייל אויף אַ בכּבודיקן אופן און טייל אויף אַ ווייניקער בכּבודיקן. טייל האָבן גאָר זייער טאַלאַנט אויסגעוויינט דורך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און אַ טייל אַפילו אויסגעבעטלט. פאַראַן אָבער זעלטענע דיכטער, וואָס האָבן זייער טאַלאַנט באַקומען במתנה.

כאָטש סיי נדבה און סיי מתּנה האָבן אין יידיש דעם זעלבן טייטש: — געשאַנק, איז אָבער נדבה אַ געשאַנק וועלכן מען האַלט, אַז מען דאַרף געבן און מתּנה איז אַ געשאַנק וועלכן מען וויל געבן.

צו די זעלטענע פּאָעטן וואָס האָבן באַקומען זייער טאַלאַנט במתּנה געהער איציק מאַנגער. דער גאָט פון פּאָעזיע האָט פונאנדערגענומען זיינע הענט און געזאָגט: — נאַ, איציקל, נעם וויפל דיין האַרץ גלוסט. און איציק האָט זיך אין דעם פאַל נישט געפוילט און ער האָט גענומען מלא חפניים.

ואולם לא כשרון בלבד הוא מה שמשורר צריך להיות מחונן בו, כדי שיהיה משורר־אמת. רצוני לומר, כי הכשרון הוא מין מנגנון המעבד ומעצב מתוך מהות פיוטית יצירות פיוטיות.

העיקר הוא המהות הפיוטית, שבה חונן המשורר, שבה נולד. זו טמונה בתוכו, בונה את אישיותו היוצרת. אין אדם יכול לסגלה לעצמו. אין אדם יכול לעצבה בתוכו. היוצרנות אינה בגדר תואר, אלא היא קשורה במישרין עם המהות היוצרת הזאת. (ולא אצל משוררים בלבד, אלא גם אצל כותבי־פרוזה שהם אמני-אמת, אצל ציירים, פסלים ומוסיקאים).

בברכת מהות יוצרת כזאת חוננה את איציק מאנגר ההשגחה הפיוטית. וההשגחה הפיוטית היא השגחה פרטית. היא משגיחה על כל צעד ושעל של המשורר (ושל כל אמן בכלל). בעד כל צעד נכון הוא מקבל שכר נעלה, ובעד כל צעד מוטעה הוא מקבל עונש כבד.

איציק מאנגר הוא כל-כולו משורר. אפשר שסוד שירתו חבוי בשלמות הפיוטית. אף־על-פי שהמשורר עצמו יכול להיות רצוץ כולו, הרי גם בזה יש שלמות, כמאמר החסידים, רציצות שלמה. רגשו של המשורר צריך להיות שלם, כדי שיהיה יוצרני. נדמה לי, כי ברגש פיוטי לא תיתכן שום דו־ערכיות, אף-על-פי שלאחר שהרגש בא לידי ביטוי ביצירה אמנותית, אפשר שהמשורר עצמו ישתנה קוטבית בהרגשתו. לא אחת שינוי כזה בלב המשורר הוא באמת פועל־יוצא ממיצוי הרגש עד תום.

אין לשירה קיום אלא במשורר המוכן ומזומן למסור נפשו עליה. — אם אינך יכול לחיות בלא לכתוב שירה, אם החיים בלעדי זה אינם כדאים לך, כי אז רשאי אתה לכתוב — כך בערך השיב רילקה למשורר צעיר על שאלתו, אם רשאי הוא להוסיף ולכתוב שירים. צריך להיות משוגע לדבר. השירה תובעת שיגעון. ואם השיגעון הרגיל עודנו עד היום עניין כמוס, סוד, על אחת כמה וכמה השיגעון הפיוטי...

טאַלאַנט איז אָבער נישט אַלץ מיט וואָס אַ דיכטער מוז באַשאַנקען ווערן, אַז ער זאָל זיין אַן אמתער דיכטער. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז טאַלאַנט איז אַ מין מאַשין וואָס אַרבעט איבער און פאַרמירט פון פּאָעטישער סובסטאַנץ פּאָעטישע שאַפונגען.

דער עיקר איז די פּאָעטישע סובסטאַנץ מיט וועלכער דער דיכטער איז באַשאַנקען געוואָרן, מיט וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן. זי ליגט אין אים גופא. זי בויט זיין שעפערישע פּערזענלעכקייט. מען קאָן זיך זי נישט איינשאַפן. מען קאָן זי נישט אויסבילדן אין זיך. שעפערישקייט איז נישט קיין אַטריבוט, נאָר איז דירעקט פאַרבונדן מיט אָט דער שעפערישער סובסטאַנץ. (אַזוי איז עס נישט נאָר ביי פּאָעטן, נאָר אויך ביי אמתע קינסט־לערישע פּראָזאַיקער, ביי מאָלער, סקולפּטאָרן און מוזיקער).

מיט אַזאַ געבענטשטער שעפערישער סובסטאַנץ איז באַשאַנקען געוואָרן איציק מאַנגער דורך דער פּאָעטישער השגחה. און די פּאָעטישע השגחה איז אַ השגחה פּרטית. זי גיט אַכטונג אויף דעם פּאָעטס (ווי בכלל אויף יעדן קינסטלערס) טריט און שריט. פאַר יעדן ריכטיקן טריט ווערט ער הויך באַלוינט, און פאַר יעדן פעלערהאַפטיקן — שטרענג באַשטראָפט.

איציק מאַנגער איז דורך און דורך פּאָעט. קאָן זיין, אַז דער סוד פון פּאָעזיע ליגט אין דער פּאָעטישער גאַנצקייט. כאָטש דער פּאָעט אַליין קאָן זיין אין גאַנצן אַ צעבראָכענער, ווי די חסידים דריקן זיך אויס, איז עס אויך אַ גאַנצקייט, אַ גאַנצע צעבראָכנקייט. דעם פּאָעטס געפיל דאַרף זיין גאַנץ, בכדי ס׳זאָל זיין שעפעריש. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישט מעגלעך אין אַ פּאָעטיש געפיל קיין שום אַמביוואַלענטקייט, כאָטש נאָך דעם, ווי דאָס געפיל ווירקט זיך אויס אין אַ קינסטלעריש ווערק, קאָן זיך דער שעפער אַליין דיאַמעטראַל ענדערן אין זיין געפיל. נישט זעלטן איז אַזאַ פאַרענדערונג פונעם קינסטלער טאַקע אַ פועל־יוצא פון אויסשעפּן אַ געפיל ביזן סאַמע סוף.

פּאָעזיע האָט נאָר אַ קיום אין דעם פּאָעט, וועלכער איז זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר איר. — אויב דו קאָנסט נישט לעבן אָן שרייבן פּאָעזיע, אויב דאָס לעבן איז דיר אָן דעם נישט ניחא, דעמאָלט קאָנסט דו שרייבן, אַזוי מער ווייניקער האָט געענטפערט רילקע אַ יונגן דיכטער, וועז יענער האָט אים אָנגעפרעגט, צי דאַרף ער ווייטער שרייבן לידער. מען מוז זיין משוגע לאותו דבר. פּאָעזיע פאָדערט משוגעת. און אויב געוויינטלעך משוגעת איז נאָך עד היום אַ פאַרהוילענער ענין, אַ סוד, על אחת כמה וכמה פּאָעטיש משוגעת...

חן

אינני מקבל עלי להגדיר, חן מהו, כמו שאינני מקבל עלי להגדיר יופי מהו, אף-על-פי שכבר הכרתי לדעת עשרות הגדרות בעניין זה.

אבל רשאים לומר, שחן קשור במידה מסוימת עם מיניאטוריות. למשל, אשה גדולה, גבהת־קומה יכולה להיות יפה מאוד, אבל לעתים רחוקות יאמרו עליה, שיש לה חן. כנגד זה אשה קטנה, אם היא יפה, אפשר שיהיה לה גם חן, ואפילו אם אינה יפה. ילדים, כיוון שהם קטנים, הרי הם תכופות מלאים חן, אבל רק כשעדיין אין להם שכל להתחנחן. החן יכול להתגלות, כשמצליחים להצביע על משהו מיוחד, שונה, אצל אדם או אצל דבר, ייחוד המבדיל בין אדם זה, דבר זה, עובדה זו ובין כל השאר.

ניטול-נא משל מתוך מאנגר גופו. בשירו „סאנקט בעשט", מיד בבית הראשון, מצויות ארבע שורות אלו:

הלילה קדוש, עמוק ויפה,
עד כי אפילו אדם, המהלך לבדו
יחף על־פני ארץ נכר,
חש מעליו יד־אלוה כחולה.

תארו לעצמכם שבמקום „יד כחולה" היה כתוב „יד חזקה" או יד ממין אחר, או־אז לא היה לארבע השורות הללו החן שבהן, החן המאנגרי, ואפשר שאף לא היה בהן כלל משום חידוש. מאנגר לא היה יכול לכתוב כך. כנגד זה „יד כחולה" רומזת על דברים הרבה. הכחול רומז לשמים, רומז לעדינות, לעמקות; והכחול הוא יהודי כל־כך, רצוני לומר, אפילו ירא־שמים. מלה יחידה זו בלבד קבעה את גורלו של כל הבית, ואולי אף את חנו של כל השיר.

חנו של מאנגר טמון בכך, שהוא יכול במלה אחת, במלה קטנה אחת, במלה שכלאחר־יד, להפיק עמקות; עמקות של הרגשה ועמקות

חן

כ׳נעם זיך נישט אונטער צו דעפינירן, וואָס איז דאָס אַזוינס חן, ווי כ׳נעם זיך נישט אונטער צו דעפינירן וואָס איז דאָס אַזוינס שיינקייט, כאָטש כ׳האָב זיך שוין באַקענט מיט צענדליקער דעפיניציעס וועגן דעם.

אָבער מען קאָן זאָגן, אַז חן איז פֿאַרבונדן, אין אַ געוויסער מאָס, מיט מיניאַטורעלקייט. למשל, אַ הויכע, גרויסע פרוי קאָן זיין זייער שיין, אָבער זעלטן וועט מען זאָגן אויף איר, אַז זי האָט חן. דאַקעגן אַ קליינע פרוי, אויב זי איז שיין קאָן זי אויך האָבן חן, און אַפילו ווען זי איז נישט שיין. קינדער, ווייל זיי זענען קליין, האָבן זיי אָפּט חן, אָבער נאָר דעמאָלט ווען זיי האָבן נאָך נישט קיין שׂכל זיך צו חנדלען. חן קאָן מען אַרויסבאַקומען, ווען עס געלינגט אַ מענטש, אָדער אַ זאַך, אַנצודייטן אויף עפּעס אייגנאַרטיקס, אויף אַן אַנדערשקייט, וואָס טיילט אויס אַ מענטש, אָדער אַ זאַך, אַ פאַקט, פון אַלע אַנדערע.

לאָמיר נעמען אַ משל פון מאַנגערן גופא. אין זיין „סאָנקט בעשט" זענען באַלד אין דער ערשטער סטראָפע פאַראַן אַזעלכע פיר שורות:

די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באָרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט.

שטעלט אייך פאָר ווען אויפן אָרט פון „בלאָע האַנט" וואָלט געווען שטאַרקע האַנט, צי אַן אַנדער מין האַנט. דעמאָלט וואָלטן די פיר שורות נישט געהאַט דעם חן, דעם מאַנגערישן חן, וואָס זיי האָבן, און זיי וואָלטן אפשר גאָר נישט געווען ניי. מאַנגער האָט אַזוי נישט געקאָנט שרייבן. דאַקעגן „בלאָע האַנט" איז מרמז אויף אַ סך זאַכן. בלאָ איז מרמז אויפן הימל, איז מרמז אויף איידלקייט, אויף טיפקייט, און בלאָ איז אַזוי יידיש, כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט, אַזוי גוט-יידיש. אָט דאָס איינציקע וואָרט האָט באַשטימט דעם גורל פון דער גאַנצער סטראָפע און אפשר גאָר דעם חן פון גאַנצן ליד.

מאַנגערס חן ליגט אין דעם, וואָס ער קאָן מיט איין וואָרט, מיט איין קליין וואָרט, מיט אַ כלאחר־יד־וואָרט, אַרויסברענגען טיפקייט. טיפקייט פון געפיל און טיפקייט פון געדאַנק. אָט אין דער דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם

של מחשבה. והנה בדיספרופורציה זו שבין קטנות המלה ובין גדלות ההרגשה, שמלה זו מפיקה ומעלה, טמון חלק גדול של סוד החן הפיוטי אצל מאנגר.

אינני יודע אם חן הוא תואר הכרחי לשירה, כמו שאינני יודע אם היופי הוא הכרח כזה, או הרעיון. אבל כל החקירות האלה בטלות ומבוטלות, שעה שאתה עומד פנים אל פנים עם העובדה הפיוטית הגדולה, שמציגה לפניך יצירתו הפיוטית של מאנגר.

יש עוד הרבה אופנים, שבהם מופק החן אצל מאנגר. אחד מן האופנים המעודנים הללו הרי זה יושן-הנוסח, שהוא אצלו חדש וצעיר. שיריו נוצצים בחן של כסף ישן, של כלי כסף וזהב ישנים, של עדיים ישנים, התופסים תמיד מקום בראש בין התכשיטים היקרים ביותר. ואף־על-פי־כן שיריו תמיד חדשים.

מאנגר הבין, השכיל לתפוס את החכמה הנעלה של האמנות, לשחרר את שיריו משלטון הזמן. עם שצירף זמנים שונים, כמו בשירי-החומש, בשירי־המגילה ואפילו בשירים מסוגים אחרים, הראה והוכיח כי הוא מתעלם מן הזמן, אינו מתחשב בו כלל. שכן כל אמנות־אמת היא מחוץ לזמן, ולא עוד אלא שהיא נלחמת עמו. פעם אמרתי כי האנאכרוניזמים של מאנגר הם שעשוע גדול בפני עצמו (במסה הקודמת כאן: „ייחודו הפיוטי של איציק מאנגר”), עתה אני אומר כי האנאכרו־ניזמים הם הרבה יותר מזה, הם אחד היסודות של השקפת-עולמו הפיוטית של מאנגר.

בפרט זה החשוב מכול, בפרט של השקפת־העולם הפיוטית, מאנגר קרוב מאוד לרומאנטיקאים משכבר-הימים. הוא חושב כמוהם, כי השירה היא יותר מן המציאות. שכן בזכות השירה רואים דברים ובני־אדם ואת העולם בכלל ראייה מעמיקה יותר, ראייה מעולה ומרובה יותר מכפי שאפשר בדרך־הטבע לראות, מרגישים הרגשה עמוקה יותר מכפי שרגילים להרגיש. בלא האפשרויות הללו, אין לעולם שום משמעות לגבי המשורר.

אבל הבה נחזור לחן שבשירי איציק מאנגר.

עם שצירף זמנים שונים, אף לא נמנע מלצרף חדש עם ישן, עידון

קליינעם וואָרט מיט דער גרויסקייט פון געפיל, וואָס ווערט דורך דעם וואָרט אַרויסגעבראַכט, ליגט אַ גרויסער טייל פון דעם סוד פון מאַנגערס פּאָעטישן חן.

כ׳וויים נישט צי חן איז אַן אומבאַדינגטער אַטריבוט פאַר פּאָעזיע, פונקט ווי כ׳וויים נישט צי איז שיינקייט אַזאַ אומבאַדינגטקייט, צי איז עס געדאַנק. אָבער די אַלע חקירות פאַלן אַוועק ווען מען ווערט געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיט דעם גרויסן פּאָעטישן פאַקט, וועלכן ס׳שטעלט מיט זיך פאַר מאַנגערס פּאָעטישע שאַפונג.

פאַראַן נאָך אַ ריי אופנים פון וועלכע ס׳קומט אַרויס חן ביי מאַנגערן. איינער פון די ראַפינירטע אופנים ביי אים איז זיין נייע, זיין יונגע אַלט־מאָדישקייט. זיינע לידער האָבן אין זיך דעם חן פון אַלט זילבער, פון אַלטע זילבער און גאָלדשטיק, פון אַלטע שמוקזאַכן, וועלכע פאַרנעמען שטענדיק דעם אויבן־אָן צווישן די טייערסטע תכשיטים. און דאָך זענען זיינע לידער שטענדיק ניי.

מאַנגער האָט פאַרשטאַנען, האָט באַנומען די היוכע חכמה פון קונסט, צו באַפרייען זיינע לידער פון שלטון פון דער צייט. צונויפפּירנדיק פאַר־שידענע צייטן, ווי אין די חומש־לידער, אין די מגילה־לידער, און אַפילו אין לידער פון אַנדערע זשאַנערן, האָט ער געוויזן און באַוויזן, אַז ער איגנאָרירט די צייט, ער רעכנט זיך נישט מיט איר. ווייל יעדע אמתע קונסט איז אויסער דער צייט, נאָך מער, זי פירט אַ קאַמף מיט איר. אַ מאָל האָב איך געזאָגט, אַז די מאַנגערישע אַנאַכראָניזמען זענען אַ גרויסע שפּיל פאַר זיך, (זע דעם פריערדיקן עסיי: „איציק מאַנגערס פּאָעטישע אייגנאַרטיקייט"), היינט וועל איך זאָגן, אַז זיינע אַנאַכראָניזמען זענען אַ סך מער, זיי זענען איינער פון די יסודות פון מאַנגערס פּאָעטישן וועלטאויס־בליק.

אין דעם וויכטיקסטן פּרט, אין דעם פּרט פון פּאָעטישן וועלטאויסבליק, איז מאַנגער זייער נאָענט די אַמאָליקע ראָמאַנטיקער. ער האַלט אַזוי ווי זיי, אַז פּאָעזיע איז מער וויווירקלעכקייט. וואָרום אַ דאַנק פּאָעזיע זעט מען זאַכן און מענטשן און בכלל די וועלט טיפער, מען זעט זי מער, ווי ס׳איז בדרך־הטבע מעגלעך זי צו זען, מען פילט טיפער, ווי מען איז גע־ווינט צו פילן. אָן די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָט די וועלט פאַר אַ פּאָעט קיין שום זינען נישט.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו דעם חן פון איציק מאַנגערס לידער. צונויפפּירנדיק פאַרשידענע צייטן האָט ער זיך אויך נישט אָפּגע־

פשוט עם פשטות סתם, תמימות מעודנת עם חכמה ועם בינה עממית.

וזה הביא לידי גרוטסקיות, שאף היא אחד היסודות של החן המאנגרי.

אבל בעצם לא נודעה הגישה הזאת לשירה ליצור חן, אלא להמריד. האמנות כל־עיקרה מרידה, על אחת כמה וכמה השירה. משורר שאינו מורד יכול לחבר שירים אבל אין הוא בורא שירים חדשים. ומחיבור שירים סתם בא לעולם תוהו-ובוהו, המבקש להיחשב כשירה, אף כי אינו כך.

מרידתו של המשורר מביאה לידי תוצאות משונות. אתה, נדמה לך, כי המשורר ברא יופי כדי שתיהנה ממנו. והנה אומר המשורר דווקא את ההיפך:

אל תלך אחרי, חברי —
הליכתי היא שקיעה;
אל תתלה אמונתך הצעירה
על בכיי הכחול.
יופיי הוא מאכלת
החותכת בתוך הלב,
צערי — שפתיים כחולות.
מעל לספל יין.

(„בצעדי חרש")

היופי בשירה אינו לשם הנאה. כשם שלא ניתנה מצוה על־מנת ליהנות ממנה, אלא על-מנת לעשות את המצוה גופה, כך ניתן היופי בשירה רק על־מנת לקיים את מצות השירה, על-מנת להמשיך באלגיה המהלכת על־פני העולם מאז נתגרש אדם הראשון מגן־עדן, ושתוסיף להלך בו עד שיבוא המשיח, עד שיבוא היום שכולו שירה.

מרידתו של מאנגר מלאה חן, מפני שיסוד מרידתו הוא העצב, האלגיה. ועוד יש לומר, כי החן שלו כל-כולו הוא חן יהודי. הוא רקום

שטעלט פון צונויפפּירן נייס מיט אַלטס, פּשוטע ראַפינירטקייט מיט סתּם פּשטות, ראַפינירטע נאַיִוויטעט מיט חכמה און פאָלקס־חכמה.

און דאָס האָט געשאַפן אַ מין גראָטעסקאַרטיקייט, וואָס איז אויך איינער פון די יסודות פון מאַנגערישן חן.

אָבער בעצם איז אַזאַ מין צוגאַנג צו פּאָעזיע נישט בכדי צו שאַפן חן, נאָר בכדי צו רעוואָלטירן. קונסט איז בכלל רעוואָלט, און פּאָעזיע אַוודאי און אַוודאי. אַ פּאָעט וואָס רעוואָלטירט נישט קאָן שאַפן לידער, אָבער באַשאַפט נישט קיין נייע לידער. און פון דעם שאַפן סתּם לידער, נעמט זיך דאָס תּוהו־ובוהו אין דער וועלט וואָס וויל אָנגיין פאַר פּאָעזיע, כאָטש זי איז עס נישט.

דעם פּאָעטס רעוואָלט פירט צו משונהדיקע אויספירן. אָט דאַכט זיך דיר, אַז דער פּאָעט האָט באַשאַפן שיינקייט בכדי דו זאָלסט דערפון געניסן, זאָגט גאָר דער פּאָעט פונקט דאָס פאַרקערטע:

גיי מיר נישט נאָך, מײַן חבר —
מײַן גיין איז אַ פאַרגיין;
הענג נישט דײַן יונגן גלויבן
אויף מײַן בלוי געוויין.

מײַן שיינקייט איז אַ מעסער,
וואָס שנײַדט אין האַרץ אַרײַן,
מײַן צער — צוויי בלויע ליפּן
איבער אַ קריגל ווײַן.

(מיט שטילע טריט)

שיינקייט אין פּאָעזיע איז נישט צום געניסן. פונקט ווי אַ מיצווה איז נישט געגעבן געוואָרן הנאה צו האָבן פון איר, נאָר צו טאָן די מיצווה גופא, אַזוי איז שיינקייט אין פּאָעזיע געגעבן געוואָרן נאָר בכדי מקיים צו זיין די מיצווה פון פּאָעזיע, בכדי צו ציִען ווייטער די עלעגיע, וועלכע גייט איבער דער וועלט זינט מען האָט אָדם־הראשונען פאַרטריבן פון גן־עדן און וועט גיין ביז משיח וועט קומען, ביז דעם טאָג שכּולו פּאָעזיע.

מאַנגערס רעוואָלט איז פול מיט חן, ווייל דער יסוד פון זיין רעוואָל איז אומעט, איז עלעגיע. און נאָך דאַרף מען זאָגן, אַז זיין חן איז אַ דורך און דורך יידישער חן. ער איז אויסגעהאָפטן פון סאַמע יידישע עלעמענטן:

יסודות יהודיים ממש: צערה של אם, עצבותה של נערה, כסף ותכלת וזמרת-ציפורים, ועוד חומרי נשמה יהודית כיוצא באלו.

חן מיוחד טמון בדקות רגשותיו, בחצאי־הטונים של זמרתו, בצבעי־הפאסטל של תמונתו, בשקט שבדבריו ובפשטות שבחרוזיו.

אף-על-פי שבדרך־כלל אני מתנגד לציטוט קטעי־שירים, בכל זאת הכרח הוא לי לצטט את מאנגר. במקרה זה מאנגר הוא היוצא מן הכלל, המאשר את הכלל.

מה מרובה החן היהודי בחמש השורות של „הבלדה על הספלים הכחולים", בלדה שהקדיש מאנגר לזכר אמו:

בספלים כחולים בידיהן הלאות
הולכות אימהות לבנות בחיוורון־פחד,
והליכתן בכפר האפלולי
היא כהליכה בגרביים בתשעה־באב —
ורוטטים הספלים בידיהן הלאות.

(„בלדה על הספלים הכחולים")

מלותיו של מאנגר ניטלו משפת-יידיש מתחת הלב ממש. חגיגיותן הפיוטית לא באה בזכות ייחודן, בזכות נבחרותן שלהן, אלא מפני שהמשורר איציק מאנגר הוא שבחר בהן בשביל שיריו. חינותיו לא באו לשם התחנחנות, אלא זה חן טבעי של ילד שלפעמים הוא מתחייך, אך לעתים קרובות יותר הוא מלא רוגז. הלך-הרוח הפיוטי אינו בוגד בו במאנגר אפילו לרגע אחד, ולפיכך האווירה סביב שיריו היא תמיד פיוטית טהורה.

כמיהה

האמנות, ובכללה זו שבכתב, מקורה בכמיהה, בכמיהה לברוא. שכמוה ככמיהה לנצחיות. כמיהה היא המקור לכל ענפי האמנות בכל הזמנים ובכל האומות המטפחות את האמנות. אנו רשאים לומר, כי

פון מאַמע־צער, פון מיידלשן אומעט, פון זילבער און פון בלוי און פון פייגל־געזאַנג און פון נאָך אַזעלכע יידיש־נשמהדיקע מאַטעריעס.

אַ באַזונדערער חן ליגט אין דער דינקייט פון זיינע געפילן, אין די האַלבע טענער פון זיין געזאַנג, אין די פּאַסטעל־קאָלירן פון זיין געמעל, אין דער שטילקייט פון זיינע ווערטער און אין דער פּשטות פון זיינע גראַמען.

כאָטש בדרך־כּלל בין איך קעגן ציטירן „שטיקלעך" לידער, מוז איך אָבער מאַנגערן יאָ ציטירן. אין דעם פאַל איז מאַנגער דער אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כּלל.

וויפל יידישער חן ליגט אין די פינף שורות פון זיין „די באַלאַדע פון די בלאָע קריגלעך", אַ באַלאַדע, וואָס מאַנגער האָט זי געהייליקט דעם אָנדענק פון זיין מאַמען:

מיט בלאָע קריגלעך אין די מידע הענט
גייען ווײַסע מאַמעס בלייך דערשראָקן
אין זייער גיין דורכן טונקעלן דאָרף
איז ווי אַ גיין אין תשעה־באָב אין זאָקן —
און ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

מאַנגערס ווערטער זענען אַרויסגענומען דער יידישער שפּראַך פון סאַמע אונטערן האַרץ אַפער. פּאָעטיש־יומטובדיק זענען זיי נישט צוליב זייער אייגענער אויסדערוויילטקייט, נאָר דערפאַר ווייל דער פּאָעט, איציק מאַנגער, האָט זיי אויסדערוויילט פאַר זיינע לידער. זיינע חנען זענען נישט לשם קאָקעטעריע, נאָר דאָס איז אַ נאַטירלעכער חן פון טייל מאָל אַ צעשמייכלט, נאָר עפּטער פון אַן אָנגעברוגזט קינד. דאָס פּאָעטישע געמיט פאַראַט נישט מאַנגערן אויף קיין איין רגע, דעריבער איז די אַטמאָספער אַרום זיינע לידער שטענדיק אַ ריין פּאָעטישע.

בענקשאַפט

די קונסט, און בתוכם די געשריבענע, האָט איר מקור אין בענקשאַפט, אין בענקשאַפט צו באַשאַפונג, וואָס דאָס איז גלייך צו דער בענקשאַפט צו נצחיות. בענקשאַפט איז דער מקור פון אַלע געביטן פון קונסט פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע פעלקער וואָס קולטיווירן קונסט. מען קאָן זאָגן, אַז

מבחינת האמן העולם נברא מתוך הכמיהה להיברא. זו ראש־הנחתו של האמן: בראשית היתה הכמיהה לברוא ולהיברא. כל נשמה אמנותית באמת שורשה בששת ימי המעשה. (תפיסה זו, שאני חושב כי היא יסודית באמנות, כבר העליתיה בהזדמנות אחרת).

קשה לומר, כמה פעמים המלה כמיהה עולה ומרפרפת בשירי מאנגר. לעתים רחוקות תמצא אצלו שיר, שהמלה כמיהה לא תישמע בו. ותמיד היא מתגוונת אחרת. סולם הכמיהה הוא באמנות בכלל רחב יותר מכל הסולמות האחרים, יותר מאהבה, אמונה, תקוה, יאוש וכיוצא באלו.

אצל מאנגר הכמיהה היא עולם מלא. לפי שיריו יוצא שזו האמת לאמיתה. אין העולם עושה מאומה, אלא יושב וכמה.

הוא התחיל להשתמש במלה כמיהה זמן רב לאחר שהניאו־רומאנטיקאים ניצלו מלה זו בכל האמצעים האפשריים והבלתי־אפשריים. המלה (כמיהה) איבדה את כל ערכה וחשיבותה. משוררים מודרניסטיים התביישו במלה זו כאילו היתה נחותת־דרגה. המלה הזאת היתה שחוקה וחסרת־ערך, כמטבע שהוצא מן המחזור. אדרבה, הראו לי משורר שלא התבייש אז, בשנות העשרים, לכתוב בשיריו על־אודות הכמיהה? (ולא אחד בלבד מוסיף ומתבייש לכתוב זאת אפילו כיום הזה).

איציק מאנגר העלה את המלה נחותת־הדרגה עד רום כל המעלות הפיוטיות. הוא נטל מלה זו שנופץ כתרה והכתיר אותה שוב. הוא חזר ומילא את המלה כמיהה בכל מלוא הכמיהה.

כמיהתו של מאנגר מיוחדת במינה: היא תקוה. מי שאינו מקווה, אינו כמה, ומי שאינו כמה, אינו מקווה.

אלה הם שני צדדים של אותו מטבע־זהב. עצבותו של מאנגר מתוקה היא. יש בה ממתיקותה של הבשלות, של ההבנה הרבה, והבנתו של מאנגר משמעה הרגשה רבה של התוך. עצבותו היא אפילו עליזה, על־כל־פנים לעולם אינה יאוש. עניותו היא עשירה. היא השחרור מעולה

פאַר דעם קינסטלער איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן פון דער בענקשאַפט באַשאַפן צו ווערן. דאָס איז די קינסטלערישע הויפּט־הנחה. אין אָנהייב איז געווען די בענקשאַפט צו באַשאַפונג. יעדע באמת קינסטלערישע נשמה האָט איר שורש אין די ששת ימי המעשׂה. (די דאָזיקע קאָנצעפּציע, וועלכע איך האַלט אין דער קונסט פאַר אַ יסודותדיקע, האָב איך שוין ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט אַרויסגעבראַכט).

ס׳איז שווער צו זאָגן, וויפל מאָל דאָס וואָרט בענקשאַפט טוט אַ פלאַטער אין מאַנגערס לידער. זעלטן פאַראַן ביי אים אַ ליד אין וועלכן דאָס וואָרט בענקשאַפט זאָל זיך נישט לאָזן הערן. און שטענדיק איז עס אַנדערש ניואַנסירט. די גאַמע פון בענקשאַפט איז בכלל אין קונסט די ברייטסטע פון אַלע אַנדערע, פון ליבע, גלויבן, האָפענונג, יִאוש אאַז״וו.

ביי מאַנגערן איז בענקשאַפט אַ וועלט אַ גאַנצע. לויט אים קומט אויס, און דאָס איז וואָרער אמת, אַז די וועלט טוט גאָרנישט רק זי זיצט און בענקט.

ער האָט אָנגעהויבן באַנוצן דאָס וואָרט בענקשאַפט גענוג לאַנג נאָך דעם, ווי די נעאָראָמאַנטיקער האָבן געהאַט דאָס וואָרט אויסגענוצט אויף אַלע מעגלעכע און נישט־מעגלעכע אופנים. דאָס וואָרט (בענקשאַפט) האָט געהאַט פאַרלוירן יעדן ווערט און יעדן אָנזען. מאָדערניסטישע פּאָעטן האָבן זיך געשעמט מיט דעם וואָרט ווי מיט עפּעס אַ נחות־דרגא. דאָס דאָזיקע וואָרט איז געווען אויסגעריבן און ווערטלאָז, ווי אַ מטבע וועלכע מען האָט אַרויסגעצויגן פון אומלויף. אַדרבה, ווייזט מיר אַ דיכטער וואָס זאָל דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, זיך נישט שעמען צו שרייבן אין זיינע לידער וועגן בענקשאַפט? (און נישט איינער שעמט זיך דאָס צו טאָן אַפילו ביים היינטיקן טאָג).

איציק מאַנגער האָט דאָס נחות־דרגאדיקע וואָרט אויפגעהויבן עד רום כל הפּאָעטישע מעלות. ער האָט דאָס דאָזיקע דעטראָניזירטע וואָרט צוריק אינטראָניזירט. ער האָט צוריק אָנגעפילט דאָס וואָרט בענקשאַפט פול מיט בענקשאַפט.

מאַנגערס בענקשאַפט איז אייגנטלעך: האָפענונג. אַז מען האָפט נישט — בענקט מען נישט, און אַז מען בענקט נישט — האָפט מען נישט. דאָס זענען צוויי זייטן פון דער זעלבער גאָלדענער מטבע. מאַנגערס אומעט איז זיס. ער האָט אין זיך די זיסקייט פון רייפקייט, פון אַ סך פאַרשטיין, און זיין פאַרשטיין איז משמע אַ סך דורכפילן. זיין אומעט איז אַפילו פריילעך, יעדן פאַלס קיין מאָל נישט יִאוש. זיין אָרעמקייט איז רייך. ס׳איז דאָס

של העשירות, אבל לא ויתור על השמחה, שהעשירות יכולה להביא עמה. עניותו נותנת ריח של רחבות. רק משורר עשיר יכול להרשות לעצמו להיות עני, בדיוק כמו שמשורר עני לא יוכל להסתייע כל־עיקר בזה שירצה לעשות עצמו עשיר.

גיבוריו של מאנגר לובשים מה שברא בשבילם אלוהים בימי־בראשית הראשונים ומה שברא ובורא בשבילם המשורר-האמן בכל הימים תמיד, שהם ממילא ימי־בראשית. במלבושי גיבוריו רקומים כוכבים אמתיים, עליהם זורה זהב־פרוויים שמש אמתית, גופיהם עטופים רוח וזמרת-ציפורים וקטיפה ומשי. עצבותם ורודה, כמיהתם כחולה, אהבתם כנה ועמוקה בין שהיא קיימת בפועל ובין שהיא רק חלום.

בעיניים עצומות
תשמע את הים כה קרוב,
באצבעות קודחות
תחוש החרוז כה קל.

את טווס־הזהב
תכיר במעופו,
והכמיהה מה תיף
כשתהיה לא־מפה.

(„דברי צוער־החייט נטע מאנגער אל המשורר")

הכמיהה לא־מפה, הכמיהה אל ימי־האתמול, היא היפה שבכל הכמיהות. לא אל המוחש, לא אל המסוים עולה הכמיהה, אלא היא עולה מפני שכך היא נשמת-המשורר הכמהה. ככל שתרחיק, ככל שתהיה יותר לא-מפה, כן ירבה יופיה בשביל המשורר, כן תרבה את יפי שירתו.

מאנגר מצליח להפיק בדרך פשוטה, ריאליסטית, את שמעל־לטבע, את המיטאפיסי. הוא אינו סוריאליסט. הסוריאליזם כרוך באמצעים שבהם

באַפרייען זיך פון עול פון רייכקייט, אָבער נישט רעזיגנאַציע פון דער פרייד, וואָס רייכקייט קאָן פאַרשאַפן. זיין אָרעמקייט שמעקט מיט רחבות. נאָר אַ רייכער דיכטער קאָן זיך דערלויבן צו זיין אָרעם, פּונקט ווי אַן אָרעמען דיכטער וועט גאָרנישט העלפן דאָס, וואָס ער וויל זיך בגוואַלד מאַכן רייך.

מאַנגערס העלדן גייען אַנגעטאָן אין דעם, וואָס גאָט האָט פאַר זיי באַשאַפן אין די ערשטע טעג פון בראשית און אין דעם, וואָס דער פּאָעט, דער קינסטלער האָט פאַר זיי באַשאַפט און באַשאַפט פאַר זיי יעדן טאָג, וואָס זענען במילא טעג פון בראשית. אין די קליידער פון זיינע העלדן זענען איינגעהאַפטן אמתע שטערן, אויף זיי שיט זיך דאָס גינגאָלד פון אַן אמתער זון, זייערע לייבער זענען איינגעהילט אין ווינט און אין פויגל־געזאַנג און אין סאַמעט און אין זיידנס. זייער אומעט איז ראָז, זייער בענק־שאַפט בלאָ, זייער ליבע עכט און טיף, סיי דעמאָלט ווען זי איז פאַראַן און אַפילו דעמאָלט ווען זי איז נאָר אַ חלום.

מיט פאַרמאַכטע אויגן
הערסטו נענטער דעם ים.
מיט פיבערדיקע פינגער
פילסטו גרינגער דעם גראָז.

די גאָלדענע פּאַווע
דערקענסטו אין פלי.
און אַ בענקשאַפט ווערט שענער
ווען זי איז פון נישט־הי.

(די רייד פונעם שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער צום פּאָעט)

די בענקשאַפט פון נישט־הי, די בענקשאַפט נאָך נעכטיקע טעג, דאָס איז די שענסטע בענקשאַפט. נישט נאָכן קאָנקרעטן, נישט נאָכן באַשטימטן, נאָר בענקשאַפט דערפאַר, ווייל אַזאַ איז די נשמה פון פּאָעט וואָס בענקט. וואָס ווייטער, וואָס מער נישט־היגער, אַלץ שענער איז זי פאַרן פּאָעט, אַלץ שענער מאַכט זי די פּאָעזיע.

מאַנגערן גיט זיך איין אויף אַ פשוטן, רעאַליסטישן אופן אַרויסצו־באַקומען דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס מעטאַפיזישע. ער איז נישט קיין סוררעאַליסט. סוררעאַליזם ליגט אין די מיטלען מיט וועלכע דער קינסט־

האמן רוצה להעלות את חזונו. מאנגר הוא מטאפיסיקאי. הוא מפיק את חזונו הפיוטי בזכות נשמתיותו. אף־על-פי שהוא משתמש לשם כך באמצעים ריאליסטיים. (יוצאים מכלל זה הם שירי החומש והמגילה, שיש להם שיטה משלהם).

בשיריו עולים תמיד אותם המוטיבים: צוערי-חייטים, בת־מלכה, טווס-הזהב ועוד אחרים. אבל אין בכך משום חזרה, ולא כל שכן שאין בכך משום מאניאַריזם. אין כאן גם הרצון להראות אותו מוטיב מצד אחר, חדש. לא, מאנגר אינו מן המראים, ולא מן המורים באצבע. המוטיבים שלו „חוזרים", כדרך שפעימת־לבנו „חוזרת", כדרך שכל פעימה אינה מחקה את חברתה, אלא פועמת ומפיקה את החיים, היא החיים עצמם. מאנגר אינו מחקה באותו המוטיב את עצמו, המוטיבים שלו הם אהבתו הנצחית, שבה לא יבגוד לעולם, כשם שלא יבגוד לעולם בשירתו.

לא רק את המלה כמיהה העלה מאנגר למרומי־מרומים פיוטיים. הוא הוציא והעלה מן השכחה מלים כגון תוגה, צער, חלום ועוד כיוצא באלו. את כל אוצר-האביזרים הרומאנטי והניאו-רומאנטי חזר והחיה. נפח במלים שכביכול אבד עליהן כלח רוח־חיים פיוטית חדשה.

זה כוחה של שירת־אמת.

שכן נוסח פיוטי, סגנון פיוטי, כמו נוסח אמנותי, סגנון אמנותי בכלל, הוא לא דבר שבוחרים בו, אלא עניין של גורל, של יעוד מראש. מי שמשיא את נפשו שהוא יכול לכתוב בסגנון מסוים, לפי תביעותיה של אסכולה ספרותית מסוימת, אינו אלא מרמה את עצמו, או שאין הוא כלל אמן. אדם כזה עושה תדמיות לפי תדמית מסוימת (ותהי התדמית, שלפיה הוא עובד, מסובכת ככל שתהיה). אמן-אמת יוצר לפי מה שגורלו הועיד לו ליצור. גורלו האישי של אמן קשור קשר הדוק בגורל יצירתו. ואפילו אם משמעה של האמנות הוא מאבק עם הגורל, ואפילו אם אין האמן משלים עם גורלו ואף נלחם בו, מכל־מקום מאבקו עם הגורל גם היא מצווה על־ידי הגורל.

לער וויל אַרויסברענגען זיין וויזיע. מאַנגער איז אַ מעטאַפיזיקער. ער באַ־קומט אַרויס זיין פּאָעטישע וויזיע אַ דאַנק זיין נשמהדיקייט, כאָטש ער באַנוצט זיך דערצו מיט רעאַליסטישע מיטלען. (אַן אויסנאַם זענען די חומש־ און מגילה־לידער, וואָס האָבן זיך זייער מעטאָד).

אין זיינע לידער טרעטן אַרויס די זעלבע מאָטיוון: שניידער־געזעלן, אַ בת־מלכה, די גאָלדענע פּאַווע און אַנדערע. אָבער דאָס איז נישט קיין איבערחזרן זיך און אַוודאי איז עס נישט קיין מאַניעריזם. ס׳איז אויך נישט דאָס וועלן ווייזן דעם זעלבן מאָטיוו פון אַן אַנדערער, פון אַ נייער זייט. ניין, מאַנגער איז נישט קיין ווייזער און נישט קיין באַווייזער. זיינע מאָטיוון „חזרן״ זיך איבער אַזוי ווי „ס׳חזרט״ זיך איבער דאָס קלאַפּן פון אונדזער האַרץ, ווי איין קלאַפּ מאַכט נישט נאָך דעם צווייטן, נאָר ער קלאַפּט אויס דאָס לעבן, ער איז דאָס לעבן גופא. מאַנגער מאַכט נישט מיט דעם זעלבן מאָטיוו נאָך זיך אַליין, זיינע מאָטיוון זענען זיין אייביקע ליבע, וועלכע ער וועט קיין מאָל נישט פאַרראַטן, ווי ער וועט נישט קיין מאָל פאַרראַטן זיין פּאָעזיע.

נישט נאָר דאָס וואָרט בענקשאַפט האָט מאַנגער דערהויבן צו די העכסטע פּאָעטישע הייכן. ער האָט אַרויסגעהויבן פון פאַרגעסנקייט אַזעלכע ווערטער, ווי אומעט, באַדויער, חלום און נאָך ענלעכע. דעם גאַנצן ראָמאַנ־טישן און נעאָראָמאַנטישן רעקוויזיט האָט ער צוריק אויפגעלעבט, אַריינ־געבלאָזן אין די מכלומרשט אָפּגעלעבטע ווערטער אַ נייעם פּאָעטישן רוח־חיים.

אָט אַזאַ איז דער כּוח פון אמתער, עכטער פּאָעזיע.

וואָרום פּאָעטישער נוסח, פּאָעטישער סטיל, ווי בכלל קינסטלערישער נוסח, קינסטלערישער אופן, איז נישט קיין זאַך, וועלכע מען קלייבט זיך אויס, נאָר אַן ענין פון גורל, פון באַשערטקייט. ווער ס׳רעדט זיך איין, אַז ער קאָן שרייבן לויט אַ באַשטימטן סטיל, לויט די פאָדערונגען פון אַ גע־וויסער שרייבערישער שול, דער נאַרט זיך אַליין, אָדער דער איז גאָר קיין קינסטלער נישט. דער שאַפט שאַבלאָנען לויט אַ באַשטימטן שאַבלאָן, (מעג דער שאַבלאָן, לויט וועלכן ער שאַפט, זיין ווי קאָמפּליצירט). אַן אמתער קינסטלער שאַפט לויט דעם ווי עס איז אים באַשערט צו שאַפן. דער פּער־זענלעכער גורל פון אַ קינסטלער איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון זיין שאַפן. און מעג קונסט באַדייטן קאַמף מיטן גורל, מעג דער קינסטלער נישט משלים זיין מיט זיין גורל און אַפילו אַריין אין אַ מלחמה מיט אים, ווערט אָבער דער קאַמף מיטן גורל אויך נאָר דורכן גורל דיקטירט.

האמנות היא באמת כולה חירות, אבל עם זה החירות קובעת מראש את גורלה, ובכך כל הפאראדוקס של האמנות.

יש סופרים, ולא רק אצל היהודים, המשדלים את האחרים וגם את עצמם להאמין, שהם כותבים בנוסח של פרוסט, למשל, או של קאפקא. אם אין זו רמאות מדעת, הרי זו במקרה הטוב ביותר, תמימות גסה. אופן כתיבתו של קאפקא, ולא רק תוכנה בלבד, קשורים במישרין לגורלו האישי. גורלו לא הניח לו, שיכתוב אחרת משכתב. אמנם אפשר להצליח פחות או יותר בחיקוי סגנונו, אבל אי־אפשר לחקות את גורלו. לפיכך יוצא, שכל קאפקאיזם, חוץ משל קאפקא עצמו, הוא חיקוי, וחיקוי אינו בגדר אמנות. להיפך — הוא נגד האמנות.

אילו רצה אדם דווקא לקשר את מאנגר עם אסכולה פילוסופית (כמו שעושים, למשל, לגבי קאפקא), אפשר היה על-נקלה לקשר אותו עם תורת-האינטואיציה של ברגסון, עם חזרתו של הלה אל המיטאפיסיקה. אבל זה מיותר לחלוטין. היו סופרים גדולים, כגון פרידריך שילר, כגון איבסן, שהיו נתונים במישרין להשפעת אסכולות פילוסופיות. אבל בדרך-כלל הן המשורר, הן האמן, הן הפילוסוף מביעים אותה מחשבה, אותו רגש, אלא שכל אחד מהם עושה זאת לפי דרכו, בחושו את האווירה הרוחנית של זמנו; ובכל זאת אפשר שלא המשורר, לא האמן ולא הפילוסוף לא יידעו כלל על שותפות זו שביניהם.

גורלו של מאנגר הוא גורל משורר־זמר. לו נועד מראש להיות בדורו שלו הזמר היחיד בקרב המשוררים שלנו. הוא זימר נוסח יהודי רחב ברגש יהודי גדול. וכן נועד לו מראש הייעוד המר להיות הזמר האחרון של עדה בת מיליונים, אשר קיבלה וקלטה את זמרתו בשעה שהיא עצמה כבר עמדה על סף הכליה.

הנועדתי להיות הזמר האחרון
של עדה שהורעלה?
להשרות בעשב־קברים את אצבעותי
סביב לעקדת־היהודים הגדולה?

קונסט איז טאַקע כּולה פרייהייט, אָבער קונסט ווערט דעטערמינירט פון פרייהייט, און דאָ ליגט דער גאַנצער פּאַראַדאָקס פון קונסט.

פאַראַן שרייבערס, נישט גראָד ביי יידן, וואָס רעדן איין אַנדערע און אויך זיך, אַז זיי שרייבן אין נוסח, לאָמיר אָננעמען, פון פּרוסט, צי פון קאַפקאַ. אויב דאָס איז נישט קיין באַוווסטזיניקע אָפּנאַרעריי, איז עס אין בעסטן פאַל אַ גראָבע נאַיִוויטעט. קאַפקאַס אופן פון שרייבן, און נישט נאָר דער אינהאַלט, איז דירעקט פאַרבונדן מיט זיין פּערזענלעכן גורל. זיין גורל האָט נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל אַנדערש שרייבן ווי ער האָט געשריבן. מען קאָן מער אָדער ווייניקער געלונגען נאָכמאַכן זיין סטיל, אָבער זיין גורל קאָן מען נישט נאָכמאַכן. דעריבער קומט אויס, אַז דער גאַנצער קאַפקאַיִזם, אַחוץ קאַפקאַן גופא, איז נאָכמאַכונג. און נאָכמאַכונג איז נישט קיין קונסט. פאַרקערט, ס׳איז אַנטיקונסט.

ווען מען זאָל דווקא וועלן מאַנגערן פאַרבינדן מיט אַ פילאָסאָפישער שול, (ווי מען טוט דאָס, למשל, מיט קאַפקאַן), וואָלט מען אים לייכט גע־קאָנט פאַרבינדן מיט בערגסאָנס אינטויִציאָניזם, מיט זיין צוריקגייִן צו דער מעטאַפיזיק. אָבער דאָס איז לחלוטין איבעריק. געווען גרויסע שריי־בערס, ווי פרידריך שילער, ווי איבסען, וואָס זענען דירעקט געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון פילאָסאָפישע שולן. אָבער בדרך־כּלל זענען סיי דער דיכטער, דער קינסטלער, סיי דער פילאָסאָף, אויסדריקער פון דער זעלבער מחשבה, פון דעם זעלבן געפיל, נאָר יעדער אויף זיין אופן, וואָס פילט אויס די גייסטיקע אַטמאָספער פון זיין צייט. כאָטש נישט דער דיכ־טער, נישט דער קינסטלער און נישט דער פילאָסאָף קאָנען גאָרנישט וויסן פון דער דאָזיקער בשותפותדיקייט זייערער.

מאַנגערס גורל איז דער גורל פון אַ פּאָעט אַ זינגער. אים איז באַשערט געווען צו זיין, אין זיין צייט, דער איינציקער זינגער צווישן אונדזערע פּאָעטן. ער האָט אויסגעזונגען ברייט־יידישן נוסח מיט גרויס יידיש געפיל. אים איז אויך באַשערט געווען מיט אַ ביטערער באַשערטקייט צו זיין דער לעצטער זינגער פון אַ מיליאָניקער עדה, וועלכע האָט אויפגענומען זיין געזאַנג, ווען אַליין האָט זי זיך שוין געפונען אויפן ראַנד פון אומקום.

איז מיר באַשערט צו זײַן דער לעצטער זינגער
פון אַן אויסגעסמטער עדה?
טונקען אין קברים־גראָז מײַנע פינגער,
אַרום דער גרויסער ייִדישער עקדה?

מזלי־שלי, ארור, הפרחת את האביב
מעל לקדיש שבשפתי.
הרחפת את הציפורים עם הטרילי־לינג שלהן,
שתגמענה מכוס דמעותי.

(„שיר־השנאה שלי״).

סביבה

לא זמרים בחצרות מלכים או רוזנים, לא זמרים אצל אבירים, אצל מושלי לאטיפונדיות גדולות, אלא בנים ונכדים של זמרי ברוד, צוערי־חייטים, ליצנים, קבצנים בני־חורין, שמחים ועשירים, גידולי אדמתה הרזה והדשנה של גאליציה-בסאראביה, ילדי בתים דלים אך חגיגיים הם־הם רבי־הזמרים שלנו, הטרובאדורים שלנו.

איציק מאנגר הוא מצאצאיהם, מילדיהם, מהם קיבל את הכמיהה, את שירם שר ברמה.

מביתו של רב־החייטים השמח, הלל מאנגר, מאחיו הבקי בשירה, נטע מאנגר, מכל סביבתו כולה, מיקבי־היין שבהם לגמו מן הכוסות וקינחו בשיר-זמר, משם ירש איציק מאנגר את הנקודה השירית (היהודית). נקודה שירית זו צצה ועלתה לעינינו, התפשטה בכל כנפות הארץ בתוקף כוחו הפיוטי של מאנגר, מתוך אהבתו לשפת־יידיש על כל חינותיה, חינות הנוסח הישן, המחודש והעשיר.

הוא, המשוטט בכל הדרכים, הוא, בן-בית בשירת כל העמים, הוא, איציק מאנגר, הריהו המשורר היהודי המדובק ביותר ביידיש.

הדיבוק בלשון אין משמעו להגיע לפסגותיה, אלא להגיע לשורשיה; הדיבוק אין משמעו לרבות את הלשון, אלא קודם־כול להתאוות לה תאוה גדולה ולוהטת; הדיבוק אין משמעו להיות פזרן, אלא להיות חרד לכל מלה, כדרך שאב חרד לילדו שלו; הדיבוק

מזל מײַנס, פאַרשאָלטנס, האָסט צעצוויטעט דעם פּרילינג
איבערן קדיש פון מײַנע ליפּן.
צעפלאַטערט, די פייגל מיט זייער טרילי־לינג,
זיי זאָלן פון מײַן טרערן־בעכער זיפּן.

(מיין שינאה־ליד. געשריבן אין יאָר 1943)

סביבה

נישט קיין זינגער אין קעניגלעכע אָדער פירשטלעכע הייפן, נישט קיין זינגער ביי ריטער, ביי הערשער פון גרויסע לאַטיפונדיעס, נייערט זין און אייניקלעך פון די בראָדער־זינגער, שניידער־געזעלן, שפּיליונגען, פרייע, פריילעכע, רייכע קבצנים, קינדער פון מאָגערער און פון פעטער גאַליציע־בעסאַראַבישער ערד, פון אָרעמע אָבער יום־טובדיקע היימען, זיי זענען אונדזערע מייסטער־זינגער, אונדזערע טרובאַדורן.

איציק מאַנגער איז אַן אָפּשטאַמלינג פון זיי, ער איז אַ קינד פון זיי. ער האָט פון זיי איבערגענומען די בענקשאַפט, ער האָט פונאַנדערגעזונגען זייער ליד.

פון דער שטוב פון דעם פריילעכן שניידער־מייסטער, הלל מאַנגער, פון זיין ברודער, דעם טיפן פּאָעזיע־וויסער, נאָטע מאַנגער, פון דער גאַנ־צער סביבה זיינער, פון די וויינקעלערס ווו מען האָט געצויגן פון גלעזל וויין און פאַרצויגן מיט אַ ליד, אָט פון דאָרט האָט איציק מאַנגער געירשנט דאָס פּינטעלע ליד. דאָס פּינטעלע ליד איז זיך אויף אונדזערע אויגן פונ־אַנדערגעוואַקסן, געריסן ברעגעס מיטן כּוח פון זיין, מאַנגערס, פּאָעטישן כּוח, פון זיין פאַרליבטקייט אין יידישן לשון מיט אַלע זיינע חנען פון רייכער, נייער אַלטמאָדישקייט.

ער, דער וואַגאַבונד, ער, דער בן־בית אין אַלע פּאָעזיעס פון אַלע פעלקער, ער, איציק מאַנגער, איז דער צום מיינסטן באַזעסענער אין יידיש יידישער פּאָעט.

באַזעסנקייט אין אַ שפּראַך הייסט נישט גרייכן צו אירע שפּיצן, נאָר גרייכן צו אירע וואָרצלען; באַזעסנקייט הייסט נישט די שפּראַך פאַרמערן, נאָר קודם־כּל זי באַגערן, מיט אַ גרויס, הייס באַגער; באַזעסנקייט הייסט נישט זיין אַ פּזרן, נאָר ציטערן איבער יעדעס וואָרט, ווי איבער אַן אייגן קינד; באַזעסנקייט אין אַ שפּראַך הייסט אָנפילן יעדעס וואָרט מיט איינ־

בלשון משמעו למלא כל מלה תוכן, באופן ששום מלה, אפילו הקטנה והפשוטה ביותר, לא תישאר ריקה, לא תגווע מרעב אל תוכן.

איציק מאנגר קיים את כל המצוות של דיבוק בשפת-יידיש. הוא מגיע אל שורשיה, הוא מתאווה לה תאוה לוהטת, הוא חרד על כל מלה וממלא כל מלה תוכן, רגש ומחשבה.

הייתי אומר שכל אלה הם תארים של שירה לאומית טהורה, אילולא השתמשו אצלנו בכינוי „שירה לאומית" לעתים כה קרובות.

כשבא מאנגר לפולין כבר היה משורר בשל, כבר היו לו כל הסגולות של כשרונו המיוחד. העדה הססגונית, הדינאמיה של שלושת מיליוני היהודים בפולין הדהימה אותו, הוא יצא מגדרו למראיה. אבל יציאתו מגדרו לא הוציאה אותו מן הכלים הפיוטיים, אלא הכניסה אותו אליהם.

תקופת שהותו בפולין היתה התקופה הפוריה ביותר, הגדולה ביותר בכלל יצירתו הפיוטית של מאנגר. מה נדירים הם משוררינו שהעמיקו כל-כך להרגיש את אימת חורבנו של העם היהודי כמוהו, כמו איציק מאנגר.

אתה חש זאת בשירו הנדיר, בהלך-רוחו, בכל דיבור מדיבוריו, הבא אליו אפילו בדרכים פרטיות משלו.

שכן מאנגר הוא משורר של סביבה. הוא משורר בודד, אך לא משורר הבדידות. אין הוא אחד מן הללו שחזרו על האמירה: „אני שר לעצמי ולמוזות". הוא שר לעמו.

וכשכלה העם, עשה מאנגר בשיר של ארבע-עשרה שורות, בסונט אחד ויחיד, את חשבונו עם האלוהים ומחק אותו לעד „מעדת אוהבי ישראל האמתיים":

ר' משה לייב מסאסוב מצביע על ערימות האפר,
(עתה־זה חלפה הסופה)
זקנו מרטט, גופו ולחייו ממררים:
„צא נא וראה, הוי אלוהינו היקר".

האַלט, אַז קיין איין וואָרט, אַפילו דאָס קלענסטע און דאָס פּשוטסטע, זאָל נישט בלייבן ליידיק און נישט אויסגיין פון הונגער נאָך תּוכן.

איציק מאַנגער האָט מקיים געווען אַלע מיצוות פון באַזעסנקייט פון יידישן לשון (יישוב לשון יידיש), ער גרייכט צו די וואָרצלען פון דער יידישער שפּראַך, ער באַגערט זי מיט אַ הייס באַגער, ער ציטערט איבער יעדעס וואָרט און פילט אָן יעדעס וואָרט מיט אינהאַלט, מיט געפיל און געדאַנק.

כ׳וואָלט געזאָגט, אַז דאָס אַלץ זענען אַטריבוטן פון ריינער נאַציאָנאַ־לער דיכטונג, ווען די באַצייכענונג „נאַציאָנאַלע דיכטונג״, וואָלט ביי אונדז נישט געוואָרן אַזוי אָפט באַנוצט.

ווען מאַנגער איז געקומען קיין פּוילן איז ער שוין געווען אַ רייפער פּאָעט, שוין פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון זיין אייגנאַרטיקן טאַלאַנט. די פּילפּאַרביקע, דינאַמישע, דריי־מיליאָנעדיקע יידישע עדה אין פּוילן האָט אים פאַרבליפט, ער איז געווען אויסער זיך פון איר. אָבער זיין אויסער־זיכקייט האָט אים נישט אַרויסגעפירט פון די פּאָעטישע כּלים, נאָר אים אַריינגעפירט אין זיי.

דער פּוילישער פּעריאָד איז געווען דער פּרוכטיקסטער און דער גרעס־טער אין מאַנגערס פּאָעטישן שאַפן. זעלטן ווען פון אונדזערע דיכטער איז דאָס יידישע פאָלק אַזוי מוראדיק אומגעקומען, ווי אים, איציק מאַנגערן.
מען פילט דאָס אין זיין זעלטן ליד, אין זיין געמיט, אין זיין יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַפילו דורך די סאַמע פּריוואַטע וועגן.

ווייל מאַנגער איז אַ דיכטער פון סביבה. ער איז אַן איינזאַמער דיכ־טער, אָבער נישט קיין דיכטער פון איינזאַמקייט. ער איז נישט פון די וואָס האָבן נאָכגעזאָגט: „פאַר זיך און פאַר די מוזעס זינג איך״. ער זינגט פאַרן פאָלק.

און ווען דאָס פאָלק איז אומגעקומען האָט מאַנגער אין איין פּערצן־שורהדיק ליד, אין אַן איינציקן סאָנעט, זיך געספּראָוועט מיט גאָט און אים אויף אייביק אויסגעמעקט „פון דער עדה אמתע אוהבי ישׂראל״:

ר׳ משה לייב פון סאַסאָוו טײַטלט אויף די הויפּנס אַש,
(דער שטורעם האָט אָקאָרשט דורכגעוויטערט)
זײַן באָרד ציטערט, זײַן לײַב און לעבן ביטערט:
— „נאָ, נעם און זע, אַך גאָטעניו טי נאַש״.

ר׳ וולף מזבאראז׳ ממלמל: „שמעו, רבותי, שמעו!״
(קולו לאה ככינור־ערב)
— „אל עליון לא נטר את כרמו,
וסימן: ערימות ההפקר האלה על הארץ.״

ר׳ מאירל מפרמישלאן נשען על מטהו הישן
עומד וממתין, קודח ומיצר:
„רבותי, הבה נגיד כולנו בקול:

בורא העולמות, אתה אדיר, נורא וכביר,
אך אנו הגליצאים מוחקים אותך לנצח
מעדת אוהבי־ישראל האמיתיים״.

(„אוהבי ישראל ליד מחנה־המוות בלז׳ץ״)

אבל את אוהבי-ישראל, ובתוכם את המשוררים שבהם, לא היה יכול אלוהים למחוק לעולם...

בחודש הזה שבשנה הזאת, מאי אלף תשע מאות שישים ואחת, ימלאו למאנגר שישים שנה. לכבוד החג הגדול יופיע בניו-יורק ספר פרוזה שלו בן 530 עמודים.

זוהי פרוזה מאנגרית, שונה באופן ובתוכן מכל מיני-הפרוזה האחרים, שכותבים אצלנו ובעולם.

כשיופיע הספר, אני מקווה לחזור אליו. שכן מאנגר הוא יוצר־מלים, שאתה רוצה תדיר לחזור אליו, אתה רוצה ללכת אחריו ולחזור ולעבור על דבריו.

שמו נישא הרבה בפי העם ושירתו חביבה על כולם, אפילו על מי שרחוקים מזיקה לשירה, ואפילו על מי שאין להם זיקה לשירה כל-עיקר. שכן במקום ששירו אינו מגיע, מגיע הד של שירו.

אבל במיוחד הוא חביב על שארית-הפליטה של יהודי-החורבן ועל שארית־הפליטה של הללו, שלשון־יידיש היתה לפנים כה יקרה להם.

ר׳ וואָלף פון זבאַראַזש מורמלט: „הערט, רבותי, הערט!״
(זײַן קול, איז ווי אַן אומטפּידל מיד)
— „דער אייבערשטער האָט זײַן ווײַנגאָרטן נישט אָפּגעהיט,
אַ סימן: אָט די הפקר־הויפּנס אויף דער ערד״.

ר׳ מאירל פון פּרעמישלאַן אויף דעם אַלטן שטעקן אָנגעשפּאַרט
שטייט און וואַרט, פיבערדיק און צער׳ט:
„רבותי, לאָמיר זאָגן אַלע אויף אַ קול:

באַשאַפער פון די וועלטן, דו ביסט מאַכטיק, מוראדיק און גרויס,
נאָר מיר די גאַליציאַנער מעקן דיך אויף אייביק אויס,
פון דער עדה אמתע „אוהבי־ישׂראל״.

(די אוהבי-ישראל ביים טויטן-לאַגער בעלזשעץ)

אָבער גאָט האָט די אוהבי־ישׂראל, און די פּאָעטישע בתוכם, קיין מאָל נישט געקאָנט אויסמעקן...

אין איצטיקן חודש פון איצטיקן יאָר, אין חודש מאַי ניינצן־הונדערט איין און זעכציק, ווערט איציק מאַנגער זעכציק יאָר. לכּבוד דעם גרויסן יום־טוב דערשיינט אין ניו־יאָרק זיינס אַ בוך פּראָזע פון 530 זייטן.

זיין פּראָזע איז אַ מאַנגערישע פּראָזע. זי איז אַנדערש אין אופן און אין אינהאַלט פון אַלע אַנדערע מינים פּראָזע, וועלכע מען שרייבט ביי אונדז און אין דער וועלט.

ווען דאָס בוך וועט דערשיינען וועל איך האָפנטלעך צוריקקומען צו אים. ווייל מאַנגער איז אַ וואָרטשאַפער צו וועלכן מען וויל אָפט צוריקגיין, מען וויל אים נאָכגיין און נאָך אַ מאָל איבערגיין.

זיין נאָמען איז געוואַלדיק פּאָפּולער און זיין דיכטונג איז שטאַרק באַליבט ביי אַלע. אַפילו ביי די, וואָס האָבן אַ וויטן שייכות צו פּאָעזיע, און אַפילו ביי די, וואָס האָבן אין גאַנצן נישט קיין שייכות צו פּאָעזיע. ווייל דאָרט וווּ ס׳דערגייט נישט זיין ליד, דערגייט אַן עכאָ פון זיין ליד.

אָבער ספּעציעל איז ער באַליבט ביים שארית הפליטה פון די חורבן־יידן און ביי דעם שארית הפליטה פון די, ביי וועמען יידיש לשון איז געווען אַ מאָל אַזוי טייער.

אף־על-פי שיש לו למאנגר שם-עולם כמשורר ובכל עולם-השירה הגדול מכירים אותו היטב, אף-על-פי שחולקים לו כיבודים גדולים ומקבלים את פניו בפומבי מלכותי, אין דעתו נוחה לא מן הפופולאריות ולא מן הכיבודים, מפני שגדול מאוד כאבו על מצבה הקשה של שפת-יידיש. אני רואה אותו, כשהוא נשען אל אחד הקירות שבחדר-המיוחד שלו בניו־יורק ואומר בחירוק-שִיניים: — עם השוכח, עם המוחק את שפתו, מוחק עוד פעם אחת את זכר עדתו שכלתה.

אבל איציק מאנגר עצמו מוסיף להיות מאוהב בשפת-יידיש ובשירת-יידיש, כי בשעה שצעד את צעדיו הראשונים בשירה, אמר לשפת-יידיש פסוקו של הנביא הושע: „וארשתיך לי לעולם".

„די גאָלדענע קייט", מס' 40

כאָטש מאַנגער איז אַ פּאָעטישער וועלטנאָמען און מען קען אים גוט אין דער גאַנצער גרויסער פּאָעטישער וועלט, כאָטש מען טוט אים אָן גרויסע כּיבודים און מען נעמט אים אויף מיט קעניגלעכן פּאַראַד, באַקומט אים נישט נישט זיין פּאָפּולאַריטעט און נישט די כּיבודים, ווייל ער וויטיקט מוֹראדיק איבערן שווערן מצב פון דעם יידישן לשון. איך זע אים שטיין אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט אין זיין ניו־יאָרקער חדר־מיוחד און דורך די פאַרקריצטע ציין זאָגן: — אַ פאָלק וואָס פאַרגעסט, אַ פאָלק וואָס מעקט אויס זיין לשון, מעקט נאָך אַ מאָל אויס זיין אומגעקומענע עדה.

אָבער איציק מאַנגער אַליין בלייבט דער פאַרליבטער אין דער יידישער שפּראַך און אין דער יידישער פּאָעזיע. ווייל ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין פּאָעזיע, האָט ער צו יידיש געזאָגט די ווערטער פון יהושע הנביא: — „וארשתּיך לי לעולם” — און איך וועל דיך פאַרקנסן צו זיך אויף אייביק...

„די גאָלדענע קייט”, נר׳ 40

איציק מאנגר משורר-העם

אלוהים כביכול גדול
כיום בדיוק כמו לפנים,
לא מפני שהוא מרעים בשמים
כי אם מפני שהוא מתייפח בעמק.

אשרי האיש
אשר שמע היפחה.
שמע כזה לך
היה יעוד.

(„דברי צוער־החייט נטע מאנגר אל המשורר״)

גורלו של צוער-החייט נטע מאנגר יעד לו לישב אל שולחנו הארוך של אביו, „הוד-מעלתו, רב־החייטים הלל מאנגר״ ולתפור במחט מה שאביו גזר בשבילו במספרי-החייט, וגורלו של אחיו איציק, הגדול ממנו בסך-הכל בשנתיים, יעד לו לגזור במספרי-הפייטן שלו את שירי־הזמר שלו למען עמו היהודי המפוזר והמפורד.

לא אקבל עלי להגדיר כאן, לאלתר: יעוד מהו, אבל בדברי מאנגר שהובאו למעלה מורגש היעוד שקבע לו גורלו כמשורר-העם.

בלי הרף מלוות אותי שתי שורות מסונט של מאנגר שכותרתו: „אני עצמי״ (במחזור „סונטים לאחי נטע״):

וכשרכבתי בדהרה הרחקתי הט, הט, הט,
במקום שהיופי מוחה דמעות כל הדאבות.

איציק מאַנגער



דער
שניידער-געזעלן
נטע מאַנגער
זינגט

ארטור קאַלניק.

איציק מאַנגער דער פאָלקסדיכטער

גאָט כביכול איז גרויס
היינט פונקט ווי אַמאָל.
נישט ווייל ער דונערט אין הימל,
נאָר ווייל ער כליפּעט אין טאָל.

אַז ווייל איז צו דעם
וואָס האָט דאָס כליפּען דערהערט.
דיר איז אַזאַ הערונג
געווען באַשערט."

(די רייד פון שניידער-געזעלן נאָטע מאַנגער צום פּאָעט)

ס׳איז באַשערט געווען דעם שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער צו זיצן ביים לאַנגן טיש פון זיין טאַטן, „זיין עקסעלענץ, דעם שניידער־מייסטער הלל מאַנגער", און נייען מיט דער נאָדל דאָס, וואָס דער טאַטע האָט מיט דער שניידערישער שער פאַר אים צוגעשניטן, און ס׳איז באַשערט געווען זיין, בסך־הכל עלטערן מיט צוויי יאָר, ברודער איציקן — אויסצושניידן מיט זיין דיכטערישער שער די געזאַנגען פאַר זיין צעשפּרייט און צעזייט יידיש פאָלק.

כ׳וועל זיך נישט אונטערנעמען דאָ, אויף דעם אָרט, צו דעפינירן: — באַשערטקייט, אָבער אין דעם אויבן־געבראַכטן מאַנגערישן זאָג (ציטאַט) פילט זיך אַרויס זיין פאָלקס־דיכטערישע באַשטימטקייט און גורלדיקייט.

ס׳גייען מיר כסדר נאָך צוויי שורות פון מאַנגערס אַ סאָנעט א״נ: „איך אַליין", („וואָלקנס איבערן דאַך"):

און רייטנדיק גאַלאָפּ בין איך פאַרפאַרן העט, העט, העט,
ווו די שיינקייט ווישט די טרערן אָפּ פון אַלע צערן.

יופי המוחה את דמעותיהן של כל הדאבות — זהו איציק מאנגר. רעיון פיוטי וגורל פיוטי. אילו השתמשתי בכינויי החסידות, הייתי אומר, כי מאנגר הוא איש-חב״ד בשירה היהודית. חב״ד מבינים את הפסוק „אין עוד מלבדו״ לא במובן זה שמלבד אלוהינו אין עוד אלוהים בעולם, אלא במובן זה שמלבד אלוהים אין בכלל מאומה. זהו הפאנתיאיזם. כל דבר וכל יצור הוא רק האצלה של האלוהות, אשר מלבדה אין בנמצא כלום בעולם. מאנגר דבק ברעיון של כוללות פיוטית. יש לו השקפת־עולם של כוללות פיוטית. בעולם-הרגש של עם אין שום דבר זולת שירה. כל הדאבות וכל השמחות של עם יכולות להימוג ולהיגאל בחזון הכוללות הפיוטית, אשר מאנגר נושא בקרבו. לפיכך אין מאנגר יכול לחדול אפילו לרגע קט מלהיות משורר, שכן זה גורלו הפיוטי בעולם הזה, גורל של משורר עממי יהודי.

איציק מאנגר קשור, שזור, משוזר בתוך מעבה המוני־העם הצפופים, שמהם מוצאו. ולא רק בתוך המוני-העם הוא שזור, אלא אפילו בתוך המקצוע של בית-אביו (שהרחיק כל-כך ממנו). מעניין מוטיב־החייט, החוזר כה תכופות בשירי מאנגר. ולא שמוטיב-החיים רודף אחרי מאנגר, מפני שהוא קשור אצלו, כפי שאפשר לחשוב באיזה תסביך, אלא מאנגר עצמו הוא שרודף אחרי המוטיב הזה. הוא מאוהב בו. הוא הולך אחריו תמיד, משנה בו, רוטט ממש יחד עמו, עד שמוטיב זה מתחיל לחוג בדמיונכם ואתם משתכרים ממנו. בבלדה „צוער-החייט נטע מאנגר שר על טווס-הזהב״ — טווס-הזהב שר:

אחת ואחת הם שתיים.
בזכות צוערי־החייטים
אמהר לטוס מהם —

שיינקייט, וואָס ווישט אָפּ די טרערן פון אַלע צערן — דאָס איז איציק מאַנגער. דיכטערישע אידייע און דיכטערישער גורל. ווען איך וואָלט זיך באַנוצט מיט דער טערמינאָלאָגיע פון חסידיזם, וואָלט איך געזאָגט, אַז מאַנגער איז אַ חב״דניק אין דער יידישער פּאָעזיע. דער חב״ד פּאַרשטייט דעם „אין עוד מלבדו" נישט, אַז אַחוץ אונדזער גאָט איז קיין אַנדערער גאָט נישט פאַראַן אויף דער וועלט, נאָר אַז אַחוץ גאָט איז בכלל גאָרנישט פאַראַן. דאָס איז דער פּאַנטעיִזם. יעדע זאַך און יעדע באַשעפעניש איז נאָר אַן עמאַנאַציע פון דער געטלעכקייט, וואָס אַחוץ איר איז גאָרנישט בנימצא אויף דער וועלט. מאַנגער לעבט אין אַ פּאַנטעפּאָעטישער אידייע, ער האָט אַ פּאַנטעפּאָעטישע וועלט־אַנשויונג און איינשטעלונג. גאָרנישט איז אין דער געפילסוועלט פון אַ פּאָלק פאַראַן אַחוץ פּאָעזיע. אַלע צערן און אַלע פריידן פון פּאָלק קאָנען אויפגעלייזט און אויסגעלייזט ווערן דורך דער פּאַנטעפּאָעטישער וויזיע, וואָס מאַנגער טראָגט אין זיך. דעריבער קאָן מאַנגער אויף קיין איין מינוט נישט אויפהערן צו זיין אַ דיכטער, ווייל אַזעלכער איז זיין פּאָעטישער גורל אויף דער וועלט, דער גורל פון אַ יידישן פּאָלקסדיכטער.

איציק מאַנגער איז פאַרבונדן, צוגעבונדן, פאַרפלאָכטן מיט דער סאַמער געדיכטעניש פון די פּאָלקסמאַסן, וואָס פון זיי שטאַמט ער. און נישט נאָר מיט די פּאָלקסמאַסן, נאָר ער איז נאָך אַפילו פאַרבונדן מיט זיין אָפּשטאַמס־באַרוף (וואָס פון דעם איז ער אַזוי ווייט). ס׳איז אינטערעסאַנט דער שניידער־מאָטיוו, וואָס חזרט זיך אַזוי אָפּט איבער ביי מאַנגערן אין זיין פּאָעזיע. נישט דער שניידער־מאָטיוו פאַרפאָלגט מאַנגערן, ווייל ער איז, ווי טייל קאָנען מיינען, פאַרבונדן עפּעס ביי אים מיט אַ קאָמפּלעקס, נאָר מאַנגער פאַרפאָלגט בפירוש דעם שניידער־מאָטיוו. ער איז אים אין פאַרליבט. ער גייט אים כסדר נאָך, וואַריאירט אים, ער וויברירט ממש אַזוי מיטן מאָטיוו, אַז ער הייבט אַזש אָן קרייזן אין איַיער פּאַנטאַזיע און איר ווערט פון אים פאַרשיכּורט. אין דער באַלאַדע: „דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט פון דער גאָלדענער פּאַווע" — זינגט די גאָלדענע פּאַווע:

איינס און איינס איז צוויי.
אין זכות פון די שניידער־געזעלן
פלי איך שנעלער פון זיי —

בזכות צוערי-החייטים זוכה טווס-הזהב בתחרות עם הקיסר פראנץ־יוזף. גם בתוך „הבלדה של נטע מאנגר נער־החייטים והרוזנת היפה מדופצה" — המשורר אומר:

ועכשיו בלילה בבית־המלאכה
אחשוב ודמעות בעיני:
בגלל חוט של מחט
קיפחתי את אושרי.

ואמנם אפשר שהוא מתכוון לאחיו נטע, אבל לעולם לא לעצמו. על עצמו הוא אומר:

„ואילו הייתי חייט,
הייתי עף אליך,
ובאצבעון־הזהב שלי
הייתי מקיש בדלתך".

(„אמרי, מלכה׳לה היפה")

שלושה מוטיבים מתחלפים תכופות אצל מאנגר, ואלו הם: צוער־החייט, טווס־הזהב, והגדי הצחור. זה מזכיר לנו את המוטיבים החוזרים כה תכופות אצל שאגאל, כגון: חתן וכלה תחת החופה, הגדי, התרנגול וקווי־המיתאר של ויטבסק, עיר־הולדתו של שאגאל. המוטיבים (ובעיקר החתן והכלה) אינם מתחילים בשום מקום ואינם מסתיימים בשום מקום. עם כל העידון המצוי אצל שני האמנים (שאגאל ומאנגר) מזכירה החזרה על המוטיבים את יצירת-העם (ואפשר שמקורם ביצירת-העם), שבה השיר השלם (או הציור) נוטה אל הפזמון החוזר (או אל הקו הראשי); כשאתה מקשיב לשיר-עם, דומה שאתה משתוקק לדלג במירב המהירות על הבתים הנבדלים ולהגיע במירב המהירות אל הפזמון החוזר. אין זו פרימיטיביות, ולא עקשנות פאתולוגית, אלא אדרבה שקיעה בפיוטיות הרוצה להתעטף בך, או הרוצה שאתה תתעטף

אין זכות פון די שניידער־געזעלן געווינט די גאָלדענע פּאַווע דעם געוועט מיטן קייזער פראַנץ־יאָזעף. אויך אין דער „באַלאַדע פון נאָטע מאַנגער דעם שניידער־יונג און דער שיינער גראַפינע פון דופּצע" זאָגט דער פּאָעט:

און איצט ביַי נאַכט ביַים וואַרשטאַט
טראַכט איך מיט טרערן אין בליק:
צוליב אַ נאָדל־פאָדים
האָב און פאַרשפּילט מיַין גליק.

מיינט ער אפשר טאָקע זיין ברודער נאָטע, אָבער קיין מאָל נישט זיך. וועגן זיך זאָגט ער:

און וואָלט איך געווען אַ שניַידער
וואָלט איך געפלויגן צו דיר
און מיט מיַין גאָלדענעם פינגערהוט
אָנגעקלאַפּט אין דיַין טיר.

(„זאָג, מלכהלע די שיינע")

דריי מאָטיוון ווערן אָפט וואַריאירט ביי מאַנגערן, דאָס זענען: דער שניידער־געזעלן, די גאָלדענע פּאַווע, און דאָס ווייסע ציגעלע. דאָס דערמאָנט די מאָטיוון וואָס חזרן זיך אַזוי אָפט איבער ביי שאַגאַלן, למשל: חתן־כּלה אונטער דער חופּה, די ציג, דער האָן און די קאָנטורן פון שאַגאַלס געבוירנשטאָט, וויטעבסק. די מאָטיוון (דער עיקר: חתן־כּלה) הייבן זיך אין ערגעץ נישט אָן און ענדיקן זיך אין ערגעץ נישט. ביי דער גאַנצער ראַפינירטקייט ביי ביידע קינסטלער (שאַגאַל און מאַנגער) דערמאָנט דאָס איבערחזרן די מאָטיוון אין דער פאָלקסשאַפונג (און אפשר נעמען זיי זייער מקור פון דער פאָלקסשאַפונג), ווו דאָס גאַנצע ליד (צי צייכענונג) גראַווי־טירט צום רעפרען (אָדער צו דער הויפּטליניע); ווען מע הערט זיך צו צו אַ פאָלקסליד, דאַכט זיך, אַז ס׳ווילט זיך וואָס שנעלער אַריבערהיפּערן די איינצלנע סטראָפן און וואָס שנעלער צוקומען צום רעפרען. דאָס איז נישט פּרימיטיוויטעט, אָדער גאָר פּאַטאָלאָגישע פּערסעווועראַציע, נאָר פאַרקערט, עפּעס אַ פּאָעטישע פאַרטראַגנקייט, וואָס וויל זיך אין דיר איינהילן, אָדער

בה; הרי זה רגש דתי עמוק, הרוצה להשתלט עליך בייחודו ובלבדיותו. בבחינה זו צריך להבין את כוונתו של ר׳ נחמן מברסלאב, כשאמר כי ראוי לו ליהודי שיהיה לו אל אחד, אשה אחת וניגון אחד.

איציק מאנגר מתייחד ביצירותיו הפיוטיות באינדיבידואליות כה חזקה; עד שהן (היצירות) חורגות מן המסגרת האינדיבידואלית; הן אינן יכולות להישאר בתוכה ועל-כורחן הן מקבלות עליהן את המסגרת של יצירות־עם. מה שעתה-זה נאמר אינו פאראדוקס, ממש כמו שאין זה פאראדוקס, שהיסודות האינדיבידואליים והיסודות העממיים בשירי מאנגר כפופים אלו לאלו, ובו-בזמן שליט כל יסוד נבדל על חבירו. היכולת של כל יסוד אמנותי להיות כפוף לחבירו וכאחת להיות שליט עליו בה באותה יצירה היא סימן מובהק לשלמות אמנותית. ובעצם זה היסוד לכל הרמוניה, בין במוסיקה, בין בציור, בין בשירה, בין בחיי-החברה, וכיוצא באלו.

מכאן אך צעד לעוד קביעה אחת: יצירות לאומיות הן כוללניות (טוטאליות) במובן החיובי של מלה זו, ויצירות-העם, עם כל האוניברסליות שלהן, הן ייחודיות (אינדיבידואליות). כי המשורר הלאומי רואה את היחיד דרך הפריסמה של הכלל (העם) והמשורר העממי רואה את הכלל (העם) דרך הפריסמה של היחיד.

אילו הוספתם לתבוע ממני, לאחר כל הסימנים שהבאתי למעלה, הגדרה ברורה על שום מה אני רואה במאנגר משורר עממי — הייתי משיב לכם: מפני שתגובותיו האמנותיות של מאנגר מכוונות ומופנות מתוך ידיעת-המטרה אל מקור-הראשית. והריני מפרש זאת כך: כאשר מאנגר רוצה למצות בשיר הלך-רוח, כשהוא רוצה לחשוף רגש, כשהוא רוצה להראות תמונה — הריהו מעלה קודם-כול לפני עצמו את השאלה: כיצד עשוי לקבל זאת איש-העם? כיצד עשוי איש־העם לפרש לו זאת? כיצד עשוי איש־העם לומר זאת? כיצד עשוי הוא לחשוף ולהראות זאת? וכך עושה מאנגר, מפני שלשון-העם היא תמונית, מפני שדמיון-העם הוא אמוני, וזה הולם את ראייתו של מאנגר, את בלדיותו, את מלוא

וואָס וויל, אַז דו זאָלסט זיך אין איר איינהילן; דאָס איז אַ רעליגיעז געפיל, וואָס וויל דיך באַהערשן מיט זיין אויסשליסלעכקייט און איינציקייט, (אַחדי־קייט). אין דעם זין דאַרף מען פאַרשטיין דאָס, וואָס ס׳האָט געמיינט ר׳ נחמן בראַסלאַווער ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַ ייד דאַרף האָבן איין גאָט, איין ווייב און איין ניגון.

איציק מאַנגער איז אַזוי שטאַרק אינדיווידועל אין זיינע פּאָעטישע שאַפונגען, אַז זיי (די שאַפונגען) רייסן זיך אַרויס פון די אינדיווידועלע ראַמען, זיי קאָנען אין זיי נישט בלייבן נאָר מוזן אָננעמען די ראַמען פון פאָלקסשאַפונגען. דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, פּונקט ווי ס׳איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, אַז די אינדיווידועלע עלעמענטן און די פאָלקס־עלעמענטן אין מאַנגערס לידער, זענען זיך אונטערטעניק און אייג־צייטיק דאָמינירט יעדער באַזונדערער עלעמענט איבערן צווייטן. דאָס קאָנען אונטערטעניק זיין און איינצייטיק דאָמינירן פון איין קינסטלערישן עלעמענט איבערן צווייטן אין איין און דעם זעלבן ווערק, איז דער סימן מובהק פון קינסטלערישער פּערפעקציע. דאָס איז אויך דער אייגנטלעכער יסוד פון יעדער האַרמאָניע, אַזוי אין דער מוזיק, מאָלעריי, דיכטונג, אין סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן אאַז״וו.

פון דאַנען איז איין טריט צו נאָך אַ פעסטשטעלונג: נאַציאָנאַלע שאַ־פונגען זענען טאָטאַל אין פּאָזיטיוון זין פונעם וואָרט, און די פאָלקסשאַפונגען זענען, ביי זייער אוניווערסאַלישקייט, אינדיווידועל. ווייל דער נאַציאָנאַלער דיכטער זעט דעם יחיד דורך דער פּריזמע פון כלל (פאָלק) און דער פאָלקסדיכטער זעט דעם כלל (פאָלק) דורך דער פּריזמע פון יחיד.

ווען נאָך אַלע אויבן־געבראַכטע סימנים וואָלט איר פון מיר נאָך אַלץ געפאָדערט אַ קלאָרע דעפיניציע פאַר וואָס איך האַלט מאַנגערן פאַר אַ פאָלקסדיכטער — וואָלט איך איך געענטפערט: ווייל מאַנגערס קינסטלע־רישע רעאַקציעס זענען צילבאַוווסטזיניק איינגעשטעלט און געווענדט צו דער אורשפּרונגלעכקייט. כ׳וועל דאָס מפרש זיין אַזוי: ווען מאַנגער וויל אויסזינגען אַ געמיט־צושטאַנד, ווען ער וויל אַנטפּלעקן אַ געפיל, ווען ער וויל ווייזן אַ בילד — שטעלט ער קודם־כל זיך אַליין די פראַגע: ווי אַזוי וואָלט דער פאָלקסמענטש עס אויפגענומען? ווי אַזוי וואָלט עס דער פאָלקס־מענטש זיך פאַרטייטשט? ווי אַזוי וואָלט עס דער פאָלקסמענטש אַרויסגע־זאָגט, ווי אַזוי וואָלט ער דאָס אַנטפּלעקט און געוויזן? און טוען טוט ער דאָס מאַנגער דערפאַר, ווייל די פאָלקסשפּראַך איז אַ בילדערישע, ווייל די פאָלקס־פאַנטאַזיע איז אַ גלויביקע און דאָס שטימט מיט מאַנגערס וויזיאָ־

תפיסת־עולמו הכל-פיוטית. הכרת-המטרה האמנותית של מאנגר עושה את המשורר הזה, המעודן וכאחת העממי, חביב ומקובל הן על איש-העם והן על קורא-השירה המעודן.

כשהגיע איציק מאנגר בשעתו מרומניה לפולין, דחפה אותו לכך כמיהתו להיות שרוי, לחיות בתוך המון־עם גדול עוד יותר, צפוף עוד יותר משהיה ברומניה. הוא הרגיש והבין כי ככל שיצלצל יותר ברמה קצב העם, המוסיקה הפנימית שלו, — כן יוכל המשורר להעביר את הזמרה הזאת העברה דקה ומדוקדקת יותר ביצירותיו. ככל שתהיה שכבת-העם עבה יותר, כן תהיה גומלת-טובה יותר המשימה לקלף ולהוציא מתוכה את המעודן, הגרעיני, היוצרני. באמנות־העם יש תוקף לחוק, שהכמות נהפכת לאיכות (ואין החוק הזה חל על אמנות אינדיבידואליסטית טהורה).

איציק מאנגר בא לתוך השירה היהודית כשהוא נאפד כשרון בשל של יכולת לגלף כל רגש, כל גון־רגש של העם.

בתוך הקומפוזיציה של שירו טווה מאנגר את היהודי הנצחי, שמהלך ועובר דורי־דורות, ושבכל שעה החולפת חיש־מהר, נצחי הוא. היהודי של כל עת וכל מקום. היהודי שחי חוץ לזמן, למעלה מן הזמן. היהודי שהולך כפוף-גב על הגגות המשופעים של העיירה הקטנה — עד לשמים. מאנגר שר בשיריו על היהודים, ולפיכך נעשו השירים האלה, למרות כל האינדיבידואליות שלהם, שירי־עם. וזה נצחונו הגדול של מאנגר, ניצחון רעיוני ואמנותי.

העם העשיר את מאנגר בדמיון, בגיוון, בתמוניות, בנגינה, בצער ובשמחה, ומאנגר לא נשאר חייב כלום לעמו היהודי. הוא גמל לעמו ביד רחבה, כיאות למשורר עשיר כמוהו.

מה יעשה איציק מאנגר, משורר-העם האידי, הטרובאדור האחרון

ליטעט, זיין באַלאַדישקייט, זיין גאַנצער פאַנענפאַעטישער וועלט־אויפפאַסונג. די מאַנגערישע קינסטלערישע צילבאַוווסטזיניקייט מאַכט דעם דאָזיקן ראַ־פינירטן און איינצייטיק פאָלקספאָעט, באַליבט און פאָפולער סיי ביים פאָלקסמענטש, סיי ביים ראַפינירטן פאָעזיע־לייענער.

ווען איציק מאַנגער איז בשעתו געקומען פון רומעניע קיין פוילן, איז ער געטריבן געוואָרן פון דער בענקשאַפט צו זיין, צו לעבן אין נאָך אַ גרעסערער, אין נאָך אַ געדיכטערער פאָלקסמאַסע, ווי אין רומעניע.

ער האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז וואָס העכער עס קלינגט דער ריטם פון פאָלק, די אינערלעכע מוזיק זיינע — אַלץ דינער און פרעציעזער קאָן דער דאָזיקער געזאַנג איבערגעגעבן ווערן דורך דעם פאָעט אין זיינע שאַפונגען. וואָס דיקער עס איז דער פאָלקסשיכט, אַלץ דאַנקבאַרער די אויפגאַבע פון אויסשיילן פון איר דאָס דינע, דאָס קערנדיקע, דאָס שעפע־רישע. ביי פאָלקסשאַפונג, ביי דער פאָלקסקונסט איז גילטיק דאָס געזעץ, אַז דער כמות גייט איבער אין איכות (דאָס דאָזיקע געזעץ איז נישט חל אויף ריין־אינדיווידואַליסטישער קונסט).

איציק מאַנגער איז געקומען אין דער יידישער פאָעזיע אָנגעגורט מיטן רייפן טאַלאַנט פון קאָנען ציזעלירן יעדעס געפיל, יעדן ניואַנס פון פאָלקס־געפיל.

אין דער קאָמפּאָזיציע פון זיין ליד האָט מאַנגער איינגעוועבט דעם אייביקן ייד, וואָס גייט דורך דורות און וואָס אין יעדער שעה, וואָס פאַר־גייט אַזוי שנעל, איז ער אייביק. דעם ייד פון שטענדיק און פון אומעטום. דעם ייד וואָס האָט געלעבט אויסער דער צייט, למעלה מן הזמן. דעם ייד, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ געבויגענער פלייצע איבער די קרומע דעכלעך פון קליינעם שטעטל — ביז צום הימל. די יידן האָט מאַנגער באַזונגען אין זיינע לידער, דערפאַר זענען זיי, ביי זייער גאַנצער אינדיווידועלקייט געוואָרן פאָלקסלידער. דאָס איז מאַנגערס גרויסער אידעיִשער און קינסט־לערישער זיג.

דאָס פאָלק האָט מאַנגערן באַרייכערט מיט פאַנטאַזיע, קאָלאָריט, ביל־דערישקייט, נגינה, מיט לייד און מיט פרייד, און מאַנגער איז זיין יידיש פאָלק גאָרנישט שולדיק געבליבן. ער האָט דעם פאָלק צוריקגעצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ רייכן דיכטער.

וואָס וועט איציק מאַנגער, דער יידישער פאָלקסדיכטער, דער לעצטער טרובאַדור ביי אונדז יידן, טאָן — וועלן אַ סך פרעגן, אָן דעם פוילישן

אצלנו היהודים — כך שואלים רבים — בלא יהדות פולין שנכרתה? בלא וארשה היהודית, שלא תהיה עוד?

כאמור, כאשר עם עובר מן העולם, מושמד, הוא מוריש את ירושתו הרוחנית למשורר. מלבד זאת, אישיותו הפיוטית החזקה של מאנגר תסייע לו שיוכל לקומם בדמיונו את הכבר הפיוטי היהודי. השיר של מאנגר על „משכבר-הימים", זה שיצר וזה שלפי תקוותנו עוד ייצור, יצלצל דורי-דורות בכל פינה שבה פועם ושבה יפעם לב יהודי, שבה שומעים ושבה ישמעו דיבור יהודי.

אגב, איציק מאנגר קבע בעצמו את דרכו לעתיד כמשורר בשירו „אָנזאָג" („צו"), שנכתב בשנת 1942.

„לאן שיר־העם שלי?"
דרך מצוקה ומיתה ואבל
להתמד הקיום הנצחי היהודי,

ואת מי נקח עמנו?
זוכים ומפסידים שלנו,
חולמים ומעונים שלנו,
נביא ונפח שלנו.
ואפס־הוויה תהיה בדמעות להוויה

„די צוקונפט"

יידנטום, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן? אָן זיין יידישן וואַרשע, וואָס וועט שוין מער נישט זיין?

ווי שוין געזאָגט, איז ווען אַ פאָלק גייט אַוועק, קומט אום, לאָזט עס איבער זיין גייסטיקע ירושה דעם דיכטער. אַחוץ דעם וועט מאַנגערס שטאַרקע דיכטערישע פערזענלעכקייט אים אַרויסהעלפן, ער זאָל קאָנען אין זיין פאַנטאַזיע רעסטאַווירן דעם יידישן פּאָעטישן אַמאָל. מאַנגערס „אַמאָ־ליק" ליד, דאָס וואָס ער האָט געשאַפן און דאָס וואָס ער וועט, לאָמיר האָפן, נאָך שאַפן, וועט קלינגען דורך דורות און אין אַלע ווינקלען ווו ס׳קלאַפּט און ווו ס׳וועט קלאַפּן אַ יידיש האַרץ, ווו מען הערט און ווו מען וועט הערן אַ יידיש וואָרט.

אַגב, איציק מאַנגער האָט אַליין באַשטימט זיין ווייטערן וועג ווי אַ דיכטער אינעם ליד „אַנזאָג", געשריבן אין יאָר 1942.

„וווּהין מײַן פֿאָלקסליד?"
דורך נויט און טויט און טרויער
צום אייביק יידישן דויער!

איז וועמען נעמט מען מיט?"
„אונדזערע געווינער און פֿאַרלירער
אונדזערע טרוימער און מאַרטירער
אונדזער נביא און אונדזער שמיד".
און דורך טרערן נישט־ווערן צום ווערן
דורך געטאָוועגט צו די שטערן..."

„די צוקונפט"

איציק מאנגר — הפרוזאיקן

להופעת ספר-הפרוזה שלו: „דמויות קרובות וכתבים אחרים"

איכותה של שירה תלויה בכך, עד כמה יכולה היא לקלוט בתוכה יסודות של פרוזה — ובכל־זאת להישאר שירה טהורה.

גודלו ורוחבו של דמיון תלוי בכך, עד כמה קלט בתוכו יסודות של מציאות, עד כמה יש בו מניעים ריאליסטיים ועובדות של ממש. ואגב, האמור כאן קרוב גם לתפיסת-המדע לגבי הדמיון.

ערכה של פרוזה נאמד לפי שיעור יסודות־השירה שבה: מה כמות השירה שיצירה פרוזאית מכילה בתוכה — ובכל-זאת ראוי שעצמיותה האמנותית תישאר פרוזאית, על מלוא רחבותה של פרוזה אמתית, מלאה וממשית.

האמור למעלה ביחס לשירה אינו חוק, שהרי בכלל אין חוקים חלים על שירה. אין לזה שום תוקף, למשל, לגבי „הרוח-המלך" מאת סלובאצקי או לגבי שירי-המסתורין של בלייק. אבל אשר לדמיון ולפרוזה, הרי האמור למעלה הוא חוק ולא יעבור.

אבל אפילו לגבי השירה, הרי האמור למעלה, אם גם אינו חוק, לפחות הוא כמעט חוק. יש לזה תוקף רב לגבי שירתו של איציק מאנגר.

עם כל השמימיות הכחולה שלה, עם כל הדמיוניות הבלדיסטית שלה, יש בשירתו יסודות פרוזאיים רבים לאין שיעור. אלא שבכשרונו הפיוטי הגדול ובאישיותו החדורה כל-כולה פיוטיות צפון כוחו המהפך את יסודות־הפרוזה לזהב-פרוויים של שירה.

איציק מאַנגער — דער פּראָזאַיקער

צום דערשײַנען פֿון זײַן פּראָזעבוך:
„נאָענטע געשטאַלטן און אַנדערע שריפֿטן"

די קוואַליטעט פון פּאָעזיע איז אָפּהענגיק דערפון, וויפל קאָן זי אין זיך אַבסאָרבירן פּראָזאַישע עלעמענטן — און דאָך בלייבן ריינע פּאָעזיע.

די גרייס און ברייט פון פאַנטאַזיע איז אָפּהענגיק דערפון, וויפל האָט זי אין זיך אַבסאָרבירטווירקלעכקייט־עלעמענטן, וויפל זענען אין איר פאַר׳אַן רעאַליסטישע מאָטיוון און פאַקטן. דאָס געזאָגטע איז אַגב אויך נאָענט צו דער וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע פון פאַנטאַזיע.

די ווערט פון פּראָזע ווערט געשאַצט מיט דער מאָס פון אירע פּאָעטי־שע עלעמענטן: וויפל פּאָעזיע פאַרמאָגט אין זיך אַ פּראָזאַיש ווערק — און דאָך זאָל איר קינסטלערישע סובסטאַנץ בלייבן אַ פּראָזאַישע, מיט דער גאַנצער רחבותדיקייט פון אמתער, פולער און יוסטער פּראָזע.

דאָס אויבן געזאָגטע אין שייכות צו פּאָעזיע איז נישט קיין געזעץ, ווי ס׳גילטן בכלל נישט קיין געזעצן אין פּאָעזיע. דאָס קאָן זיך נישט באַ־ציִען, למשל, צו סלאָוואַצקיס דער גײַסט — דער מלך, אָדער צו בלעיקס מיסטישע לידער. אָבער וואָס שייך פאַנטאַזיע און פּראָזע, איז דאָס אויבן געזאָגטע אַ חוק בל יעבור.

אָבער אַפילו אין שייכות צו פּאָעזיע איז דאָס אויבן געזאָגטע אויב נישט אַ געזעץ, איז עס, לכל־הפחות, כמעט ווי אַ געזעץ. עס האָט זייער אַ גוטן שייכות צו איציק מאַנגערס פּאָעזיע גופא.

ביי איר גאַנצער בלויער הימלישקייט, ביי איר באַלאַדיסטישער פאַנ־טאַסטישקייט פאַרמאָגט זיין פּאָעזיע אָן אַ שיעור פּראָזאַישע עלעמענטן. נאָר אין זיין גרויסן פּאָעטישן טאַלאַנט און אין זיין דורך און דורך פּאָע־טישער פּערזענלעכקייט ליגט זיין כוח, וואָס טוט פאַרוואַנדלען די פּראָזאַישע עלעמענטן אין פּאָעטיש גינגאָלד.

למרות משב־רוחה הרומאנטי, שירתו של מאנגר בריאה היא, מפני שיש בה הגרעין העממי הבריא. חלק ניכר משיריו יש בתוכם הגרעין החזק של שיר-עם. כוח-הקליטה שלו רב הוא, וזה פתח לפניו אפשרויות פיוטיות רחבות ועמוקות.

והוא הדין לפרוזה שלו. כל דמות שהוא מתאר היא דמות עממית. מעשי הנפשות הפועלות הם מעשי העם. כמה מסיפוריו של מאנגר יש להם מוסר-השכל, מוסר־השכל לאדם הפשוט, לגבר הפשוט ולאשה הפשוטה. והואיל והם יאים לאדם הפשוט, על אחת כמה וכמה שהם יאים לאדם הלא-פשוט. באמנות סולם-הדרגות הוא תכופות הפוך מכפי שהוא בחיי-החברה הרגילים.

גיבורי ספרו של מאנגר „דמויות קרובות" עמלים כולם למען העם. בין ד"ר שלמה אטינגר בין הרשלה מאוסטרופולי, כל אחד עושה זאת לפי דרכו. גם „ספר גן־עדן", שבו מאנגר הופך מלאכים וצדיקים לפשוטי בשר-ודם, הוא מחאה של סופר-עם מרדן על מלכות-השמים זחוחת־הדעת.

כשם ששירתו יש בה הרבה יסודות פרוזאיים, ועם זאת, או דווקא בגלל זאת, היא עומדת בעינה כשירה טהורה, כך יש בפרוזה שלו יסודות פיוטיים רבים לאין שיעור, ועם זאת, או דווקא בגלל זאת, היא עומדת בעינה כפרוזה טהורה, על היקפה, על מריחת־הצבע הרחבה, על האפשרות לשחות ולהפליג, לשחות ולהפליג אל העבר הרחוק ולהביא משם דמויות קרובות, לעוף ולרדת מן השמים, וגם להיפך, לעוף ולעלות אל השמים מן הארץ.

בכלל אין פרוזה טובה בלא יסודות פיוטיים. אפילו הפרוזה הנאטוראליסטית של אמיל זולא מלאה חזון פיוטי. שאם לא כן לא תצויר כלל התופעה של היוצר אמיל זולא. גם השפעתו העצומה על דורו לא היתה אפשרית. פרוזה קונסטרוקטיבית או ניסויית יכולה להיות מעניינת, אבל אין היא יכולה להשפיע. פרוזה כזאת היא גוף בלא נשמה, או בניסוח מכוון יותר, שלד בלא דם ובלא בשר.

הפרוזה של איציק מאנגר היא גם גוף גם נשמה, גם מציאות גם דמיון. היא פגישה מוצלחת, שבה היסודות הפיוטיים משמשים את

ביי דער גאַנצער ראָמאַנטישער פּאַרוויַיטקייט, איז מאַנגערס פּאָעזיע אַ געזונטע, ווייל זי האָט אין זיך דעם געזונטן פּאָלקסקערן. טייל פון זיינע לידער פאַרמאָגן דעם שטאַרקן קערן פון אַ פּאָלקסליד. זיין אַבסאָרבציע־כּוח איז גרויס, און דאָס האָט אים געגעבן ברייטע און טיפע פּאָעטישע מעגלעכקייטן.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן זיין פּראָזע, יעדע געשטאַלט, געשילדערט דורך אים — איז אַ פּאָלקסגעשטאַלט, זייערע מעשׂים זענען פּאָלקס־מעשׂים. טייל מאַנגערס מעשׂיות האָבן אַ מוסר־השׂכּל. אַ מוסר־השׂכּל פאַרן פּשוטן מענטש, פאַר דעם פּשוטן מאַנסביל און פאַר דער פּשוטער פרוי. און אויב זיי זענען פאַרן פּשוטן מענטש, זענען זיי על אחת כּמה וכמה פאַרן נישט־פּשוטן מענטש. אין קונסט איז אָפט מאָל די היעראַרכיע אַ פאַרקערטע, ווי אין געוויינטלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די העלדן פון מאַנגערס נאָענטע געשטאַלטן מיִען זיך אַלע פאַרן פאָלק, צי איז דאָס ד״ר שלמה עטינגער, צי הערשעלע אָסטראָפּאָלער, יעדער טוט עס אויף זיין שטייגער. אויך מאַנגערס דאָס בוך פון גן־עדן, ווו ער מאַכט פון מלאכים און צדיקים פּשוטע בשׂר־ודמס, איז אַ פּראָטעסט פון אַ פּאָלקס־שרייבער, אַ רעבעל, קעגן דער פאַרריסענער הימלקראַטיע.

אַזוי ווי זיין פּאָעזיע פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פּראָזאַיִשע עלעמענטן און בלייבט דערביי, צי טאָקע דערפאַר, ריינע פּאָעזיע, אַזוי פאַרמאָגט זיין פּראָזע אָן אַ שיעור פּאָעטישע עלעמענטן און בלייבט דערצו, צי טאָקע דערפאַר, ריינע פּראָזע, מיט איר פאַרנעם, מיטן ברייטן שמיר, מיט דער מעגלעכקייט אַ שווים צו טאָן, אַ שווים צו טאָן אין ווייטן עבר און אַרויס־צובריינגען פון דאָרט נאָענטע געשטאַלטן. אַ פלי צו טאָן פון הימל אויף דער ערד און, פאַרקערט, פון דער ערד צום הימל.

בכלל איז נישט פאַראַן קיין גוטע פּראָזע אָן פּאָעטישע עלעמענטן. אַפילו די נאַטוראַליסטישע פּראָזע פון עמיל זאָלאַ איז פול מיט פּאָעטישער וויזיע. אַנדערש וואָלט דער שפּעטערישער פענאָמען עמיל זאָלאַ גאָרנישט געקאָנט געמאָלט זיין. עס וואָלט אויך נישט מעגלעך געווען זיין גוואַלדיקע השפּעה אויף זיין דור. קאָנסטרוקטיווע, צי עקספּערימענטאַלע פּראָזע קאָן פאַראינטערעסירן, אָבער זי קאָן נישט משפּיע זיין. אַזאַ פּראָזע איז אַ גוף אָן אַ נשמה, אָדער ריכטיקער, אַ סקעלעט אָן בלוט און פלייש.

איציק מאַנגערס פּראָזע איז סיי גוף און סיי נשמה, סיי רעאַליטעט און סיי פאַנטאַזיע. זי איז אַ גליקלעכער צונויפקום, ווו די פּאָעטישע עלעמענטן דינען דער פּראָזע נישט פאַרלירנדיק גאָרנישט פון זייער פּאָעטישן כּבוד.

הפרוזה בלא שיאבדו כלום מכבודם הפיוטי, והיסודות הפרוזאיים הם כה חזקים בה, עד שהם קולטים את הפיוטיים ולא נודע כי באו אל קרבם. הרי זו פרוזה מעולה.

א.

כל זה נאמר בקשר לספר-הפרוזה „דמויות קרובות וכתבים אחרים" מאת איציק מאנגר, שהוציא לאור ועד מיוחד לכבוד יום-ההולדת השישים של מאנגר.

הספר נחלק לארבעה חלקים: א. דמויות קרובות; ב. התיאור הנפלא של חיי שמואל אבא אברוו׳ (ספר גן־עדן); ג. סיפורי־מעשיות; ד. מסות.

נשמור על הסדר הזה.

הדמויות הקרובות, שמאנגר מביא בספרו, כבר אינן קרובות כלל מבחינה היסטורית. אם היה מנדלי מוכר ספרים סבא של הספרות היהודית, הרי הדמויות המובאות בספר הן אבות-סבים שלה. אמנם, מארק מארקוביץ׳ ווארשאווסקי מדקלם ושר את שיריו בבית הנכד, בבית שלום-עליכם, אבל ווארשאווסקי הוא יוצא מן הכלל בתוך סדרה זו.

ובכל זאת דמויות קרובות הן. בין ד"ר שלמה אטינגר, בין אברהם בר גוטלובר, בין אייזיק מאיר דיק, בין אליקום צונזר, בין ברל ברודר, בין ולוול זבארז׳ר, ואף אחרים. הם נעשים קרובים לנו בזכות מאנגר, שיש לו הכישרון לקרב. הוא נופח בהם רוח-חיים פיוטית, מחמם אותם בחומו. הזמן והמקום אינם שייכים לכל זה. חיות רק הנפשות, רגשותיהן ומחשבותיהן. חי גם כל מה שהיה סביבם. בקווים דקים רושם ומעלה מאנגר את כל האווירה האופפת את דמויותיו. בזה, כמו בכל השאר, איציק מאנגר הוא רב־אמן.

הוא סבור בצדק, כי האמנות נבראה להביא שמחה בלב האדם. אפילו כשהאמנות מעלה את העצב, את האלגיה, גם אז עליה לשמח את האדם, או אך להנותו.



סילוויאַ אַרי. פּאָרטרעט פון איציק מאַנגער.
סילביה ארי. תמונת איציק מאַנגר.

און די פּראָזאַישע עלעמענטן זענען אין איר אַזוי שטאַרק, אַז זיי אַבסאָרבירן די פּאָעטישע און ס׳איז ולא נודע כי באו אל קרבנה, זי בלייבט הויכוועריקע פּראָזע.

א.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין שייכות מיט מאַנגערס בוך פּראָזע וואָס הייסט נאָענטע געשטאַלטן און אַנדערע שריפטן און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט לכּבוד דעם יום־טוב פון מאַנגערס אַלט ווערן זעכציק יאָר.

דאָס בוך טיילט זיך אין פיר טיילן: א. נאָענטע געשטאַלטן; ב. די וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל אבא אַבערוואָ (דאָס בוך פון גן־עדן); ג. מעשׂיות; ד. עסייען.

לאָמיר זיך האַלטן ביי דעם דאָזיקן סדר.

די נאָענטע געשטאַלטן, וועלכע מאַנגער ברענגט אין זיין בוך, זענען היסטאָריש שוין גאָרנישט קיין נאָענטע. אויב מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, זענען די געבראַכטע אין בוך געשטאַלטן אירע עלטער־זיידעס. אמת, מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי דעקלאַמירט און זינגט זיינע לידער ביים אייניקל, ביי שלום־עליכמען אין הויז. אָבער וואַרשאַווסקי איז אַ יוצא מן הכּלל אין דער דאָזיקער סעריע.

און דאָך זענען זיי נאָענטע געשטאַלטן. צי דאָס איז ד״ר שלמה עטינגער, צי אַברהם בער גאָטלאָבער, צי אייזיק מאיר דיק, אָדער אליקום צונזער, בערל בראָדער צי וועלוול זבאַרזשער און אַנדערע. זיי ווערן אונדז נאָענט אַ דאַנק מאַנגערס פעיִקייט צו דערנענטערן. ער הויכט אין זיי אַריין זיין דיכטערישן אָטעם, וואַרעמט זיי אָן מיט זיין אייגענער וואַרעמקייט. צייט און שטח זענען דאָ נישט קיין מחותּנים אין דעם אַלעם. ס׳לעבן נאָר די געשטאַלטן, זייערע געפילן און מחשבות. ס׳לעבט אויך אַלץ וואָס איז געווען אַרום זיי. מיט דינע שטריכן צייכנט מאַנגער און ברענגט אַרויס די גאַנצע אַטמאָספער אַרום זיינע געשטאַלטן. אין דעם, ווי אין אַלעם אַנדערן, איז איציק מאַנגער אַ מייסטער.

ער האַלט, און מיט רעכט, אַז קונסט איז באַשאַפן געוואָרן צו ברענגען פרייד דעם מענטש. ווען אַפילו די קונסט הייבט אַרויס דעם אומעט, די עלעגיע, מוז זי אויך געבן דעם מענטש פרייד, צי אַפילו בלויז הנאה.

את הרעיון הזה הוא שם בפי ד"ר שלמה אטינגר. כשהרופא חוזר מביקור אצל החולה שלו, אברהם בר גוטלובר, לאחר שבמקום לבדוק אותו ולרשום לו תרופות, קרא לפניו את „שרקלה" שלו, כותב על כך מאנגר בזו הלשון:

„לביתו הלך הרופא שבע־רצון, מאושר. הדברים הטובים שאמר לו גוטלובר על כתביו, שובבו את נפשו.

צריך לאזור את כל הכוחות, גמר בדעתו, כדי שיופיעו כל כתביי בדפוס. בחיי, כבר הגיע הזמן, שהעם אשר בשבילו כתבתי, ייהנה מכל הדברים האלה, יקרא, ילמד, ובעיקר ייהנה".

אמנם, חלומו זה נתקיים רק כעבור מאה שנה בקירוב מיום מותו, אבל זו פרשה לעצמה. זו היא תמונה אחת בטראגדיה של הספרות היהודית הארוכה. אבל הנחת-היסוד על יעודה של האמנות היא תמיד אצל מאנגר אותה הנחה.

כל הדמויות הקרובות האלה היו משכילים. כל אחד מהם התמסר לעבודת-ההשכלה באמצעיו שלו. זה בשירים, זה במחזות, זה בסיפורים. וכולם כתבו יידיש, מפני שהם רצו להגיע ב„ז'ארגון" שלהם, היינו ביידיש שלהם, קרוב יותר אל העם, על־מנת להוציאו לאורה מתוך החשיכה. אך לבסוף כולם היו מאוכזבים. באחד משיריו האחרונים קרא גוטלובר לחזור אל בית־הכנסת. מיכל גורדון שנתפרנס בזקנותו מכספי־התמיכה ששלח לו בנו העשיר, המומר, הסכים לדברי החלבן היהודי שהביא לו חלב ושאמר לו: „טעית, ר' מיכל"...

לא עזרה בימים ההם ולא עזרה לאחר זמן ההשאה שהשיאו המשכילים את עצמם ואת האחרים, כי בהיות היהודים ככל האדם ייפטרו מכל הפורענויות שנתרגשו עליהם עד עתה. דבר זה לא מנע את רדיפות־היהודים האכזריות, ואין זה מונע את הרדיפות שהיהודי רודף את עצמו, בהורידו לטמיון את לשונו היהודית ואת מורשתו היהודית.

אַט דאָס, דעם דאָזיקן געדאַנק, לייגט ער אַריין אין מויל פון ד״ר שלמה עטינגער. ווען דער דאָקטאָר קערט זיך צוריק פון זיין פּאַציענט, אַברהם בער גאָטלאָבער, נאָך דעם ווי אַנשטאָט אים אונטערזוכן און פאַרשרייבן אַ רעצעפּט, האָט ער אים גאָר פאַרגעלייענט זיין סערקעלע, שרייבט וועגן דעם מאַנגער אַזוי:

„אַהיימגעגאַנגען איז דער דאָקטאָר אַ צופרידענער, אַ גליקלע־כער. די גוטע ווערטער, וואָס גאָטלאָבער האָט אים געזאָגט וועגן זיינע שריפטן, האָבן אים אויפגעלעבט.

מען דאַרף אָנווענדן אַלע כוחות, האָט ער באַשלאָסן, אַז אַלע מיינע ווערק זאָלן דערשיינען אין דרוק. שוין צייט, כ׳לעבן, אַז דאָס פאָלק, פאַר וועלכן איך האָב געשריבן, זאָל הנאה האָבן פון די אַלע זאַכן, לייענען, לערנען און דער עיקר הנאה האָבן״.

דאָס, וואָס זיין חלום איז מקוים געוואָרן ערשט אין אַן ערך הונדערט יאָר נאָך זיין טויט, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער קאַפּיטל. דאָס איז איין סצענע פון דער לאַנגער יידישער ליטעראַטור־טראַגעדיע. אָבער די הויפּט־הנחה וועגן דער באַשטימונג פון דער קונסט איז, לויט מאַנגערן, שטענדיק די זעלביקע.

אַלע די נאָענטע געשטאַלטן זענען געווען משכּילים. יעדער האָט געטאָן השׂכּלה־אַרבעט מיט זיינע מיטלען. ווער מיט לידער, ווער מיט טעאַטער און ווער מיט מעשׂיות. און אַלע האָבן זיי געשריבן יידיש. ווייל זיי האָבן געוואָלט מיט זייער „זשאַרגאָן״, צי מיט זייער יידיש, צוקומען נענטער צום פאָלק, בכדי אים אַרויספירן אויף דעם ליכט פון דער פינצטערניש. אָבער אַלע זענען זיי לסוף אַנטוישטע. אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער האָט גאָטלאָבער גערופן צוריק אין שול אַריין. מיכל גאָרדאָן, וואָס לעבט אויף דער עלטער פון דער שטיצע וואָס ס׳שיקט אים זיין רייכער זון, אַ משומד, איז מסכּים מיט דעם ייִד, וואָס ברענגט אים אַריין מילך און זאָגט צו אים: „איר האָט געגרייזט, ר׳ מיכל״...

ס׳האָט נישט געהאָלפן דעמאָלט און ס׳האָט נישט געהאָלפן שפּעטער דאָס, וואָס די משכּילים האָבן איינגערעדט זיך און אַנדערע, אַז מיטן ווערן מיט לייטן גלייך, וועלן זיי פּטור ווערן פון אַלע ביז איצטיקע פורעניותן. דאָס האָט נישט פאַרמיטן די אַכזריותדיקסטע יידן־רדיפות און פאַרמיידט נישט די רדיפות, מיט וועלכע דער ייד יאָגט זיך אַליין, מאַכט אַ תּל פון זיין יידיש לשון און פון זיין יידישער ירושה.

זה סך־הכול העגום של ההשכלה. ובסך־הכול הזה לא ההשכלה בלבד היא האשמה. מאנגר מלווה את סך־הכול הזה באלגיות כה רבה, בעצב כה רב וביופי כה רב, שרק הוא מסוגל להפיק מן העצב.

ועדיין סך־הכול אינו הכול. מעלתו הגדולה של סך-הכול, שהוא בא לבסוף. ובינתיים שמחה, בינתיים הציבור נהנה, נהנים משיריו של ולוול זבארז׳ר, הבריות מתמוגגים מהם. יושבים בבתי־המרזח, יושבים בגינות, לוגמים יין ומתפקעים מצחוק לשמע שירו של זבארז׳ר על אלוהים שפשט את הרגל ושיריו האחרים.

הבריות נהנים למראה זמרי-ברוד, הנוסעים מעיר לעיר עד סוף העולם. כשנקלע פעם ברל ברודר לבדו לתוך אכסניה, אין הוא מסרב יותר מדי, והיהודים שבאכסניה, עייפים ויגעים מטורח הדרך, ממקח וממכר, אינם חסים על הפרוטה ובלבד שישמעו שיר־זמר מפי ברל ברודר.

הציבור, פשוטי־העם חוטפים כמי-מצה את המעשיות של אייזיק מאיר דיק ושל יעקב מורגנשטרן. סיפורי אייזיק מאיר דיק לקוחים מן החיים ושל יעקב מורגנשטרן הם בעיקר פרי דמיונו. אבל סיפורי שניהם יפים כאחת לבכייה ולצחוק. וזה אהוב על העם ביותר. ואהבה זו של העם היא שהולידה את המגשים הגדול של צחוק מתוך דמעות: את שלום־עליכם.

לשם מה אפוא לדבר על סך־הכול? הרי עד לסך־הכול היתה הדרך מלווה צחוק ובדיחות־הדעת, עליצות והנאה. אפשר שהחסידים והאדוקים חרקו בשיניהם, אבל העם צחקו.

ועל מיכל גורדון הרציני כותב מאנגר כך:

„ארוכות עמד מיכל גורדון שקוע בהרהורים, בעיניו הכחולות ניצנצו שני אגלי־עצב. בכל־זאת — הירהר — עשתה ההשכלה גדולות ונצורות. הרי זה בלבד שזיעזעה ופיזרה את המקפא הקרוש משכבר־הימים, מזה מאות שנים, שבו נקרשו חיי־

דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכּל פון דער השׂכּלה. אין דעם סך־הכּל איז נישט בלויז די השׂכּלה אַליין שולדיק. מאַנגער באַגלייט אָט דעם סך־הכּל מיט אַזוי פיל עלעגיע, מיט אַזוי פיל טרויער און מיט אַזוי פיל שיינ־קייט, וואָס נאָר ער איז בכּוח פון טרויער אַרויסצובאַקומען.

אָבער סך־הכּל איז נאָך נישט אַלץ. דער סך־הכּל האָט די גרויסע מעלה וואָס ער קומט אין סאַמע סוף. דערווייל איז פריילעך. דערווייל האָט דער עולם הנאה. מען האָט הנאה פון וועלוול זבאַרזשערס לידער, דער עולם קוויקט זיך מיט זיי. מען זיצט אין די שענק, מען זיצט אין די גערטנדלעך, מען זופט ווין און מען קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער פון זבאַרזשערס ליד, ווי אַזוי גאָט גייט באַנקראָט, און פון אַנדערע זיינע לידער.

ס׳מאַכן פריילעך דעם עולם די בראָדער זינגערס, וואָס פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און ביז די וועלט האָט אַן עק. ווען בערל בראָדער פאַלט אַ מאָל איינער אַליין אַריין אין אַן אַכסניה, לאָזט ער זיך אויך לאַנג נישט בעטן. און די יידן אין דער אַכסניה, פאַרמאַטערטע פון די שווערע אונטערוועגנס, פון האַנדל און וואַנדל, זשאַלעווען נישט זייער גראָשן אַבי צו הערן בערל בראָדערס אַ ליד.

דער עולם, דער פּשוטער עולם צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, די מעשׂיות פון אייזיק מאיר דיק, פון יעקב מאָרגענשטערן. אַמ״דס מעשׂיות זענען גע־נומען פון לעבן און יעקב מאָרגענשטערנס זענען דער עיקר פון דער פאַנ־טאַזיע. אָבערביידנס מעשׂיות זענען צום וויינען און צום לאַכן. דאָס האָט דער עולם צום מיינסטן ליב. און די דאָזיקע ליבשאַפט פון פאָלק האָט דאָס געבוירן דעם גרויסן פאַרווירקלעכער פונעם געלעכטער דורך טרערן: שלום־עליכמען.

איז צו וואָס רעדן וועגן סך־הכּל? ווען ביז צו אים איז דער וועג געווען באַגלייט מיט געלעכטער, מיט שפּאַס און מיט פרייד און מיט הנאה. מעגן די חסידים און די פרומע האָבן געקריצט מיט די ציינער, אָבער דאָס פאָלק האָט געלאַכט.

און וועגן דעם ערנסטן מיכל גאָרדאָן שרייבט מאַנגער אַזוי:

„לאַנג איז מיכל גאָרדאָן געשטאַנען פאַרטראַכט. אין זיינע בלאָע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט צוויי טראָפּן טרויער.

פון דעסטוועגן — האָט ער זיך געטראַכט — האָט די השׂכּלה אויפגעטאָן גרויסע זאַכן. שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט אויפגעע־רודערט און צערודערט דעם יאָרהונדערטער אַלטן גליווער, אין וועלכן דאָס יידישע לעבן האָט געגליווערט, איז אַ גרויסער אויפטו.

היהודים, כבר מפעל גדול הוא. אי־בזה הבקיעה ההשכלה את הגיטו הרוחני. אור ההשכלה ,בת־השמים׳ עורר שכבות גדולות של העם מתרדמת־דורות. הגרעינים שזרעו המשכילים, צמחו ועשו פירות. אמנם, לא כל הפירות היו לפי רוחם של המשכילים, אך בכל־זאת הבשיל האילן הרבה פירות בשלים ועריבים לחך״.

יורשה לי להוסיף: אפילו היתה ההשכלה, בלהכעיס שלה, מסייעת רק להגביר עוד יותר את אש החסידות, אפילו היתה גורמת רק לאשש את חומות האדיקות, או־אז היו גם־כן זכויותיה נכבדות למדי...

כדרכו של אלגיקן, מאנגר מראה לנו את כל דמויותיו הקרובות בשעת שקיעתן. את אברהם בר גוטלובר הוא מציג לפנינו כזקן סומא למחצה; את מיכל גורדון כאיש גלמוד ובא בימים; את אברהם גולדפאדן אנו רואים על ערש־מותו; את יוסף בובשובר — בבית משוגעים. מאנגר מספר לנו על לווייתו של הרשלה אוסטרופולר. רק את ולוול זבארז׳ר הוא מתאר כבחור, מפני שמידיו, מידי ולוולה, היה איציק מאנגר הצעיר צריך להוציא את הכינור, כדי לזמר את שיריו למלכה׳לה היפה. לפיכך רצה לראות את ולוול זבארז׳ר צעיר תמיד.

מאנגר מציג לפנינו את „הדמויות הקרובות״, כשהן מעלות לפני עיניהן את חייהן שחלפו. ולמרות כל העצבות שבדבר זה של הצגת החיים על סף הקץ, יש בזה יופי רב לאין שיעור וחן מאנגרי במידה גדושה.

על לווייתו של הרשלה אוסטרופולר כותב מאנגר כך:

„יהודים — גברים, נשים וטף — כל דלת־העם של מז׳יבוז׳ והעיירות הסמוכות צעדו בלוויה. בדרך סיפרו זה לזה כל מיני דברים וחידודים של הרשלה אוסטרופולר, והבריות צחקו.
היתה זו לוויה עליזה, העליזה בכל הלוויות, מאז היתה מז׳יבוז׳ לעיר.

ערגעץ־ווּ האָט די השׂכּלה דאָך אויפגעריסן דאָס גייסטיקע געטאָ. דאָס ליכט פון דער השׂכּלה, דער ,הימלישער טאָכטער', האָט אויפ־געוועקט גרויסע שיכטן פונעם פאָלק פון אַ דורות־אַלטן לעטאַרג. די קערנדלעך, וואָס די משׂכּילים האָבן פאַרזייט, האָבן געגעבן פּרוכטן. אמת, נישט אַלע פּירות זענען געווען אַזוי, ווי די משׂכּילים האָבן געוואָלט, אָבער אַ סך זיסע און צייטיקע פּרוכטן האָט דער בוים פאָרט געצײַטיקט".

זאָל מיר דערלויבט זיין צוצוגעבן: ווען אַפילו די השׂכּלה וואָלט נאָר געהאָט מיט איר צו־להכעיס צוגעהאָלפן נאָך מער צו פאַרשטאַרקן דאָס פייער פון חסידות, ווען זי וואָלט אַפילו בלויז געווירקט פעסטער צו מאַכן די מויערן פון פרומקייט, וואָלטן אירע פאַרדינסטן אויך געווען גענוג באַ־דייטנדיקע...

ווי אַן עלעגיקער, ווייזט אונדז מאַנגער כּמעט אַלע זיינע נאָענטע גע־שטאַלטן ביי זייער פאַרגיין. אַברהם בער גאָטלאָבערן ווייזט ער אונדז ווי אַ האַלב־בלינדן זקן; מיכל גאָרדאָנען, אַן אַלטן, איינזאַמען מענטש; אַברהם גאָלדפאַדענען זעען מיר אויפן טויטן־בעט. יוסף באָוושאָווערן — אין דול־הויז. מאַנגער דערציילט אונדז וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָלערס לוויה. נאָר וועלוול זבאַרזשער שילדערט ער אונדז אַ יונגן, ווייל ביי אים, ביי וועלווע־לען, האָט דער יונגער איציק מאַנגער באַדאַרפט אַרויסנעמען די לירע פון די הענט, בכדי פונאַנדערצווזינגען זיינע לידער צו מלכהלע דער שיינער. דערפאַר האָט ער וועלוול זבאַרזשער געוואָלט זען שטענדיק יונג.

מאַנגער ווייזט אונדז די „נאָענטע געשטאַלטן", ווי זיי ברענגען אַרויס פאַר זייערע אויגן דאָס פאַרגאַנגענע לעבן זייערס. און ווי טרויעריק דאָס גופא זאָל נישט זיין, דאָס ווייזן דאָס לעבן ביים ראַנד, איז אין דעם פאַראַן אַן אַ שיעור שיינקייט און ס'איז פול מיט מאַנגערישן חן.

וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָלערס לוויה שרײַבט מאַנגער אַזוי:

„יידן, ווייבער און קינדער, די גאַנצע אָרעמקייט פון מעזשי־באָזש און די אַרומיקע שטעטלעך איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. אויפן וועג האָט איינער דעם צווייטן דערציילט ווערטלעך און שפּיצ־לעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער און דער עולם האָט געלאַכט.

אַ פריילעכע לוויה איז דאָס געווען. די פריילעכסטע לוויה, זינט מעזשיבאָזש איז אַ שטאָט.

רק בשעה שאמר בנו בכורו של הרשלה את הקדיש על הקבר החדש, הרגישו כולם, כי העשב הצומח על הקברים הוא עצוב".

מה רב היופי העצוב במשפט היחיד האחרון בלבד. זה סוד הקסם של מאנגר, בין בשירתו בין בפרוזה שלו. אין זה רק פרי כשרונו הגדול. זאת היא מין נשמתיות, המסוגלת לדבר כה יפה אל כל נשמה.

נוגעת אל הלב ביותר ביופיה העצוב היא דמותו של אברהם גולדפאדן. מאנגר מציג אותו לפנינו ברגעיו האחרונים, אבי התיאטרון היהודי על ערש-מותו. הוא חוזה מחזות-תעתועים. הוא רואה את דרכו כמשכיל עד שהביא לעמו את התיאטרון היהודי שלו. הוא רואה את עצמו, הנה הוא בימאי קפדן, והנה הוא מחבר המחזות: **עקידת־יצחק, בר-כוכבא, המכשפה**, ועוד. והוא רואה: הנה ניגש אל מיטתו גבר. הוא לבוש פראק ואת כובע-הצילינדר שלו הוא מחזיק בידו. הוא קד קידה לפני החולה ומגיש לו את כרטיס־הביקור שלו, שעליו „בורקות אותיות־אש אדומות" בגרמנית, כיאה למשכיל: „טודס-אנגל" (מלאך המוות).

לאחר ולוול זבארז'ר הרי אברהם גולדפאדן הוא הדמות הקרובה ביותר, המקורבת כל־כך למאנגר. כשם שבאהבתו של ולוול זבארז'ר למלכה'לה היפה ראה מאנגר לא רק סודות־אהבה, כי אם גם — ואולי בעיקר — סודות־שירה, כך ראה ב„מכשפה" של גולדפאדן לא רק סודות אהבה לתיאטרון עממי יהודי, כי אם גם — ואולי בעיקר — את סודות הבנייה של מחזה, את סודות הבנייה של דראמה יהודית.

איציק מאנגר כתב את פרקי „דמויות קרובות" ערב מלחמת-העולם השנייה. באותם ימים רחשו עוד בעוצמה חיי־היהודים. כשנדמה היה, כי ספרות יידיש תאריך עוד זמן רב בשגשוגה הגדול, קירב אלינו מאנגר את הדמויות הקרובות, שהתחילו בכתיבת דברי ספרות בשפת יידיש. בשעה שהבשילו הפירות, רצה לחלוק כבוד לפריחה, המבשרת את ההבשלה. בדמויות הקרובות הביא מאנגר לידי ביטוי את

ערשט ווען הערשעלעס עלטסטער זון האָט געזאָגט קדיש אויפֿן פרישן קבר, האָבן אַלע דערפֿילט, אַז דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אויף די קברים, איז טרויעריק".

וויפֿל טרויעריקע שיינקייט ליגט בלויז אין דעם איינעם לעצטן זאַץ. דאָס איז דער סוד פֿון מאַנגערס צויבער, הן פֿון זיין פּאָעזיע, הן פֿון זיין פּראָזע. דאָס איז נישט בלויז אַ פּראָדוקט פֿון זיין גרויסן טאַלאַנט. נאָר דאָס איז אַ נשמהדיקייט אַזאַ, וואָס קאָן אַזוי שיין אַפּעלירן צו נשמה.

מייסטנס אויפֿרירנדיק אין זיין טרויעריקער שיינקייט, איז דאָס געשטאַלט פֿון אַברהם גאָלדפֿאַדן. מאַנגער ווייזט אים אונדז אין זיינע לעצטע מינוטן, דעם שטאַרבנדיקן פֿאָטער פֿון דעם יידישן טעאַטער. ער האָט האַלוצינאַציעס. ער זעט זיין וועג פֿון אַ משׂכּיל ביז צו זיין יידישן טעאַטער פֿאַרן פֿאָלק. ער זעט זיך, דאָ ווי אַ שטרענגער טעאַטער־דירעקטאָר און דאָ, ווי דער מחבר פֿון די טעאַטער־שטיק: עקידת יצחק, בר כּוכבא, די כּישוף־מאַכערין און אַנדערע. און ער זעט ווי ס׳קומט צו צו זיין בעט אַ מאַן. ער איז אָנגעטאָן אין אַ פֿראַק. דעם צילינדער האַלט ער אין דער האַנט. ער פֿאַרנייגט זיך פֿאַרן חולה. ער דערלאַנגט אים זיין וויזיט־קאַרטע אויף וועלכער „ס׳בליצן רויטע, פֿייערדיקע אותיות" אויף דייטש, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ משׂכּיל: „טאָדעס־ענגל".

נעבן וועלוול זבאַרזשער איז אַברהם גאָלדפֿאַדן די נאָענטסטע געשטאַלט, וואָס איז מאַנגערן אַזוי נאָענט. ווי אין וועלוול זבאַרזשערס ליבע צו מלכּהלע דער שיינער, האָט מאַנגער דערזען נישט נאָר סודות פֿון ליבע, נאָר, אפֿשר דער עיקר, סודות פֿון דיכטונג, אַזוי האָט ער אין גאָלדפֿאַדנס די כּישוף־מאַכערין דערזען נישט נאָר די סודות פֿון ליבע צו אַ יידיש פֿאָלקס־טעאַטער, נאָר אויך, און אפֿשר דער עיקר, די סודות פֿון בויען אַ טעאַטער־שטיק. די סודות פֿון בויען אַ יידישע דראַמע.

איציק מאַנגער האָט די נאָענטע געשטאַלטן געשריבן אין די יאָרן, ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעמאָלט, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ גרויס יידיש לעבן. ווען ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט נאָך לאַנג אָנגיין מיט איר גרויסן וווקס. דעמאָלט האָט מאַנגער דערנענטערט די נאָענטע געשטאַלטן, די אָנפֿאַנגער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פֿון דער ליטעראַטור אין יידיש. ער האָט אין דער צייט, ווען ס׳האָבן געריי‌פֿט די פּירות, געוואָלט אָפּגעבן כּבֿוד דעם בלי‌ִעכץ, וואָס ברענגט די בשׂורה פֿון צייטיקונג. מאַנגער האָט אין די נאָענטע געשטאַלטן אַרויסגעבראַכט

אהבתו הגדולה, הגדולה והעמוקה עד לאין קץ, ליידיש, לשון־היהודים! ללשון ולמלים שבהן הוא פותח את המחזור „שיר ובלדה": „לאָמיר זשע זינגען פשוט און פראָסט", שיר־הזמר שלו, שאינו פשוט כל־עיקר...

ב.

„תיאור־החיים הנפלא של שמואל אבא אברוו" (ספר גן-עדן) הוא פרי רצונו העז של יוצר-במלים מסוער להפוך בדרך-האמנות לא רק את סדר העולם הזה, אלא גם את סדר העולם־הבא, את סדר גן־עדן גופו.

הגמרא במסכת ברכות אומרת: „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא". והנה בא מאנגר והיפך את הדיבור ואמר: מלכותא דרקיעא כעין מלכותא דארעא. הוא מראה לנו, כי בגן-עדן שבשמים העניינים הם בדיוק כמו בגיהינום שבארץ.

גם בגן-עדן שלו יש גבירים וקבצנים, מנצלים ומנוצלים, קנאה ושנאה. „ליטוואקים אתה פוגש שם מעט מאוד. כנגד זה — הרבה פולנים, ובעיקר צדיקים גליצאים". אפילו גנבים ושוטרים ישנם שם. יצחק אבינו מתאווה עד כלות הנפש לחתיכה שמנה משור־הבר, ויעקב אבינו אינו מוכן לוותר על שפחותיו, אף־על-פי שאביו יצחק ואבי-אביו אברהם מבקשים זאת ממנו. רק דבר אחד אינו מצוי בגן-עדן. המוות איננו, אף כי מלאך-המוות עצמו גר שם. שני המלאכים, סיומקה וברל, עובדים כחניכים אצל המלך שלמה־זלמן המטליא, המתקן ומהפך החוצה את צד-הפנים של הכנפיים הישנות אשר למלאכים העניים. שני המלאכים החניכים מתאהבים כאחד במלאכית היפה רייזל, בתו של החנווני שבגן-עדן, ישראל־משה.

אבל המלאכית הצעירה רייזל עושה לצחוק את המלאכים המאוהבים בה. היא משסה את האחד בחבירו. שניהם עצובים, שניהם אומללים. וזה מה שמאנגר כותב עליהם:

„סיומקה המלאך אפילו ניסה להתאבד. הוא תלה עצמו על

זיין גרויסע, אומענדלעך גרויסע און טיפע ליבע צו יידיש, צום יידישן לשון, צו דעם לשון, צו די יידישע ווערטער מיט וועלכע ער הייבט אָן זיין ליד און באַלאַדע: „לאָמיר זשע זינגען פּשוט און פּראָסט". דאָס געזאַנג דינגס, וואָס איז שוין גאָרנישט פּראָסט און שוין גאָרנישט פּשוט...

ב.

די ווונדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל־אַבא אַבערוואָ (דאָס בוך פון גן־עדן), איז אַ פּראָדוקט פון אַ שאַרפן ווילן פון אַ צעברויזטן וואָרטשאַפּער, קינסטלעריש איבערצוקערן נישט נאָר דעם סדר פון דער־וועלט, נאָר אויך פון יענער־וועלט, פון גן־עדן גופא.

אויב די גמרא זאָגט אין ברכות „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע", איז געקומען מאַנגער און געזאָגט פאַרקערט: מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא. ער ווייזט אונדז, אַז אין הימלישן גן־עדן איז גענוי ווי אין ערדישן גיהנום.

אין זיין גן־עדן זענען אויך פאַראַן גבירים און קבצנים, עקספּלואַטאַ־טאָרן און עקספּלואַטירטע, קינאה און שינאה. „ליטוואַקעס טרעפט מען דאָרט זייער ווינציק. דערפאַר אַ סך פּוילישע, און דער עיקר, גאַליציאַנער צדיקים". אַפילו גנבים און פּאָליציאַנטן זענען דאָרט פאַראַן. יצחק אָבינו חלשט נאָך אַ שטיקל פעטן שור־הבר און יעקב אָבינו וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון זיינע שפחות, כאָטש דער טאַטע, יצחק, און דער זיידע, אַברהם, בעטן דאָס ביי אים.

נאָר איין זאַך איז נישט פאַראַן אין גן־עדן. קיין טויט איז נישטאָ. כאָטש דער מלאך־המוות אַליין וווינט דאָרט.

די צוויי מלאכים סיאַמקע און בערל, אַרבעטן ווי געזעלן ביים מלאך, שלמה־זלמן, דעם לאַטוטניק, וואָס פאַרריכט און ניצעוועט איבער ביי די אָרעמע מלאכים זייערע אַלטע פליגל. די צוויי מלאכים־געזעלן פאַרליבן זיך ביידע אין דער שיינער מלאכטע רייזל, דער טאָכטער פון גן־עדן־קרע־מער, ישׂראל־משה.

אָבער די יונגע מלאכטע, רייזל, חוזקט פון די פאַרליבטע אין איר מלאכים. זי רייצט אָן איינעם אויפן צווייטן. ביידע זענען זיי טרויעריק, ביידע אומגליקלעך. און אָט וואָס מאַנגער שרייבט וועגן זיי:

„סיאַמקע מלאך האָט שוין אַפילו געפּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף זיינע שעלקעס. ער האָט אין יענעם

כתפות מכנסיו. באותו הרגע שכח, שאין מיתה כלל למלאך גן־עדן. ולאחר שהתנדנד יממה תמימה באוויר, הסיר את הכתפות מצווארו וקילל את גן־העדן — — —"

והלאה:

„— אני מקנא — פלט בעצב סיומקה המלאך — אני מקנא בצוער־החייטים העלוב ביותר שעל־פני האדמה. הלה, כשאינו מצליח באהבה, יכול לפחות ליטול סם־המוות או להטביע עצמו בנהר.

— אין לנו שום ברירה — השיב לו ברל המלאך — עלינו לשאת את מזלנו הביש לנצח. מלה מכוערת היא מלה זו ,נצח'. מי הוא זה אשר המציא אותה? ולשם מה?

ראיתי את שני סימני־השאלה ,מי, ולשם מה?' מרפרפים ויורדים משפתיו של ברל המלאך ונשארים תלויים בחלל גן־עדן, המלא נוגה־ירח נעים. הם פרשו לדרכם, סיומקה לצד ימין וברל לצד שמאל. שני המלאכים האומללים הנעים ונדים בלילות גן־עדן, נפשי דאבה עליהם, עמוקות, עמוקות, דאבה עליהם.

עלה בדעתי, כי בתו של החנווני שבגן־עדן, סיבת הרוגזה שבנפשם, מן־הסתם ישינה עתה. שערותיה פזורות על הכר. כנפיה, שבהן התכסתה, החליקו וירדו מגופה, אפשר שהיא מחייכת בחלומה ואינה יודעת כלל כי רוע־המזל, שהעלתה בקסמה, אינו מוצא לו מקום. יש בו כמיהה למוות, אך אין הוא יכול למות.

ליל ירח בגן־עדן — חשבתי — גם־כן יש לו רוחות־רפאים משלו".

יש גם בגן־עדן, כפי שמאנגר מראה לנו, צער, אסון, בגידה ואפילו שיגעון. אפשר שספר גן-עדן זה הוא פארודיה של אמן על חוסר-השלמות שבבריאה. הדעת נותנת, כי אמנם כך הוא.

מאָמענט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מיתה פאַר אַ גן־עדן־מלאך. און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געבאָמבלט אַ גאַנצן מעת־לעת אין דער לופטן, האָט ער אַראָפּגענומען די שעלקעס פונעם האַלדז און געשאָלטן דעם גן־עדן — — — ״

און ווייטער:

— „איך בין מקנא, — האָט טרויעריק אַ זאָג געטאָן סיאַמקע מלאך, — איך בין מקנא דעם מינדסטן שנײַדערױנג אויף דער ערד. ער, אַז ס׳גליקט אים נישט אַפּ אַ ליבע, קאָן ער כאַטש אײַננעמען סם, אָדער זיך דערטרינקען אין אַ טײַך.

— מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, — האָט אים אָפּגעענטפערט בערל מלאך, — מיר מוזן טראָגן אונדזער שלימזל אייביק. אַ פאַסקודנע וואָרט אָט דאָס וואָרט ,אייביק׳. ווער האָט עס אויסגעטראַכט? און צו וואָס?

איך האָב געזען, ווי די צוויי פרעגצייכנס ,ווער?׳ און ,צו וואָס?׳ פלאַטערן אַראָפּ פון בערל מלאכס ליפּן און בלײַבן הענגען אין גן־עדן־חלל, וואָס איז פול מיט זיסן לבנה־שײַן.

זיי זענען זיך צעגאַנגען, סיאַמקע רעכטס און בערל לינקס. די צוויי אומגליקלעכע מלאכים, וואָס בלאָנקען זיך אַרום דורך די גן־עדן־נעכט, האָב איך זיי באַדויערט, טיף, טיף, באַדויערט.

איך האָב געטראַכט, אַז דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל, די סיבה פון זייער אומרו, שלאָפט איצט, מסתמא. אירע האָר זענען צעוואָרפן איבערן קישן. די פליגל, מיט וועלכע זי האָט זיך צוגעדעקט, האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר לײַב. אפשר שמייכלט זי אין חלום און ווייס אַפילו נישט, אַז דאָס שלימזל, וואָס זי האָט באַשווירן, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ס׳בענקט נאָכן טויט און קאָן נישט שטאַרבן.

אַ לבנה־נאַכט אין גן־עדן, — האָב איך געטראַכט, — האָט זיך אויך אירע געשפּענסטער״.

פאַראַן אויך אין גן־עדן, ווייזט אונדז מאַנגער, טרויער, אומגליק, פאַרראַט און אַפילו משוגעת. אפשר איז דאָס בוך פון גן־עדן אַ פּאַראָדיע פון אַ קינסטלער אויף דער נישט־שלימותדיקייט פון גאָטס באַשאַף. ס׳קאָן גאַנץ געמאָלט זײַן, אַז אַזוי איז עס טאַקע.

מובן מאליו, שיהודים אדוקים, ואפילו בעלי־אמונה בלבד, לא תישר בעיניהם תמונה כזאת של גן־עדן, שציין משורר מרדן, חצוף. דיוקנאותיהם של האבות, של המלאכים והצדיקים, כפי שמאנגר מצייר אותם, אי-אפשר שימצאו חן בעיניהם. אבל מאנגר לא איכפת לו, כפי שלא התפעל בשעתו מכרוזי־החרמות שפיזרו על ראשו האדוקים לאחר שפירסם את שירי־החומש שלו. אוי לו למשורר הרוצה למצוא חן בעיני הכול. אגב, לא כל משורר מסוגל לכתוב מזמורי תהלים. כבר היה לנו בעל התהילים שלנו. שירתנו כמהה עתה למרד. הרי לפני עשרות-שנים כבר יצא מיכה יוסף ברדיצ׳בסקי בהסתערות על רוח־הכניעה שבתפילות היהודיות. לא אחד ממביני-השירה ראה בשעתו בשירי-הכניעה הנוצריים של ורלן משהו שאינו כדרך־הטבע.

אינני בא להגן כאן על מאנגר בפני ההתנפלויות שהתנפלו עליו לאחרונה החוגים הדתיים על-שום „ספר גן-עדן" שלו, למרות החשד שלי, כי הפחד מפני התנפלויות כאלה הוא הטעם לכך, שאין אצים לתרגם את ספרו זה לעברית, אף־על-פי שכבר הופיע בהולאנדית. (הספר „דמויות קרובות" כבר ניתרגם לפני שנים בידי אברהם שלונסקי). אבל אין זה מתפקידי לעסוק בכך. אין אני רוצה אלא לציין: מה חידש איציק מאנגר ב„תיאור-החיים הנפלא של שמואל אבא אברווו" ? מה פעל בו ?

מצד אחר, מדוע נלחמים ההיסטוריונים על זכותם להעלות את כל האמת שבעובדות ההיסטוריות, אפילו כשלפעמים אין הן נוחות לנו, ומדוע לא יילחמו הסופרים על הזכות להעלות את כל האמת שבדמיונם, כל מה שדמיונם מכתיב להם, בלא להתחשב אם זה מוצא חן בעיני מישהו או לאו ?

מפני שמדובר כאן בדמיון בלבד, איציק מאנגר אינו מהפכן ארצי, אלא מהפכן שמימי. השמים הם שדה־הקרב שלו, וכלי-זינו בקרב הם פיוטיים, וממילא שמימיים. במשל-השמים שלו הוא מראה לנו את כל העוול שבעולמנו הארצי. חל כאן עירבוב-היוצרות. היחסים הארציים

פאַרשטייט זיך, אַז די פרומע יידן, צי אַפילו נאָר רעליגיעזע, קאָן נישט געפעלן ווערן אַזאַ בילד פון גן־עדן, געשילדערט דורך אַ פּאָעט אַ טראַציקן, אַ שקאָץ. זיי קאָנען נישט געפעלן ווערן די פאַרטרעטן פון די אָבות, פון די מלאכים און צדיקים, אַזוי ווי מאַנגער מאָלט זיי. אָבער מאַנגערן אַרט דאָס נישט, ווי ס׳האָט אים בשעתו נישט געאַרט די קול־קוראס מיט די חרמות, וואָס האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף זיין קאָפּ מצד די פרומע, נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע חומש־לידער. ווי איז צו דעם דיכטער, וואָס וויל אַלע געפעלן ווערן. איבעריקנס, נישט יעדער דיכטער איז מסוגל צו שרייבן תהילים. מיר האָבן שוין געהאַט אונדזער בעל־תהילים. אונדזער שירה בענקט גאָר נאָך רעוואָלט. האָט שוין מיט צענד־ליקער יאָרן צוריק מיכה יוסף בערדיטשעווסקי געשטורעמט קעגן דער הכנעהדיקייט פון די יידישע תפילות. נישט איינעם פון די פּאָעזיע־מבינים זענען בשעתו געווען איבער דער טבע ווערלענס קריסטלעכע הכנעה־לידער.

כ׳גיי נישט דאָ פאַרטיידיקן מאַנגערן פאַר די עווענטועלע אָנפאַלן אויף אים מצד די רעליגיעזע קרייזן, פאַר זיין דאָס בוך פון גן־עדן, נישט גע־קוקט אויף מיין חשד, אַז די מורא פאַר אַזעלכע אָנפאַלן איז די סיבה דער־פון, וואָס מען יאָגט זיך נישט איבערצוזעצן דאָס דאָזיקע בוך זיינס אין עברית, כאָטש ס׳איז שוין דערשינען אין האָלענדיש. (די נאָענטע געשטאַלטן זענען שוין מיט יאָרן צוריק איבערגעזעצט געוואָרן פון אַברהם שלאָנסקי). אָבער ס׳איז נישט מיין אויפגאַבע זיך דערמיט צו פאַרנעמען. איך וויל נאָר זאָגן, וואָס האָט איציק מאַנגער מיט זיין שמואל אבא אַבערוואָ מחדש געווען? וואָס האָט ער דערמיט אויפגעטאָן?

צוריקגערעדט, פאַר וואָס זאָלן די היסטאָריקער קעמפן פאַר זייער רעכט אַרויסצוברענגען דעם גאַנצן אמת פון היסטאָרישע פאַקטן, ווי אומ־באַקוועם ער זאָל דאָס טייל מאָל פאַר אונדז נישט זיין, און פאַר וואָס זאָלן שרייבער נישט קעמפן פאַר די רעכט אַרויסצוברענגען דעם גאַנצן אמת פון זייער פאַנטאַזיע, אַט דאָס אַלץ, וואָס זייער פאַנטאַזיע דיקטירט זיי, אומאָפּהענגיק דערפון, צי עמעצן געפעלט דאָס יאָ, אָדער נישט?

וואָרום נאָר אין פאַנטאַזיע גייט עס דאָך דאָ. איציק מאַנגער איז נישט קיין ערדישער רעוואָלוציאָנער, נאָר אַ הימלישער. דער הימל איז זיין פּלאַצ־דאַרם, זיין קאַמפּס־שטח. זיינע קאַמפּס־כּלי־זין זענען פּאָעטישע און במילא הימלישע. אויפן משל פון זיין הימל, ווייזט ער אונדז די גאַנצע אומגערעכ־טיקייט פון אונדזער ערדיש וועלטל. דאָ קומט פאַר אַ פאַרמישונג פון די יוצרות. די ערדישע באַציִונגען צווישן מענטשן, צווישן איין שיכט און דער

שבין הבריות, שבין רובד חברתי אחד לחבירו, כל היצרים הארציים — כל אלה כולם מתערבבים בספר זה עם השמימי, כמו למשל עם הקרב השמימי הלא־שווה שבין מלאך־המוות לכוכב: אכזריותו של המוות הארצי מתערבבת עם אכזריותו של הנצח השמימי, עם העדר-היכולת אפילו למות.

מתוך כל זה נשמעת אנחה קוסמית גדולה, הבוקעת מתחת לעטו ומתחת ללבו של יוצר-המלים, של האמן שהוא בחירו של בחיר־היצירה.

לפי מאנגר, ראוי לו לעולם שינוהל בנס, ברגש, ביופי, בחסד — וכלל וכלל לא בחוקיו של המאטריאליזם ההיסטורי, וראיה לכך תמצאו בדרך כתיבתו של מאנגר על אליהו הנביא, אשר שמואל-אבא פגש אותו בשדרה המכונה על שמו, היינו: שדרת אליהו הנביא.

> „היה זה אליהו הנביא. לפנים היה יורד מזמן לזמן על הארץ, כדי לעזור לעני, לעשות נס, שתהיה לביש־מזל מחיה לשבת. לאחרונה נתייאש. העניים שבארץ שוב אינם מאמינים בעזרתו. הם החליטו, שהם לבדם יעזרו לעצמם. — יהי כן — אומר בביטול אליהו הנביא — יעזרו לעצמם הם לבדם, איך מכנים אותם שם... הציציליסטים״.

ספר גן-עדן מלא דמיון, גרוטסקה, פארודיה. די לקרוא את טענתו של הרב מברדיצ׳ב כלפי ריבון העולם, לאחר שברח שור-הבר מגן־העדן של היהודים אל זה של הגויים, בשביל להיווכח מה גדול כשרונו הפארודיסטי של איציק מאנגר.

כל מה שמצוי בספר הזה אפוף חן מאנגרי. עצם לידתו של שמואל אבא היא מזיגה של חבלי־לידה עם חן מחוצף. ההתעלמות להכעיס מחוקי-הטבע היא אופיינית ביותר למרדנותו ודווקנותו הפיוטיות של מאנגר.

בתוך המבנה הריאליסטי כביכול של „ספר גן־עדן״ הכניס מאנגר את ממשויותיו הפיוטיות. ארכימדס ביקש נקודה אחת מחוץ לכדור-

צווייטער, אַלע ערדישע יצרים, — אַט דאָס אַלץ ווערט אין דעם בוך אויסגעמישט מיט דעם הימלישן, ווי למשל, מיט דעם הימלישן נישט גלייכן קאַמף צווישן מלאך־המוות און אַ שטערן, די אַכזריותדיקייט פון ערדישן טויט מישט זיך צונויף מיט דער אַכזריותדיקייט פון דער הימלישער אייבי־קייט, מיט דעם נישט קאָנען אַפילו שטאַרבן.

פון דעם אַלעם הערט זיך אַ גרויסער קאָסמישער קרעכץ, וואָס קומט אַרויס פון אונטער דער פּעדער און פון אונטערן האַרץ פון דעם וואָרט־שעפער, פון דעם קינסטלער, וועלכער איז דער בחיר פון דעם בחיר־היצירה.

לויט מאַנגערן דאַרף די וועלט געפירט ווערן דורך נס, דורך געפיל, דורך שיינקייט, דורך חסד — און שוין גאָרנישט דורך די געזעצן פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אַ ראיה האָט איר דערפון, ווי אַזוי מאַנגער שרייבט וועגן אליהו הנביא, וועלכן שמואל אבא האָט געטראָפן שפּאַצירן אויפן בולוואַר וואָס טראָגט זיין נאָמען, הייסט: אליהו־הנביא־בולוואַר.

„ס'איז געווען אליהו־הנביא. אַמאָליקע צייטן פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן פון צייט צו צייט אויף דער ערד. העלפן אַן אָרעמאַן. באַווייזן אַ נס, אַז אַ שלימזל זאָל האָבן אויף שבת. לעצטנס האָט ער זיך מייאש געווען. די אָרעמעלייט אויף דער ערד האָבן אויפגע־הערט צו גלייבן אין זיין הילף. זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַליין צו העלפן. — זאָלן זיי, — זאָגט מיט ביטול אליהו־הנביא, — זאָלן זיי זיך אַליין העלפן, ווי הייסן זיי דאָרטן... די ציציליסטן".

דאָס בוך פון גן־עדן איז פול מיט פאַנטאַזיע, מיט גראָטעסק, מיט פּאַראָדיע. געוווג איבערצולייענען די טענה פון דעם באַרדיטשעווער רב צום רבונו־של־עולם, נאָך דעם ווי דער שור־הבר איז אַנטלאָפן פון יידישן גן־עדן אין גויישן, בכדי צו זען וואָס פאַראַ פּאַראַדיסטישן טאַלאַנט איציק מאַנגער פאַרמאָגט.

אַלץ וואָס געפינט זיך אין דעם בוך איז אַרומגענומען מיט מאַנגערישן חן. שוין דאָס געבוירן ווערן פון שמואל אבא, איז אַ געמיש פון חבלי־לידה מיט שקאָצישן חן. דאָס צו־להכעיסדיקע איגנאָרירן די געזעצן פון דער נאַטור איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַנגערס פּאָעטישן רעוואָלט און טראָציקייט.

אין דער מכלומרשט רעאַליסטישער קאָנסטרוקציע פון זיין גן־עדן־רוך, האָט מאַנגער אַריינגעפירט זיינע פּאָעטישע רעאַליטעטן. אַרכימעדעס

הארץ, כדי שיוכל לגלות את סודותיו של הכדור. מאנגר הוא במצב טוב מזה, הוא נוטל לו בכוח כשרונו הפיוטי הרבה „נקודות" ריאליסטיות ומגלה באמצעותן את עולם־הדמיון שלו, מוליך אותנו לתוך העולם הזה. ולא זו בלבד שהוא מוליך ומכניס אותנו לתוך עולמו האמנותי־הבדיוני, אלא שהוא גם לוקח את לבותינו שבי.

בממשויותיו הפיוטיות אישש וביצר מאנגר את ספר־הפרוזה שלו, שאינו ספר פרוזאי כל־עיקר. „תיאור-החיים המופלא של שמואל־אבא אברוו" הוא ספר של פרוזה, אך לא ספר פרוזאי. זהו ספר פיוטי שניתנה לו צורה של פרוזה בריאה.

ג.

אם בספר „שמואל־אבא אברוו" בולטים לעין היסודות הריאליסטיים הרי ב„מעשיות הרשל זומרווינט" בולטים היסודות הדמיוניים, אולם בשני המקרים היסודות השונים הללו, הסותרים זה את זה לכאורה, מאוזנים היטב. האמנות עומדת על היכולת לעשות בחומר האמנותי באופן כזה, שכל יסוד שביצירה ישתלט ויתכלל בעת ועונה אחת.

„המעשיות של הרשל זומרווינט" שייכות לסוג מעשיות-להד"ם. וזה הקרקע הטוב ביותר והבריא ביותר לסיפור דמיוני. כאן אפשר לו ליוצר להינתק מן המציאות, על-מנת שיוכל גם להתנשא וגם לעוף. ההינתקות מן המציאות היא הרגע הקשה והמסובך ביותר ביצירה מסוג זה. כשם שהרגע המסוכן ביותר לטייס־החלל הוא רגע ההינתקות מן הספירה שבה פועל כוח-הכבידה של כדור-הארץ.

בספר הפרוזה של מאנגר יש עוד סיפורים, כגון „החלמאי", „מעשה בשפמו של הפריץ", „טווס־הזהב", שבלי־ספק ייכללו באוצר סיפורי־העם היהודיים. בכולם יש מוסרי־השכל, אף כי הללו שונים מאוד זה מזה באופניים.

האָט געבעטן וועגן איין פּונקט אויסער דער ערד, בכדי צו קאָנען אַנטפּלעקן אירע סודות. מאַנגער איז אין אַ בעסערער לאַגע. ער נעמט מיטן כּוח פון זיין פּאָעטישן טאַלאַנט אַ סך רעאַליסטישע „פּונקטן״ און אַנטפּלעקט דורך זיי זיין פאַנטאַזיע־וועלט, פּירט אונדז אַריין אין דער דאָזיקער וועלט. און מאַנגער איז נישט נאָר אַן אַריינפירער, נאָר דער עיקר אַ פאַנטאַסטישער פאַרפירער אין זיין קינסטלערישער וועלט.

מיט זיינע פּאָעטישע רעאַליטעטן האָט ער באַפעסטיקט און פאַרפעס־טיקט זיין פּראָזעבוך, אָבער נישט־פּראָזאַיִש בוך. זיין די וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל אבא אַבערוואָ איז אַ פּראָזעבוך, אָבער נישט קיין פּראָזאַיִש בוך. ס׳איז אַ פּאָעטיש בוך געגעבן אין אַ געזונטער פּראָ־זאַיִשער צורה.

ג

אויב אין „שמואל אבא אַבערוואָ״ זענען בולט די רעאַליסטישע מאָ־מענטן, זענען אין „די מעשׂיות פון הערשל זומערווינט״ בולט די פאַנטאַס־טישע. אָבער איןביידע פאַלן זענען די דאָזיקע פאַרשידענע, און אין פלוג, סתירותדיקע עלעמענטן, גוט באַלאַנסירט. די קונסט באַשטייט אין דעם, צו קאָנען אַזוי אָפּערירן מיטן קינסטלערישן שטאָף, אַז אין דעם ווערק זאָל יעדער עלעמענט איינציי־טיק דאָמינירן און זיך לאָזן אינטעגרירן.

„די מעשׂיות פון הערשל זומערווינט״ געהערן צו דער קאַטעגאָריע מעשׂיות פון נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן. און דאָס איז דער בעס־טער און געזינטסטער באַדן פאַר אַ פאַנטאַסטישער מעשׂה. דאָס גיט דעם שעפער די מעגלעכקייט זיך אָפּצוריסן פון דער ווירקלעכקייט, בכדי קאָנען אי שטייגן, אי פליִען. דאָס אָפּרייסן זיך פון דער ווירקלעכקייט איז דער סאַמע שווערסטער און קאָמפּליצירסטער מאָמענט אין אַזאַ מין שאַפונג. פּונקט ווי דער געפערלעכסטער מאָמענט פאַר אַ סטראַטאָספערע־פליִער איז דער, אין וועלכן ער דאַרף זיך אָפּרייסן פון דער ספערע, וווּ ס׳ווירקט דער גראַוויטאַציע־כּוח פון דעם ערדקיילעך.

פאַראַן אין מאַנגערס פּראָזעבוך נאָך מעשׂיות, ווי „דער כעלעמער״, „די מעשׂה מיטן פּריצס וואַנצעס״ און „די גאָלדענע פּאַווע״, וואָס וועלן זיכער אַריין אין דעם אוצר פון די יידישע פאָלקס־מעשׂיות. זיי האָבן אַלע מוסר־השׂכּלס, כאָטש פון גאָר פאַרשידענעם כאַראַקטער.

עולם-הדמיון מדבר אל מנגנון־תפיסתו, אל לבו ומוחו של האדם הפשוט, יותר מהר מעולם-המציאות. לא ארחיב כאן את הדיבור בהבהרת הסיבות לכך. בגודל כשרונו של האמן ובנשמתיותו תלוי הדבר, שאותם יצירות ומוטיבים שלו ימצאו גם אוזן קשובה ולב פתוח אצל הקורא המעודן בתכלית. בפרט זה, החשוב מאוד, איציק מאנגר הוא בעל הצלחה מרובה. הוא נתברך בחכמה יוצרנית לפגוע בנקודה המשותפת לאדם הפשוט ולמעודן. רק בעלי־הבינוניות הם מחוץ לשותפות זו, הן כיוצרים, הן כמקבלים...

מסותיו של מאנגר על משה לייב הלפרן, מאני לייב, משה נאדיר, יוסף רולניק, ראובן אייזלאנד מלאות אהבה לאמן-המלים היהודי בכלל וליוצרים שנמנו למעלה בפרט.

מאנגר הוא ידען ובקי בספרות-העולם ובשירת־העולם. הוא אינו שולל שום דרך של יצירת שיר, ובלבד שהשיר יהיה טוב. אפילו שיר העשוי היטב יכול להיות שיר טוב, לפי דעתו. אבל אין הוא מכריז על אהבתו אלא לאותם סופרים שהוא אוהבם בפועל. שכן אפשר לקרוא דבריהם של סופרים שונים, ואפילו אפשר להוקיר או להעריך סופרים מסוימים, אבל לכתוב אפשר רק על אותם שמעוררים את הלב. ואין דבר המעורר את הלב כמו האהבה. ולאו־דווקא אהבה אל יצירותיו של האמן, אלא האהבה אל אישיותו האמנותית. אם אמנם הוא בעל אישיות כזאת, כמובן.

המבקרים האובייקטיביים כביכול, אם אמנם מצויים כאלה, רואים לפניהם רק את הכתוב, את השיר, את הסיפור או את הרומאן. והואיל והם רואים רק את הכתוב, הרי לעתים קרובות מאוד אין הם מבחינים בין טוב לרע ביצירות־הכתב.

כל אמני-המלה, אשר מאנגר כותב עליהם, היו אישים בספרות, כל אחד לפי מידתו ודרכו. הם כולם הלמו היטב את הלך-רוחו הפיוטי של מאנגר.

די פאַנטאַסטישע וועלט רעדט גיכער צו דעם אויפנעם־אַפּאַראַט, צום האַרץ און מוח, פונעם פשוטן מענטש, ווי די רעאַלע וועלט. כ׳וועל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אינעם אויפקלערן די סיבות, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי. פון דער גרויסקייט פון דעם קינסטלערס טאַלאַנט און פון זיין נשמהדיקייט איז אָפּהענגיק, אַז די זעלבע זיינע שאַפונגען און מאָטיוון זאָלן אויך געפֿינען אַן אָפּן אויער און האַרץ ביים הויך־ראַפינירטן לייענער. אין דעם זייער וויכטיקן פּרט איז איציק מאַנגער אַ גרויסער בעל־מוצלח. ער איז געבענטשט מיט דער שעפערישער חכמה צו טרעפן אין דעם פינטל, וואָס איז בשותּפותדיק סיי פאַרן פשוטן מענטש און סיי פאַרן ראַפינירטן. נאָר די מיטלמעסיקייטן זענען מחוץ דעם שותפות, סיי ווי שעפער, סיי ווי אָפּנעמער...

מאַנגערס עסייען וועגן משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב, משה נאַדיר, יוסף ראָלניק, ראובן אייזלאַנד, זענען פול מיט ליבע צום יידישן וואָרט־שאַפער בכלל און צו די אויבן אויסגערעכנטע שאַפער בפרט.

מאַנגער איז אַ גרויסער ידען אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער וועלט־פּאָעזיע. ער נעגירט נישט קיין שום אופן פון שאַפן אַ ליד, אַבי דאָס ליד זאָל זיין גוט. אַפילו אַ גוט געמאַכט ליד, קאָן אויך זיין גוט, איז זיין מיינונג. אָבער דעקלאַרירן זיך אָפן אין ליבע וועט ער נאָר צו די שרייבער, וועלכע ער האָט פּאַקטיש ליב. וואָרום מען קאָן לייענען פאַרשידענע שרייבער, מען קאָן אַפילו געוויסע שרייבער שעצן, אָדער שאַצן, אָבער שרייבן קאָן מען נאָר וועגן די, וועלכע אינספּירירן. און קיין שום זאַך אינספּירירט נישט אַזוי, ווי ליבע. נישט אַזוי פיל די ליבע צום קינסטלערס שאַפונגען, ווי צו זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. אויב דער קינסטלער איז עס, פאַרשטייט זיך.

די אַזוי גערופענע אָביעקטיווע קריטיקער, אויב אַזעלכע זענען בכלל בנימצא, זעען פאַר זיך נאָר דעם טעקסט, דאָס ליד, די דערציילונג אָדער ראָמאַן. און ווייל זיי זעען נאָר דעם טעקסט, זענען זיי אַזוי אָפט נישט מבחין בין טוב ורע אין די שרייבערישע שאַפונגען.

די אַלע וואָרטשאַפער, וועגן וועלכע מאַנגער שרייבט, זענען געווען שרייבערישע פּערזענלעכקייטן, יעדער לויט זיין מאָס און שטייגער. זיי אַלע זענען אַזוי גוט צוגעפאַלן צו מאַנגערס פּאָעטיש געמיט.

בספר הפרוזה של מאנגר יש עוד מסות ופרקי זכרונות מביתו. אבל איני יכול להתעכב ולדון בכל זה במסגרתה של מסה אחת.

ספר־הפרוזה של מאנגר, ששמו „דמויות קרובות וכתבים אחרים", הוא ספר מלא חן. זהו ספר של עצב ושמחה, של צחוק וצער. אבל מצער ביותר הוא סוף-דברו של המחבר בספר הזה. מאנגר מספר שם, כי לאחר הסדרה „דמויות קרובות" רצה לכתוב סדרה „דמויות רחוקות" על-אודות משוררים וסופרים יהודיים מודרניים. ואולם, אומר הוא: „הדמויות הרחוקות אולי כבר לא ייכתבו. בזמן של מסה חסרת־דם ופרוזה המונית — מי צריך את זה?"

והלאה: „ראוי להזכיר כי 'תיאור החיים המופלא של שמואל אבא אברוו' הוא אך חלקה הראשון של טרילוגיה שעלתה במחשבה. החלקים האחרים אולי כבר לא ייכתבו לעולם".

ושוב: „הסיפורים הנדפסים בספר זה הם רק שניים מתוך קובץ שעלה במחשבה וששמו היה צריך להיות 'ספר המעשיות החדש', מין 'דקאמרון'. מניין יהודים נמצאים בתוך בונקר: רומני, פולני, גליצאי, ליטאי, אוקראיני וכה הלאה. בחוץ משתוללת חיית-הטרף הגרמנית, וכאן, בתוך הבונקר, האנשים מספרים זה לזה מעשיות, כדי לגרש את האימות והפחדים בלילות השקטים, כשהיריות פוסקות לשעה קלה.

זאת היתה צריכה להיות המסגרת של ספר־המעשיות החדש שלי. אבל, לדאבון־הלב".

ומתוך יאוש אני רוצה לשאול: איציק מאנגר יקיר, מדוע? אולי יש עוד בתוך ספרות־יידיש חמישים צדיקים־קוראים, האף לא תכתוב למען החמישים?!

„די גאָלדענע קייט", מס' 42

פּאַראַן אין מאַנגערס פּראָזעבוך נאָך עסייען און טיילן פון זכרונות פון זיין היים. אָבער אויף אַלעם קאָן איך זיך נישט אָפּשטעלן אין די ראַמען פון איין עסיי.

מאַנגערס פּראָזעבוך, וואָס הייסט נאָענטע געשטאַלטן און אַנדערע שריפטן, איז אַ בוך, וואָס איז מלא חן. ס'איז אַ בוך פון אומעט און פון פרייד, פון געלעכטער און טרויער. אָבער דאָס טרויעריקסטע איז דעם מחברס נאָכוואָרט אין דעם בוך. מאַנגער דערציילט דאָרט, אַז נאָך דער סעריע „נאָענטע געשטאַלטן" האָט ער געוואָלט אויפשרייבן אַ סעריע „ווייטע געשטאַלטן", וועגן מאָדערנע יידישע פּאָעטן און בעלעטריסטן. אָבער, זאָגט ער: „די ,ווייטע געשטאַלטן' וועלן שוין אפשר נישט אָנגעשריבן ווערן. אין אַ צייט פון אַנעמישער עסייִסטיק און פּיעכאָטנער פּראָזע — ווער דאַרף עס האָבן?"

און ווייטער: „כּדאַי צו דערמאָנען, אַז ,די וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל־אבא אַבערוואָ' איז בלויז דער ערשטער טייל פון אַ פּאַרטראַכטער טרילאָגיע. די אַנדערע טיילן וועלן שוין אפשר קיין מאָל נישט אָנגעשריבן ווערן".

און ווידער: „די מעשׂיות, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך, זענען בלויז צוויי פון אַ פּאַרטראַכטער זאַמלונג, וואָס האָט געזאָלט הייסן, ,דאָס נייע מעשׂה־בוך', אַ מין ,דעקאַמעראָן'. אַ מנין יידן געפינען זיך אין אַ בונקער: אַ רומענישער, אַ פּוילישער, אַ גאַליציאַנער, אַ ליטווישער, אַן אוקראַיִנישער אאַז"וו. אין דרויסן הוליעט די דייטשע בעסטיע, און דאָ אין בונקער דערציילן זיך די מענטשן מעשׂיות, כּדי צו פאַרטרייבן די מורא און די אַנגסטן אין די שטילע נעכט, ווען די שיסעריי שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ.

דאָס האָט געזאָלט זיין די ראָם פון מיין נייעם מעשׂה־בוך.

אָבער, ליידער".

אַ פאַרצווייפלטער וויל איך פרעגן: טייערער איציק מאַנגער, פאַר וואָס?

און ווען אַפילו די יידישע ליטעראַטור זאָל מער נישט האָבן ווי פופציק צדיקים־לייענער, צי וועסטו נישט שרייבן פאַר די פופציק?!

„די גאָלדענע קייט", נר' 42

עם איציק מאנגר ליד השולחן

אחד היסודות העיקריים בשירתו של איציק מאנגר, היסוד המפעים, הכובש את הלב והלוקח את הקורא שבי — הרי זה חן. אבל הפעם לא אדבר על חן שירתו של מאנגר, אלא על קסמו האישי, על חן אישיותו הפיוטית.

איציק מאנגר כל־כולו משורר. כך הוא תמיד, בלי הרף. אם הוא פוצה פיו ופולט כלאחר-יד ליד השולחן איזה דיבור, או בדיחה, או סתם הערה — הרי זה מלא חן.

אמנם, בזמן האחרון הוא מר-נפש. הוא רואה בעליל את כליונה של יידיש. אבל עדיין אין זה, אומר הוא, הגרוע מכול. כלום מועטים הם העמים, הלשונות והתרבויות שעברו מן העולם במשך ההיסטוריה האנושית ? ! אבל יידיש אינה כלה מאליה, את היידיש הרגו, את היידיש רצחו.

הגרמנים רצחו את העם היהודי באירופה, ובעיקר את יהודי מזרח־אירופה, ששם היה הים הגדול של יידיש ויצירה יהודית. אבל, להבדיל אלף הבדלות, היהודים עצמם אף הם חטאו ליידיש, והחטא נורא. ובעיקר חטאו היהודים של כל ארצות אמריקה.

הם ראו ביידיש רק שפת-מעבר. שפה לדור הראשון של המהגרים. לא רק אנשי-העיתונות ובראשם אייב קאהאן ראו כך את היידיש והתייחסו כך אליה, אלא גם הגדולים שבסופרי יידיש, משוררים ופרוזאיקנים, הסכימו והשלימו עם הגישה הזאת. הם לא קיימו את הצו : „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו״, הם לא לימדו את בניהם ובנותיהם יידיש. הם לא השרישו בלבות דורותיהם הבאים את הרגש והאמונה,

מיט איציק מאַנגערן ביים טיש

איינער פון די הויפּט־עלעמענטן פון איציק מאַנגערס פּאָעזיע, דאָס וואָס פאַרכאַפּט אַזוי, באַצווינגט און נעמט אין געפאַנגענשאַפט דעם לייע־נער — איז חן. אָבער דאָס מאָל וויל איך נישט רעדן וועגן חן פון מאַנגערס פּאָעזיע, נאָר וועגן זיין פּערזענלעכן צויבער, וועגן דעם חן פון זיין פּאָעטי־שער פּערזענלעכקייט.

איציק מאַנגער איז כולו פּאָעט, ער איז עס כסדר, אָן אויפהער, זאָגט ער ביים טיש אַזוי כּלאחר־יד, אַ וואָרט, אַ וויץ, צי אַ באַמערקונג — איז עס מלא חן.

אמת, ער איז לעצטנס פאַרביטערט. ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז יידיש גייט אונטער. אָבער דאָס וואָלט נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע, זאָגט ער. ווייניק פעלקער, שפּראַכן און קולטורן זענען אין משך פון דער מענטשלע־כער געשיכטע אונטערגעגאַנגען?! אָבער יידיש גייט נישט אונטער, יידיש האָט מען אַוועקגעהרגעט, יידיש האָט מען דערמאָרדעט.

די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט דאָס יידישע פאָלק אין איראָפּע, און דער עיקר פון מזרח־איראָפּע, ווו ס׳איז געווען דער ים פון יידיש און יידישן שאַפן. אָבער, להבדיל אלף הבדלות, די יידן אַליין האָבן אויך גע־זינדיקט קעגן יידיש, מוראדיק געזינדיקט. דער עיקר האָבן געזינדיקט די יידן פון אַלע אַמעריקעס.

מען האָט אין יידיש געזען נאָר אַן איבערגאַנגס־שפּראַך. אַ שפּראַך פאַרן ערשטן דור אימיגראַנטן. נישט נאָר די צייטונגס־מענטשן, מיט אייב קאַהאַן אין דער שפּיץ, האָבן אַזוי געזען און זיך אַזוי באַצויגן צו יידיש, נאָר אויך די גרעסטע יידישע שרייבער, דיכטער און פּראָזאַיִקער, האָבן מיט אַזאַ צוגאַנג מסכים געווען און משלים געווען. זיי האָבן נישט מקיים געווען דעם: „למען אשר יצוה את בניו ואת אחריו ביתו״, זיי האָבן זייערע זין און טעכטער נישט געלערנט קיין יידיש. זיי האָבן נישט איינגעוואָרצלט אין די צוקונפטיקע דורות זייערע דאָס געפיל און די אמונה, אַז יידיש איז

שיידיש היא יותר, הרבה יותר משפת־מעבר, שיידיש יש בה ניצוץ של נצחיות.

במשך שישים שנה צמחה והתנשאה יידיש מעל לראשיהם של כל הגדולים שלה. יידיש היא אולי נס-הלשונות הגדול ביותר שנתרחש בעולם. אבל לא גידלו וחינכו את היורשים, שיהיו מסוגלים לרשת את הנס. והנס היקר הזה, הרכוש העצום הזה, הולך לאיבוד.

אכן, יש על מה להתמרמר. ואיציק מאנגר הסבור כי כל יצירה פיוטית, כמו כל יצירה אמנותית, צריכה להביא שמחה ללב האדם, גם הוא יכול להיות מר-נפש ורב־יאוש. (אהה! כמה יכול הוא!) ואף-על-פי־כן...

הנה יושב הוא ליד השולחן בקבלת-פנים אצל ראש העיר תל־אביב, מרדכי נמיר. כאן יושבים גם נציגי הספרות העברית והתיאטרון. גם חנה רובינא כאן, ואיציק מאנגר אומר לה:

— בפעם הראשונה ראיתיך בוורשה, כשבאת עם „הבימה" להציג את „הדיבוק". ראיתי את הרבי ממירופול, כשהוא מגרש ממך את הדיבוק. אחת אומר לך, אילו הייתי אני הדיבוק, לא הייתי יוצא ממך לעולם...

יושב אברהם שלונסקי. — עם שלונסקי — אומר מאנגר — עשיתי היכרות על חורבות גטו וארשה. זה היה בשנת אלף תשע מאות ארבעים ושמונה. הגענו לחגיגות-הגטו, לכבוד יום־השנה החמישי למרד גטו-וארשה. שלונסקי בא מארץ־ישראל, ואני — מאנגליה.

— התאכסנתי במלון „בריסטול", אחד משני המלונות שנשארו על עמדם אחרי הפצצת וארשה. קיבלתי חדר יחד עם עוד שני אנשים, זרים לי. באתי לישון בשעה מאוחרת בלילה. שכני כבר ישנו. התחלתי מכין עצמי לשינה — והנה עלתה בדעתי המחשבה, שבמיטות האלה ישנו קצינים גרמנים.

— שכבתי על הרצפה והוספתי לשכב כך כמה שעות, בלא לעצום עין.

מער, אַ סך מער ווי אַן איבערגאַנגס־שפּראַך, אַז יידיש האָט אין זיך דעם פונק פון אייביקייט.

יידיש איז אין משך פון זעכציק יאָר אַריבערגעוואַקסן איבער די קעפּ פון אַלע אירע גדולים. יידיש איז אפשר דער גרעסטער שפּראַכן־נס אין דער וועלט. אָבער מען האָט נישט דערצויגן די יורשים וואָס זאָלן בכוח זיין ירשנען דעם נס. און דער דאָזיקער טייערער נס, דאָס ריזיקע פאַרמעגן, גייט פאַרלוירן.

יאָ, ס'איז דאָ פון וואָס צו זיין פאַרביטערט. און איציק מאַנגער, וואָס האַלט אַז יעדע פּאָעטישע שאַפונג, ווי יעדע קינסטלערישע שאַפונג, דאַרף ברענגען פרייד דעם מענטש, ער קאָן אויך זיין פאַרביטערט און פאַר־צווייפלט. (אוי! קאָן ער דאָס!), און פון דעסטוועגן...

אַט זיצט ער ביים טיש, אויף אַן איופנאַמע ביים ראש־העיר פון תל־אביב, מרדכי נמיר, אַ חוץ אים זענען נאָך פאַראַן פאָרשטייער פון דער העברעיִ־שער ליטעראַטור און טעאַטער. ס'זיצט אויך חנה ראָווינאַ, זאָגט צו איר איציק מאַנגער אַזוי:

— דאָס ערשטע מאָל האָב איך אייך געזען אין וואַרשע, ווען איר זענט געקומען מיט דער „הבימה" שפּילן דעם „דיבוק". איך האָב געזען ווי דער מיראָפּאָלער רבי האָט פון אייך געטריבן דעם דיבוק. איינס קאָן איך אייך זאָגן, אַז ווען איך וואָלט געווען דער דיבוק, וואָלט איך קיין מאָל פון אייך נישט אַרויס...

ס'זיצט אַברהם שלאָנסקי. — מיט שלאָנסקין — זאָגט מאַנגער — האָב איך זיך באַקענט אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ. געווען איז עס אין יאָר טויזנט ניין הונדערט אַכט און פערציק. מיר זענען געקומען צו די געטאָ־פייערונגען, צום פינפטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. שלאָנסקי איז געקומען פון ארץ־ישׂראל און איך פון ענגלאַנד.

— איך בין איינגעשטאַנען אין האָטעל „בריסטאָל", איינער פון די צוויי האָטעלן, וואָס זענען געבליבן נאָך דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. אַ צימער האָב איך באַקומען מיט נאָך צוויי, פרעמדע מיר, מענטשן. כ'בין געקומען שלאָפן שפּעט אין דער נאַכט. מיינע שכנים זענען שוין געשלאָפן. כ'האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צום שלאָף — און ס'קומט אין מיר אויף אַ געדאַנק, אַז אין די בעטן זענען געשלאָפן דייטשע אָפיצירן.

— כ'האָב זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און אָפּגעלעגן עטלעכע שעה, נישט צוטוענדיק קיין אויג.

— משהתחיל להאפיר השחר ירדתי אל המסעדה, ואת מי, סבורים אתם, פגשתי שם? — את אברהם שלונסקי. ובשחר הקר, כשאלוהים עצמו שותה קפה בחלב, ישב שלונסקי על בקבוק וודקה. הוא לא שתה מתוך הנאה, אלא מתוך צער, ואז כרתנו ברית-ידידות.

— שלושה משוררים היינו אז, שכרתנו ברית־ידידות זה עם זה: משורר פולני ששמו עברי: טובים, משורר עברי, ששמו סלאבי: שלונסקי, ואני, משורר אידי ששמי מעורב: — מאנגר, חציו יידיש וחציו עברית.

הנה יושב הוא אל השולחן ומספר זכרונות. הוא מספר כיצד רצתה אמו בכל מאודה, שאיציקל שלה ילמד מקצוע עדין, ילמד להיות ספר. מוסרים אותו להיות חניך אצל הספר מוטל פרנס. החניכות — מספר מאנגר — עמדה על הטיפול בילדי הספר. פייגלה האדומה, אשתו של מוטל הספר, היתה מצווה עלי בלי הרף לשאת אחד התינוקות בזרועי. הייתי מחזיק בידי אחת את הילד, ובידי השנייה הייתי אוחז איזה ספרון וקורא. והנה נכנסת בעלת-הבית ותולשת מידי את הספר, ואני מעיף את התינוק מתוך ידי השנייה. — ומאנגר עושה בידו מין תנועה להטוטית ואמנותית, כדי שנראה בעליל איך התינוק עף.

מובן מאליו, כי מן הקאריירה הספרית כבר לא יצא כלום. חוץ מסטירות-לחי מידה של בעלת־הבית לא קיבל כלום. התחילו לחפש בשבילו מקצועות אחרים.

אשתי מתחננת אליו: — מאנגר, מאנגר יקירנו, העלה זאת על הכתב. הרי זה כפתור ופרח, זהב!

— לכתוב סתם אין אני יכול. לכתוב אני יכול רק כשמזמינים אצלי, כשיש לי מקום קבוע להדפיס שם. אז אני מרגיש כאילו זקוקים לזה, כאילו מחכים לזה, כאילו זה צורך. ואפילו אם זאת אשליה, ההרגשה הזאת שמחכים לדבר שלי, הריני זקוק לאשליה זו. בלא זו אין אני יכול לכתוב.

אני שומע את דברי מאנגר ואני מאוד מיטיב להבין אותו. עולה בזכרוני שירו: „אשליה, אחותי שלי!"



איציק מאַנגער. צייכנונג פון יאַנינאַ קאָנאַרסקאַ—סלאָנימסקאַ.
איציק מאַנגר. רישום של יבינה קונרסקה — סלונימסקה.

— אין קוים זיך גרויענדיקן פאַרטאָג בין איך אַראָפּ אין רעסטאָראַן. ווּעמען מיינט איר האָב איך דאָרט געטראָפן? — אַברהם שלאָנסקין. און אין דעם קאַלטן פאַרטאָג, ווען גאָט אַליין טרינקט קאַווע מיט מילך, איז שלאָנסקי געזעסן איבער אַ פלעשל מיט וואָדקע. ער האָט נישט געטרונקען פון הנאה, נאָר פון צער. דעמאָלט האָבן מיר געשלאָסן מיט זיך פריינדשאַפט.

— דריי דיכטער זענען מיר דעמאָלט געווען, וועלכע האָבן געשלאָסן מיט זיך פריינדשאַפט: אַ פּוילישער דיכטער מיט אַ העברעיִשן נאָמען: — טובים, אַ העברעיִשער דיכטער מיט אַ סלאַווישן נאָמען: — שלאָנסקי און איך, אַ יידישער דיכטער מיט אַ געמישטן נאָמען: — מאַנגער, חצי יידיש און חצי העברעיִש.

אָט זיצט ער ביים טיש און דערציילט זכרונות. ער דערציילט ווי זיין מוטער האָט דורכויס געוואָלט, אַז איר איציקל זאָל זיך לערנען אַן איידל פאַך, זאָל זיך לערנען זיין אַ פריזירער. מען גיט אים אַוועק אויף לער צום שערער מאָטל פּרנס. די לערע איז באַשטאַנען — דערציילט מאַנגער — פון ניאַנטשען דעם שערערס קינדער. פייגעלע די רויטע, מאָטל דעם שע־רערס ווייב, פלעגט מיר כּסדר הייסן אַרומטראָגן אַ קינד אויף דער האַנט. אויף איין האַנט האָב איך געהאַלטן דאָס קינד און אין דער צווייטער אַ ביכל און געלייענט. קומט אַריין די באַלעבאָסטע און רייסט מיר אַרויס דאָס ביכל פון דער האַנט, נעם איך און וואַרף אַרויס דאָס קינד פון דער צווייטער האַנט. — און מאַנגער מאַכט אַזאַ קונציקע און קינסטלערישע באַוועגונג מיט דער האַנט, אַז מיר זאָלן בפירוש זען ווי דאָס קינד פליט.

פאַרשטייט זיך, אַז פון זיין פריזירערישער קאַריערע איז שוין גאָר־נישט געוואָרן. אַחוץ קלעפּ פון זיין באַלעבאָסטע, האָט ער גאָרנישט באַ־קומען. מען האָט גענומען פאַר אים זוכן אַנדערע פאַכן.

מיין פרוי בעט זיך ביי אים: — מאַנגער, מאַנגער טייערער, נעמט און שרייבט דאָס אויף. ס'האָט דאָך טויזנט טעמים, ס'איז דאָך גאָלד!

— שרייבן סתּם קאָן איך נישט. שרייבן קאָן איך נאָר, ווען מען באַ־שטעלט ביי מיר, ווען כ'האָב אַ שטענדיק אָרט ווּ צו דרוקן. דעמאָלט האָב איך דאָס געפיל, אַז מען דאַרף עס, אַז מען וואַרט דערויף, אַז עס איז נויטיק. און אויב דאָס איז אַפילו אַן אילוזיע, אָט דאָס, אַז מען וואַרט אויף מיין זאַך, דאַרף איך די אילוזיע. אָן איר קאָן איך נישט שרייבן.

איך הער מאַנגערס רייד און פאַרשטיי אים אַזוי גוט. מיר דערמאָנט זיך זיין ליד: „אילוזיע, שוועסטער מיינע!"

והואיל ומדברים על כתיבה, אני אומר: — מאנגר, ומה בדבר כתיבת מחזה?

— מחזה אפשר לכתוב כשיש תיאטרון, אך לא להפך — אומר מאנגר, — עזבו את התיאטרון היידי. נתפשטה האופנה לחפש במרחקים. כך נוהג גם התיאטרון העברי במדינת ישראל. באמריקה אין תיאטרון יהודי בנמצא כלל. ה„ארבעטער רינג" יש לו תיאטרון, שמציגים בו חודשים אחדים בשנה, וזה הכול. אני אולי היחיד במשך חמישים השנה האחרונות שביקרתי בניו-יורק את קברותיהם של צונזר וגולדפאדן.

— אם לא יבינו מה חשיבותו של פולקלור בשביל השירה והתיאטרון, לא יבינו מאומה. מי שאינו יודע כמה יסודות של ידע־עם ושיר-עם מצויים ב„פאוסט" של גיטה וכמה יסודות משיר-העם מצויים בחלקים הליריים שבמחזות שקספיר, אינו יודע מאומה.

(מסה שלא נשלמה)

און אַז מען רעדט שוין וועגן שרייבן, זאָג איך: — מאַנגער, און וואָס איז מיט שרייבן אַ פּיעסע?

— אַ פּיעסע קאָן מען שרייבן ווען ס׳איז דאָ אַ טעאַטער — און נישט פאַרקערט — זאָגט מאַנגער. מען איז אַוועקגעגאַנגען פון יידישן טעאַטער. ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע צו זוכן אין דער פרעמד. אַזוי טוט אויך דאָס העברעיִשע טעאַטער אין ישׂראל. אין אַמעריקע איז קיין יידי׳ש טעאַטער בכלל נישט בנימצא. דער אַרבעטער־רינג האָט אַ טעאַטער, וווּ מען שפּילט עטלעכע חדשים אין יאָר, און דאָס איז עס. כ׳בין אפשר דער איינציקער וואָס האָט אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר באַזוכט אין ניו־יאָרק די קברים פון צונזערן און גאָלדפאַדענען.

— אויב מען וועט נישט פאַרשטיין די באַדייטונג פון פאָלקלאָר פאַר דער פּאָעזיע און טעאַטער, וועט מען גאָרנישט פאַרשטיין. דער וואָס ווייסט נישט וויפל עלעמענטן פון פאָלקלאָר און פון פאָלקסליד ס׳געפינען זיך אין געטהעס „פאַוסט״ און וויפל פון פאָלקסליד ס׳געפינט זיך אין די לירישע פּאַרטיעס פון שעקספּי׳רס דראַמעס, דער ווייסט גאָרנישט.

(אַ נישט פאַרענדיקטער עסיי)

19.IV.1948

ליום השנה החמישי למרד גיטו ורשה.

סופרים יהודים צועדים דרך הרובע היהודי לשעבר בורשה לאנדרטת הגיטו.

בשורה הראשונה:

יחיאל הופר, איציק מאנגר, אפרים קגנובסקי, בר מארק, אברהם זק.

בשורה שניה:

בונים הלר, משה קנפהיז, ישעיהו שפיגל וליב אוליצקי.

צום פינפטן יאָר טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.


יידישע שרייבער גייען דורך דער געוועזענער יידישער געגנט אין וואַרשע צום געטאָ־דענקמאָל.

אין דער ערשטער ריי:

יחיאל האָפער, איציק מאַנגער, אפרים קאַגאַנאָבסקי, בער מאַרק, אברהם זאַק.

אין דער צווייטער ריי:

בונים העלער, משה קנאָפהייז, ישעיהו שפיגל און לייב אָליצקי.



מיר באַוויינען דעם ערדישן טויט פון דעם איינמאַליקן יידישן פאָעט, דעם געטרייען זינגער פון זיין פאָלק, אונדזער טייערסטן און ליבסטן

איציק מאנגער ז״ל

און טרויערן צוזאַמען מיט זיין פרוי ג ע נ י אַ

מיט זיין שוועסטער ש י י נ ד ע ל ע,

מיט זיין משפחה און נאָענטסטע פריינט און מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

האַנקע און יחיאל האָפער

קטע מנאומו של יחיאל הופר שעה שניתן לו פרס מאנגר 1971

ידידים יקרים,

כאשר נתבשרתי, כי זיכוני בפרס־מאנגר *, לא היה בי כוח לשמוח. היום, כשאני יכול כבר לשמוח, אין בי כוח לדבר.

אני שמח שחולקים לי את הפרס, וזאת משלושה טעמים: א) מפני שזה הפרס הגדול ביותר, שניתן לסופר ביידיש, ושנוסד על־ידי יהודי יקר כמר מאיר ויסגל; ב) מפני שהפרס הוא על שמו של משורר מיוחד במינו כאיציק מאנגר, ג) מפני שדוקא איציק מאנגר, איציק מאנגר יקירי, הוא האיש שהייתי קשור אליו במשך שנים כה רבות בקשרי ידידות ונאמנות.

היו שנים שמאנגר היה בא לבדו, אשתו גניה עוד עבדה אז, ואני הייתי פושט את מצנפתי הספרותית, מניח את כל עבודתי וטורח ומתעסק רק בו. אחותו שיינדלה יודעת משהו על כך.

אני אוהב את מאנגר לא רק מפני שהוא "היפה ביותר והטוב ביותר **, אני אוהב אותו מפני שאני מאמין לו, מפני שאני יכול לסמוך עליו בכל.

---

*) ממר שלום רוזנפלד יושב ראש ועד איציק מאנגר.

**) החלק השני של המשפט הוכתב לי. (חנה הופר)



[illegible] 1971 [illegible] „[illegible]" ההלוכה החגיגית של



דאָס פּרעזידיום פון איציק־מאַנגער פּרייז. פון דער מיט צו לינקס: נשיאות ועדת־פרס־איציק מאנגר: מן האמצע לשמאל

אַ פראַגמענט פון יחיאל האָפּערט רעדע ביים באקומען דעם איציק מאַנגער־פרייז אין יאָר 1971.

טייערע פריינט, ווען מען האָט מיר אנגעזאגט די בשורה * אז איך האב באקומען דעם מאנגער־פרייז, האב איך זיך נישט געהאט קיין כוח צו פרייען. היינט ווען כ׳קאן זיך שוין פרייען, האב איך נישט קיין כוח צו ריידן.

כ׳פריי זיך מיטן צוטיילן מיר דעם מאנגער־פרייז און דאס צוליב דריי טעמים: א) ווייל ס׳איז דער גרעסטער פרייז וועלכן מען טיילט צו אַ שרייבער אין יידיש, עטאַבלירט דווקא אין מדינת ישראל, דורך אַ טייערן ייד, וואָס האָט ליב יידיש, ה׳ מאיר ווייסגאַל, ב) וואס דער פרייז איז אויפן נאָמען פון אזא איינציק־ארטיקן פּאָעט, ווי איציק מאַנגער, ג) וואָס דאָס איז טאַקע איציק מאַנגער, מיין טייערער איציק מאַנגער מיט וועלכן ס׳פארבינדט מיך אזויפיל יאָרן פריינטשאפט און געטריישאפט צו אים.

ס׳זענען געווען יאָרן, ווען מאַנגער פלעגט קומען אליין, זיין פרוי געניא האט נאָך דעמאָלט געאַרבעט, פלעג איך אויסטון מיין ליטעראַרישן ספּאָדיק, אַוועקלייגן אַלע מיינע ארבעטן, און זיך באשעפטיקן נאר מיט אים. זיין שוועסטער שיינדעלע ווייס עפעס וועגן דעם.

כ׳האב ליב מאַנגערן נישט נאר ווייל ער איז ״דער שענסטער און דער בעסטער״ **, כ׳האב אים ליב ווייל כ׳גלייב אים, ווייל כ׳קען זיך אים אינגאנצן אָנטרויען.

---

*) דער פארזיצער פון איציק מאנגער קאמיטעט מר שלום ראזענפעלד.

**) דער סוף זאץ איז דיקטירט. (חנה האפער)

נימוקי חבר השופטים לפרס מאנגר

יְחִיאֵל הוֹפֶר

חבר השופטים של פרס איציק מאנגר ליצירה ספרותית ביידיש החליט פה אחד להעניק את הפרס לשנת תשל"א—1971 (חלוקה שלישית), המיועד ליוצר בלשון יידיש במדינת ישראל — לסופר יחיאל הופר.

יחיאל הופר, שפסע את פסיעותיו הרא־שונות בספרות הפולנית, נמנה עם הדמויות הנציגיות של הסיפורת, המסה והשירה ב־יידיש.

מגודל בעצם עוביה של המטרופולין ה־יהודית, קהילת וורשה, ספג מילדותו את כוליותה ועיצב אותה בספרי הפרוזה שלו — הן בשני הרומנים הגדולים שלו, המתארים מתוך התבוננות חריפה וחוויה עמוקה, שתי חצרות גדולות, מיגוונת הטיפוסים שלהן, גורלם החיצוני וגלגוליהם הפנימיים — „א הויף אויף פאקארנע" (חצר ברחוב פוקורנה), „א הויף אויף מוראנאוו" (חצר במוראנאוו); הן בנובילות הגדולות שלו „ר' זלמן", ו„ר' תנחום"; הן בנובילות הקטנות שלו „אמאל" (לפנים), והסיכום־שלעת־עתה הוא פאנוראמה של חיוניות יהודית, מתוך ראייה ערה וכוח שיקוף אמנותי.

דבר זה בלבד מחייבנו להגות לו את תודתנו, כפי שאנו מביעים אותה עתה, בהחליטנו להעניק לו את הפרס על שמו של איציק מאנגר, שהוא, הופר, מטובי פרשניו, כשם שהוא פרשנם של רוב דמויות וחזיונות רבי־משקל בספרותנו ובספרויות אחרות, כפי שאנו למדים מקובץ מסותיו המחושבות־עד־היסוד „מיט יענעם און מיט זיך" (עם זולתי ועם עצמי) וביותר אם נוסיף נסיונו, הנועז מבחינת הנושא והמוצלח מבחינת ה־אמנות, לגלם את חוויותיו כפליט בספרו „אין ווייסער פארפאלנקייט" (בחלל האבדן הלבן) וקבוצת שיריו — שירי לילה־ובית־חולים, ואנו יודעים כי בסדנתו צופים לדפוס כרכים של פרוזה, מסה ופיוט, שאנו מאחלים לעצמנו ולו לראותם במגילת ספר, ובמהרה בימינו אמן.

פראַגמענט פון האָפּערס רעדע:

קטע מדבריו של יחיאל הופר:

טייערע פריינט,

ווען מען האט מיר געזאגט די בשורה אז

איך האב באקומען דעם מאנגער-פרייז, האב איך

זיך ניט געהאט קיין גלויבן צו [illegible]

ווען כ'האב זיך שוין [illegible], האב איך ניט קיין

[illegible]

כ'פריי זיך [illegible] מיר דעם מאנגער-

פרייז [illegible] דריי טעמים: א) ווייל [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] ב) ווייל

[illegible]

[illegible] מאנגער, ג) ווייל

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מאַטיוון פון דער זשורי פונעם מאַנגער־פּרייז

יחיאל האָפּער

די זשורי פון איציק מאַנגער-פּרייז פאַר ליטעראַטור-שאַפונג אין יידיש האָט איינשטימיק באַשלאָסן צוצוטיילן דעם פּרייז פאַרן יאָר תשל״א—1971 (דריטע פאַרטיילונג), וואָס איז באַשטימט פאַר אַ יידישן שאַפער אין מדינת ישראל — דעם שרייבער יחיאל האָפּער.

יחיאל האָפּער, וואָס זיינע ערשטע טריט זענען געווען אין דער פּוילישער ליטעראַטור, געהער צו די רעפּרעזענטאַטיווע געשטאַלטן אין דער יידישער בעלעטריסטיק, עסייאיסטיק און דיכטונג.

אויסגעבאָוועט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער יידישער מעטראָפּאָליע, וואַרשע, האָט ער פון קינדווייז אויף, מיט אַ שאַרפער אָבסערוואַציע און טיפער איבערלעבעניש איינגעזאַפּט איר טאָטאַליטעט, און האָט זי אין זיינע פּראָזע-ווערק געשטאַלטיקט — סיי אין די צוויי גרויסע ראָמאַנען — „אַ הויף אויף פּאָקאָרנע" און „אַ הויף אויף מוראַנאָוו" — וואָס באַשרייבן צוויי גרויסע הייף, זייער טיפּאַזש, זייער אויסנווייניקסטן גורל און זייערע אינעווייניקסטע גלגולים; סיי אין זיינע גרעסערע נאָוועלן „ר' זלמן" און „ר' תנחום", וואָס שטעלן אין צענטער פון דערציילעריש באַהאַנדל באַזונדערע פיגורן; סיי אין קלענערע נאָוועלן „אַמאָל", און דער לעת-עתהדיקער סך־הכל איז אַ גרויסע פּאַנאָראַמע פון יידישער וויטאַליטעט, לעבעדיק געזען און קינסטלעריש געוויזן.

דאָס אַליין איז אונדז מחייב אויסצודריקן אים אונדזער דאַנק, ווי מיר טוען דאָס מיטן באַשלוס צוצוטיילן אים דעם פּרייז אויפן נאָמען פון איציק מאַנגער, וואָס ער, האָפּער, איז פון זיינע בעסטע מפרשים, פּונקט ווי ער איז אַ מפרש פון אַ סך וואָגיקע געשטאַלטן און דערשיינונגען אין דער יידישער און פרעמדער ליטעראַטור, ווי מיר לערנען אָפּ פון זיינע פיין-דורכגעטראַכטע עסייען אין בוך „מיט יענעם און מיט זיך". בפרט אַז עס קומט נאָר צו זיין טעמאַטיש-געוואָגטער און קינסטלעריש-געלונגענער פּרוּוו צו געשטאַלטיקן זיינע איבערלעבענישן ווי אַ פּליט אין זיין בוך „אין ווייסער פאַרפאַלנקייט" און זיין געזעמל פּאָעזיע נאַכט- און שפּיטאָל-לידער, און מיר ווייסן, אַז אויפן וואַרשטאַט זיינעם וואַרטן אַרויסגעגעבן צו ווערן בענד פּראָזע, עסייען און פּאָעזיע, וואָס מיר ווינטשן אים און זיך צו זען אין טאָוולען, ובמהרה בימינו אָמן.

דריי שוועסטער

יחיאל האָפּערן

דריי אַלטע מיידלעך זיצן ביים פייער.
די קעפּ זילבערן. דער אָוונט איז קיל.
איינע זינגט פון דער פאַרלאָזטער מיל
און דער טויטער כלה אין כלה־שלייער
וואָס נידערט אַראָפּ פון די געדרייטע טרעפּ
מיט בלאָע אויגן און מיט בלאָנדע צעפּ
און צעשאַרט דאָס אַש פון אַ פאַרלאָשן פייער.

די צווייטע זיפצט: „אַ שאָד, אַ שאָד
אָט־אָט די חופּה, און ס'איז נישט געוואָרן"
זי פיבערט. פאַרשפּילטע יונגע יאָרן
הערט זי וויינען ביים מיל — אַ ראָד,
וואָס דרייט זיך כסדר ווי אַמאָל —
אָן אַלטע ווערבע הוז'ט איבער אין טאָל:
„פאַרשפּילטע יונגע יאָרן".

די דריטע שווייגט. די אויגן צוגעמאַכט.
נישטאָ קיין „געווען" נאָר „איצט" נאָר „וואָר"
אַ בתולה מיט בלאָנדע קוטשעראַווע האָר
הויבט לאַנגזאַם אויף דעם פאַרהאַנג פון דער נאַכט.
אַ יונגער טאָג רייבט זיך אויס די אויגן
און קוקט פאַר'חידוש'ט נאָך דעם שוואַלבן־ראָד
וואָס איז אָט ערשט פאַרביי געפלויגן.

דריי אַלטע מיידלעך זיצן ביים פייער,
די קעפּ זילבערן. דער אָוונט איז קיל.
איינע זינגט פון דער פאַרלאָזטער מיל
און די צווייטע זעט דעם כלה-שלייער,
וואָס פלאַטערט אין איר דמיון ווייס און שטיל.

די דריטע פאַרלייגט די הענט אין שויס,
פילט ווי זי איז באמת אַ ווילדע וואַלד-רויז,
וואָס ציטערט אין שפּילן אָוונט-גאָלד
און יעדער איינער האָט זי באמת האָלד . . .

כמאַרעם

יחיאל האָפּערן

כמארעם קומען זיך צונויף, אויפן הימל אַ יאַריד.
פּויערים און פּויערטעס, ייִדענעס און ייִדן.
קאַטערינקעס קרעכצן. בלינדע בעטלערס לידן,
גוים קויפן שווערע שטיוול און קאַסעס פאַר׳ן שניט.

פּלוצים אַ מהומה. פונעם מערב-ווינקל ציט
אַ כאַפּטע כוליגאַנעס, קיילערס, טרעגערס, שמידן:
„דאַלאַי מיט די זשידעס!״ — „אַראָפּ פון די יאַרידן!״
שאַרפע מעסערס בליצן. גאָט באַשירעם און באַהיט!

ייִדן לויפן מיט צעיאָגטע פּאָלעס. ווייבער שרייען.
סחורות פאַלן „טראַך!״ סע ווילדעוועט דער קין
ס׳שטעלן זיך „דיבאָם״ און הירזשן ווילד די פערד.

„כלאַפּצעס איבער קעפּ!״ — „כלאַפּצעס אין די זייטן!״
ייִדן שיסן אוים מיט אַ געוויין. דערלעבט די צייטן!
און זייערע טרערן שטראָמען אַראָפּצו צו דער ערד.

פֿאַר
ראובן הופֿמאַן
[illegible]

איציק מאַנגער

נאָענטע געשטאַלטן

און

אַנדערע שריפֿטן

ארויסגעגעבן פון
איציק מאַנגער יובל־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1961

Jechiel Hofer

ITZIK MANGER

(Essays)

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St. Tel-Aviv, Israel

הוצאת י. ל. פרץ,
אלנבי 31, תל־אביב

Printed in Israel, 1979
נדפס בישראל, תשל"ט

דפוס אופסט „ראם" תל־אביב טל. 59596

ביכער פון יחיאל האָפער:

לידער פון דער נאַכט
פּאָעמע, פּאַריז, פאַרלאַג צעראַטאַ, 1950
אַ הויף אויף פּאָקאַרנע
ערשטער און צווייטער באַנד פון ציקל "מיינע וואַרשעווער הייף",
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1959
ר' זלמן
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960
אַ הויף אויף מוראַנאָוו
דריטער און פערטער באַנד פון ציקל "מיינע וואַרשעווער הייף",
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1962
אַמאָל
דערציילונגען, תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1963
מיט יענעם און מיט זיך
עסייען, ערשטער באַנד, תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1964
ר' תנחום
ראָמאַן, תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1966
אין ווייסער פאַרפאַלנקייט
לאַגער־ראָמאַן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, תל־אביב, פאַרלאַג "המנורה". 1969
לידער פון שפּיטאָל און לידער פון דער נאַכט
צווייטע אויפלאַגע, יידיש–עברית, תל־אביב, פאַרלאַג "המנורה", 1976
איבערזעצט פון חנוך קלעי און ישורון קשת

די אַלע ביכער זענען אויספאַרקויפט

מיט יענעם און מיט זיך
עסייען, צווייטער באַנד, תל־אביב, פאַרלאַג "המנורה", 1976
איציק מאנגער, עסייען, יידיש—עברית, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1979
איבערזעצט פון חנוך קלעי

ספרים מאת יחיאל הופר:

עברית:

חצר בפוקורנה
תירגם דב סדן, מוסד ביאליק 1968
ר' תנחום
תירגם א. פורת וח. פלג, "עם עובד", 1968
בנשיה הלבנה
תירגם שלמה שנהוד, הוצאת ספרים "יבנה", 1972
שירים מבית־חולים ושירי לילה
תירגם חנוך קלעי וישורון קשת, "המנורה", 1976
חצר במוראנוב
תירגם חנוך קלעי, מוסד ביאליק, 1977
איציק מאנגר
מסות, תירגם חנוך קלעי, הוצ. ספרים י. ל. פּרץ, 1979